STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10279

IKH KUM AHEYM

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

איך קום אהיים

אוי, ענטפערט מיר, איך בעט אייך זייער,
וואָס האָב איך מיך אַזוי צעזונגען?

(מ. וואַרשאַווסקי)

מאָנטרעאַל, 1963

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פונעם יוסף ווינעצקי־פאָנד ביים יידישן
פּען־קלוב אין ניו־יאָרק

M. M. SHAFFIR

ICH KOOM AHAYM
(I Am Coming Home)

פונעם אייגענעם מחבר

„אַ סטעזשקע״, לידער

מאָנטרעאַל 1940, 192 זייטן.

(גלאָסאַר און עטלעכע ווערטער — ביים סוף)

27

Printed in Canada by

THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.

Montreal, Quebec

1963

אַ וואָרט פון אַ חבר

אַ שיינער מנהג — דער מנהג צו שרייבן הקדמות צו ביכער פון חברים. און דער עיקר — אַז ס'איז אַ לידער־בוך און — צוויי מאָל דער עיקר — אַז ס'איז אַ יידיש לידער־בוך. וואו איז דען היינט פאַראַן אויף דער וועלט אַן איינזאַמערע באַשעפעניש, ווי אַ יידיש לידער־בוך?

איז גוט צו נעמען אַ חברס אַן אָרעם אונטער דער האַנט און אים באַלייטן אַ פּאָר בלעטלעך וועגס — בשעת ער שיקט אַרויס אין דער וועלט אַריין זיינע אַן אָפּגעציטערטע זאַמלונג שירים.

און מ. מ. שאַפּיר האָט שוין מער ווי צוואַנציק יאָר קיין לידער־ביכער נישט אַרויסגעגעבן און בסך הכל האָט ער נאָר איין זאַמלונג געבראַכט אויף דער ליטעראַרישער שיין. איז עס דאָך אוודאי און אוודאי אַן אָפּגעציטערט בוך.

לויט דעם דורכשניט־עלטער פון דער יידישער דיכטערשאַפט איז מ. מ. שאַפּיר נאָך אַ גאַנץ יונגער. אָבער לויט דער צאָל פון זיינע ביכער און דער וועלט־פאַרשפּרייטונג פון זיינע לידער אין זשורנאַלן — נאָך גאָר, גאָר יונג. נישט שטאָלץ איז עס און ניט באַשיידנקייט, וואָס שאַפּיר איז אַזוי צוריקגעהאַלטן מיט דעם ברענגען זיינע לידער צו פּירסום. עפּעס אַזוי איז ער. דאָס איז זיין דרך.

כאָטש ער איז אַזוי אַנדערשדיק פון די יידיש־פּאָעטן, וואָס געזונטע און לעגאַלע השפּעות פון זיי זענען דאָ אין זיינע לידער — וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ נאָוואַטער אינעם יידישן ליד. אין אַ וועלט, וואָס רייסט זיך צו אָריגינעלקייט איז מ. מ. שאַפּיר אָריגינעל מיט דעם ווילן נישט צו זיין קיין נאָוואַטער.

ס'איז ערגעץ דאָ אַ ווערטל: זאָג מיר מיט וועמען דו חברסט זיך, וועל איך דיר זאָגן ווער דו אַליין ביסט. נעמט די ווערטער נישט אַבסאָלוט און אויך נישט דורכויס רעלאַטיוו — בשעת איך וועל איך דאָ ווייטער אויסרעכענען אַ ריי נעמען, וואָס סע דאַכט זיך מיר, אַז זיי זענען בעלי־השפּעה אויף שאַפּירס ליד: מאַני לייב, האַלפּערן, מאַנגער.

און כדי איר זאָלט די ווערטער אויפנעמען נישט מיט קיין שמייכל און נישט מיט קיין צוק אין אַ ווינקל מויל — וועל איך דערציילן אָט וואָס: מיר האָט אַמאָל מאַני לייב קלאָר און דייטלעך געזאָגט, אַז זיינע ערשטע לידער זענען געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון שמואל יעקב אימבערס לידער־בוך „וואָס איך זינג און זאָג" — — אַקעגנזשע האָט מיר אַמאָל ה. לייוויק געזאָגט, אַז יאָרן לאַנג איז ער דיכטעריש געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון מאַני לייבן. און הערנדיק די רייד פון די צוויי גרויסע דיכטער

— געדענק איך — זענען מיר טרערן פון פרייד געשטאַנען אין די אויגן. וויפיל הערלעכע דיכטערישע אויפריכטיקייט!

וואָלטן די ווערטער דאָ נישט געווען קיין ווערטער אין אַ הקדמה, נייערט ווערטער אין אַ רעצענזיע — וואָלט איך ציטירט. אָבער נישט שייך צו ציטירן אין אַ הקדמה — ווען מע קען די לידער גרינג געפינען אין בוך גופא. געפינט און מישט אויף אַט־די לידער: באַלאַדע פונעם גאַס־לאַמטערן, די בלייכע גראַפיניע, יחזקאל, צי וועט, אַ ביטער ליד, בין איך מיר אַ שניידערל, זאָג מיר בוים. מיר וואָלטן נאָך געקענט ציילן און ציילן אַזעלכע לידער, אַזעלכע פּערל אין בוך. אָבער זאָל זיין גענוג מיט דוגמאות.

ווי האָט — דאַכט זיך — שלום עליכם געזאָגט אַמאָל אויף מאַמע־לשון: אַ מחייהדיק לשון — מע פאַרשטייט יעדעס וואָרט.

סע גלוסט זיך ממש פאַראַפראַזירן דאָס וואָרט: מ. מ. שאַפּיר — אַ מחייהדיקער דיכטער — מע פאַרשטייט יעדעס ליד.

אָבער פאַרשטיין איז נאָך ווייניק. פילן איז מער. מיטפילן — נאָך מער. מיטלעבן — שוין אַ היפּש ביסל נאָך מער. און אַזוי איז עס. אָבער דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען נישט גענוג, ווען דער פּאָעזיע־מפונק וואָלט אין אַט־די לידער נישט געפונען אויף שריט און טריט אָדער ווערז־פוס און ווערז־פוס די עלעמענטן פון עכטער פּאָעזיע: בילדערישקייט, ריטעם, איבערראַשונג — אָדער פשוטער און פאָלקסטימלעכער: „דיכטערישן כאַפּ" — ביי די אומות־העולם רופט מען עס „פּוענטע". און וואָס שייך בילדערישקייט — ווי האָט אַמאָל געזאָגט סימאָנידעס, דער אוראַלטער גריך־משורר — פּאָעזיע איז רעדנדיק בילד, און בילד איז שווייגנדיקע פּאָעזיע.

וואָלט איך מיך פאַרנומען דאָ צו ברענגען דוגמאות פון בילדערישע שורות, וואָלט איך זיי אָנגעשאָטן אַ גאַנץ בערגל, ווי אַ בערגל מיט פּערל אויף מיין טיש. אדרבא נעמט אַזאַ סטראָף: איך האָב מיך פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אין אַ וואַלד, / צעווישן ביימער־ריזן. / פאַרנאַכט — אין די צווייגן האָבן געשטעקט / די לעצטע שטראַלן־שפּיזן. / אגב איז דאָס דער ערשטער סטראָף פון דעם גאָר מערקווירדיקן ליד „די באַלאַדע פון דער שרעק אין וואַלד".

מ. מ. שאַפּירס לידער זענען דורכגעזאַפּט מיט אוראַלטער יידישער מסורה און מיט נייערער יידישער פאָלקסטימלעכקייט — ווייל דער שטילער שאַפּיר איז זיך אַזוי שטילערהייט חוץ אַ לערער, אויך אַ פאָלקלאָר־קענער, אַ קענער פון לשונות און אַ ליבהאָבער פון ספרים. און דערצו זענען די לידער איינגעגלידערט אין דעם גרויסן פילפאַרביקן שטראָם פון יידישער מאָ־דערנער פּאָעזיע. און ווילט איר אַ דוגמא — מישט אויף דאָס ליד „די שטערן".

איך האָב גערעדט מיט מיין טייערן חבר — בשעת ער האָט צונויפ־געשטעלט זיין בוך — און אים געעצהט אַביסל מער מצמצם צו זיין און מאכן א מער ריגאָראָזן אָפּקלייב. האָט ער דאָ אָבער געהאַט א האַרציקן אַרגומענט, און קעגן האַרץ קען זיך קיין כוח נישט אַנטקעגנשטעלן: „איינמאָל אין עטלעכע און צוואַנציק יאָר גיב איך אַרויס אַ בוך — איז זאָל איך זיין אַן אכזר צו דעם, אָדער יענעם ליד — באשר עס דאַכט זיך, אַז עס איז אַביסל שוואַכער? אדרבא — פאַרקערט... נישט אַזוי?" — איך האָב באַשטעטיקט מיטן גאַנצן האַרץ.

אגב — עס רעדט זיך אַזוי „אגב", דאָס איז שוין גאָר וויכטיק — זענען אין דעם בוך אינטעגרירט, כאָטש נישט אין קיין באַזונדערן ציקל אויסגעטיילט, לידער, וואָס זענען אין דער אמתן פאַרטיפטע משלים. צו אַזעלכע וואָלט איך צוגערעכנט דאָס ליד „אַ בוים".

און ביז צו די טיפענישן פון דער נשמה טרייסלען־אויף שאַפירס — ממש בלוטנדיקע — חורבן־לידער.

און אחרון, אחרון חביב — זענען איבערן גאַנצן בוך דאָ און דאָרט צעוואָרפן לידער, וואָס וואָלטן געוועזן פּערל אין אַ קינדער־לידער־בוך. און טאַקע נישט לידער וועגן קינדער, נאָר לידער פאַר קינדער. און גוטע קינדער־לידער זענען אויך פאַר דערוואַקסענע אַ נחת צום לייענען.

אַ געוויסן קאָנטראַסט אין דער טעמאַטיק און אין די פאָרמען פון שאַפירס לידער ווילט זיך דאָ אַרויסהויבן: פון איין זייט — פאָלקסטימלעכע מאָטיוון, ממש דאָס ניינצנטע יאָרהונדערט און דאָס טיף־דרימלענדיקע יידישע שטעטל — כלה־מאָטיוון און ליבעס־מאָטיוון — און פון דער אַנדערער זייט — אורבאַניסטישע לידער, גרויס־שטאָט, הו־האַ, פאַרדאַרבנקייט, דזשאַז און נאַכט־קלוב. אָבער קוקסטו טיפער אין דעם אַריין זעסטו, אַז דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קאָנטראַסט, בשום אופן נישט קיין סתירה. אדרבא — דאָס איז אַ דערגענצונג. די אורבאַניסטישע לידער זענען אַזוי פול מיט האַס צום אורבאַניסטישן, און די פאָלקסטימלעכע — אַזוי פול מיט ליבשאַפט צום שטילן, אַמאָליקן, אויפריכטיקן — אַז אין דער אמתן איז עס אַ גאַנצקייט.

יאָ — אויפריכטיקייט. —

נישט שייך צו זאָגן „דער אויפריכטיקסטער" — נישטאָ אַ מאָס צו מעסטן די העכסטע מאָס פון אויפריכטיקייט, אָבער קיין שום ספק נישט, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ זאַמלונג גוטע, גוטע ,העכסט־טאַלענטפולע לידער פון איינעם פון די אויפריכטיקסטע יידישע משוררים. (אגב איז שאַפיר אויסערגעוויינטלעך מוזיקאַליש. זיין זינגען אַ פאָלקס־ליד איז שטילע

מתיקות. און נאָך אַן אגב — ער איז טאַקע יאָרן־לאַנג אַ משורר בפועל ממש אין אַ שיל — צו אַלע זיינע איבעריקע מלאכות).

ווי האָבן מיר אויבן געזאָגט: אַ מחייהדיק בוך — דו קענסט יעדעס ליד פאַרשטיין.

צו דעם קענען מיר נאָך צוגעבן:

אַ מחייהדיק בוך — ווייל דו גלויבסט, יאָ, דו גלויבסט יעדן איינציקן ליד.

שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר קענען מיר זיך — שאַפּיר און איך — און ס׳האָט נאָך קיינמאָל קיין בייז וואָרט צווישן אונדז נישט קיין פּלאַטער געטאָן.

דערפאַר האָב איך זיך אָנגעבאָטן דעם יינגערן חבר און זיך אַליין אויפגערופן צו שרייבן אַ הקדמה צו זיין צווייטן לידער־בוך.

איך נעם אַרויס די האַנט פון אונטערן אָרעם פון דעם דאָזיקן בוך. גיי זיך, בוך, אַוועק דיין איינזאַמען וועג פון אַ יידישער לידער־זאַמלונג. אַסך, אַסך פון דיינע לידער וועלן זיך שטאַרק אינטעגרירן אין דעם אוצר פון דער יידישער פּאָעזיע.

לכך נוצרת — אַט צוליב דעם ביזטו עס באַשאַפן געוואָרן דורך דעם דיכטער מ. מ. שאַפּיר.

מלך ראַוויטש

מאָנטרעאַל, מאַי 1962.

איך קום אהיים...

אָט בין איך ווידער דאָ

אָט בין איך ווידער דאָ, איר היימישע געמאַרקן.
די שריפה, וואָס האָט אייך פאַרלענדט, האָט מיך געמיטן.
אַ רויטער אָפּשיין בלויז האָט זיך צו מיר פאַרקליבן,
און רויכן, וואָס זיי פּרעסן מיר דאָס אויג און וואַרגן.
דער בליץ, וואָס האָט מיט פלאַמען אייער גזר פאַרשריבן,
און איז אַראָפּ אויף אייך, אַ שווערד, און אייך פאַרשניטן —
האָט מיך געשוינט; — און בלויז דער אָפּהילך פונעם דונער
האָט וואו־נישט־וואו די סטריכעס פון מיין ליד געפונען.

ביים טאָל מיט אַש

פאַרבייגייער, שטעל דאָ פּאַמעלעכע עטלעכע טריט — און פאַרהאַלט זיך.
גיב־נאָך אויף אַ רגע די טרערן, נאָר לאָז דאָס געוויין דיך נישט טויבן.
פאַרנעם די געשרייען פאַרשטיקטע, וואָס פלאַטערן דאָ אינעם חלל; —
פאַרנאַכט — ווי חיילות פאַנפאַרן, וואָס ציען די העלדזער פאַרבענקטע
צו אַלע פיר עקן דער וועלטס און צום כסא־הכבוד, צום סאַמע;
אין טאָג־ליכט — ווי כוואַליעס צעצאַרנטע פויקן, געשמידט אין מרידה;
קאַיאָר — ווען די זון וויל נאָך אַלץ אירע פליגל מיט היילונג פאַרשפּרייטן
אויף אַלעמען גליידך, און זי קושט אירע קינדער און עצהט: פאַרגיט זיך —
קאַיאָר הייבן אויף די פאַרשטיקטע געשרייען די קעפּ פון די אַשן
און ווערן צעפלאַקערטע מחנות טרומייטערס — די זון צו פאַרטרייבן —
פאַרוואָס זי האָט נישט מיט קיין בראַנדיקע מעסערס געעקבערט די אויגן
דעם פאָלק פון די בלאָנדע גערמאַנער, ווען ס'האָט אונדז געטייט און געטיליקט.

די זון איז אַ שטומער, צעגליטער בריליאַנט און ער טריקנט די ימען,
וואָס קענען נישט צאַמען אין זיך דאָס געבורע פון בלוט און פון טרערן,
פאַרשאָטן אין תהום, נאָר געאייניציקט ווי גאָט ביזן סוף כל הדורות.

אַמאָל הערט זיך צו דער באַשעפער צום אָפּהילך פון אונדזערע בכיות,
וואָס דונערט־אַרויף פון דער טיף פונעם ים — לאָזט ער איבער די הייכן,
און נידערן נעמט ער האַלב־נאַכט, אַ געגורטער אין בליציקע שווערדן,
און קרישלט די וואָלקנס וואָס האַלטן אים אויף אין זיין צייטיקן צאָרן —

ער ציטערט אין הייליקער שבועה, צו צאָלן, צו שטעלן צו משפט
פאַר טייכן מיט בלוט, וואָס זיי שניידן דעם כדור און ווילן אים שפּאַלטן —
נאָר פּלוצים צענעמט דער באַשעפער די הענט — און אין ביטערער אָנמאַכט,
אין דרייען געקאָרטשעט, צעדריוולען די פויסטן די בליצן פון משפּט,
און שליידערן זיי אינעם לײדיקן תהום פון די וויטסטע אין־סופן...

די זינד, וואָס די זון האָט געזען, איז אַזאַ, וואָס זי האָט גאָר קיין שטראָף נישט;
כאָטש אומקערן גאָר דעם באַשאַף צו די תהומען פון תוהו־ובוהו —
און איבער די אייביקע תקופות זאָל גליווערן ווידער דער אַין,
און וואו במיסתרים זאָל אָבלען די שכינה און וואָיען...

פאַרוויסט

דער גרויל האָט מיר פאַרוויסט דעם קוואַל פון טרערן־זאַלצן.
איך שטום און פיבער ווי אַ שטיין, וואָס תמוז ברענט אים.
איך זוך אַ זכר פון אַ קוימען כאָטש, צו האַלדזן,
און פון אַן אָפּגעברענטער שטוב אַ זכר כותל.
כ׳טו־אָן אַ שטיק פאַרברענטע קאָלדרע אויף די לענדן.
איך וואַרף אויף מיר דאָס אַש פון דעם פאַרברענטן מקום,
און זעץ מיך אויף אַ שוועליק בערגל איכה־קלאָגן,
און שפּרייט מיך, וואַלגער מיך צו־פוסנס אים, אין שויס אים.

איך וויין מיט שטומע, מיט דערוואָרגענע יללות.
ס׳האָט אין מיר אויסגעטריקנט וויסט דער טרערן-ברונעם.
איז דאָ אַ הימל, וועמען מע זאָל קענען קללהן?
כ׳האָב אין מיין בלינדעניש געצויגן זיך — דערגרייכן
די וויטע־ברייטע, בלויע אויסגעלויבטע הייכן, —
נאָר מיין געשריי האָט מער קיין אָפּהילך נישט געפונען.

כ׳האָב נישט געזען

כ׳האָב נישט געזען, ווי ס׳האָט ביי איך געטיליקט די מהומה.
אַ ווייטער ווידערהילך איז צו מיין אויער קוים דערקומען.
אַ ווייטער ווידערשיין האָט מיר פאַרשטאַרט די אויגן־וויעס
און מיר דעם טרערן־קוואַל פאַרסמט — קיין טרער נישט מער צו ציען.
איך גליווער נאָך מיט אייער לעצטער שרעק און ווער פאַרשטיינערט,
נאָר ס׳לעכצט אומזיסט מיין אויג נאָך זיסן טעם פון הייסן וויינען.

ווען אַנגסטן־פעטליעס האָבן אייך דעם אָטעם אויסגעזויגן —
וויזוי האָב איך נישט אויסגעוויינט די ווייסלען פון די אויגן,
אַז ס׳זאָלן מיר אין שאַרבן בלייבן פינצטערע צוויי לעכער,
וואָס ס׳אַרט זיי נישט, דאָס זון־ליכט זאָל זיי עקבערן און שטעכן — ?

ווי גיי איך אום און רייס נישט פון מיר לעבעדיקע שטיקער,
און רעד מיט רייד און נישט מיט שטומער כליפּעניש, פאַרשטיקטער —
און שלאָף נאָך מיט אַ ווייב און כאָווע די געשענקטע קינדער,
און איך פאַרגיי נישט אין דעליר, וואָס זאָל מיין מוח בלינדן — ?

וואָס טו איך מיר נישט אָן די מיתות, וואָס איר האָט געליטן?
ווי זיץ איך שבעה נאָך אָן אייגן פאָלק, אַ גזר־פאַרשניטנס!
אַז סיידנס ווער אַליין אַ שטיין צו־קאָפּנס פון דיין אומה —
נאָר וואו, אויף וועלכן צלם־וועג איז זי נישט אומגעקומען?

געוויינען פאַלן אויף מיין חורבן — אַסיענדיקע רעגנס.
ער זאַפּט זיי איין, ווי הייסע זאַמדן אויף די מידבר־וועגן...

אַ פּוסטער, איינגעדאַרטער לאַגל איז מיין האַרץ געוואָרן —
און וויי! — סע לעכערט נישט די ווייטיק־שווערד זיין טעמפּע קאָרע.
דער טרערן־קוואַל איז פּוסט, דעם ברויז אין האַרץ מיר אויסצואוואַשן.
נישט־גוטע טאַנצן דאָרטן אום אויף אָפּגעמעקטע פּאַשעס.
מיין האַרץ איז אַ פאַרריסטער טאָפּ, מיט זשאַווער אויף די ראַנדן,
ווייל ס׳פאַלט נישט מער קיין טרערן־טוי אויף זיינע וויסטע זאַמדן...

איך קום אַהיים . . .

איך קום אַהיים און טרעף מיין שטעטל אָפּגעברענט, פּאַרוויסט, צעלאָמעט.
ס'איז העט נאָך אַלע גסיסה־כאַרכלען, העט באַכן געיאָמער.
די שטיל פּאַרטויבט מיט שטומע, מיט דערוואָרגענע געשרייען,
אַ שאָרך פאַרלייגט אַרום מיין האַלדז אַ פּעטליע יאוש.

די שטיבלעך — ווי די הינער, וואָס אַ טכויר האָט אויסגעוואָרגן.
איך פיל ווי פינגער קלעמען זיך אַרום מיין גאָרגל.
אין בלאָטע דאָס בית־מדרש און אין אַש די ספרים
און נישט קיין זכר פונעם אַרימלעך־געשניצטן ארון.
איך זוך אין קופּעס אַש געלעסטערטע יריעות.
(כ'האָב נעכטן ערשט באַקומען דאָ אַ תורה־עליה . . .)
אַ פויגל פליט פאַרביי. איך הער די פליגל שאָרכן.
איך כאַפּ זיך אויף. אַ רגע האָט זיך מיר געדאַכט : ס'איז אותיות פורחות.

פון ווייטנס — דער בית עלמין, ס'האָט אַפילו אים נישט אויסגעמיטן.
קיין פּלויט פאַרשטעלט אים נישט. ער ליגט צעקיילט, צעשניטן,
מיט שטיקער אויסגעריסן לייב און אָן מצבה־שטיינער.
דער דייטש האָט זיי פאַרשלעפּט און פלאַסטערט מיט זיי דייטשלאַנדס וועגן.
די אָפּגעדעקטע קברים קריק פאַרדעקן קומט נישט קיינער,
נאָר כמאַרעס נידערן אויף זיי און נעפּלען אויף זיי רעגן.

פאַרגליווערטע צוויי חורבות אין אַן איינגעלייגטן ליקל
צעהינקען זיך און בלינדיקן מיט אויגן־לעכער אויסגעברענטע,
פאַרגאָסענע מיט אַ פאַרשטיינערטן שיגעון, און אויף אַ שטריקל
טאָלעפּעט זיך אַ שטיקל טיר — אַ האַנט : רחמנות, מענטשן . . .

איך טוליע זיך צו אַ פאַרקוילט בית־מדרש־ביישטידל, וואָס פייער
האָט נישט געקענט מיט זיינע פלאַמען־ציינער גוט צעקייען.
דאָס ליידיקע מזוזה־שיידל הענגט ווי אויף אַ נס און ציטערט.
דער שדי ווײנט מיט זשאַווערדיקע שנירלעך טרערן
אויף שטיקלעך טינק פאַרבלוטיקטן, אויף שויבן־שפּליטערס.
איך טוליע־צו מיין ליפּ צו גאָטס פאַרשמאַכטן שטערן.
מיין טאַטנס תפילה פלעגט דאָ קלאָגן זיך און ברומען
און וואָרקען אין די סליחות־אינדערפריען —
אַ טויב, וואָס מ'האָט ביי איר די קינדער צוגענומען :

געוואַלד, שתשים דמעותינו בנאדך להיות...
אַ שורה נוסח ווילט זיך מיר פאַרציען.
דאָס קול איז מיר פאַרשנירט, ווי איך זאָל הענגען אויף אַ תליה.
אין האַרץ־קוואַל זידט געוויין, די כוואַליעס בריען,
נאָר קענען נישט דערגיין צו מיין פאַרשטאַרטער וויע.

איך קום אַהיים, אַ קלאָג צו מיר — איך שעם זיך נישט אַהיימצוקומען.
דעם זונה־שטערן טראָג איך שטאָלץ, ווי ס׳טראָגט דעם צלם שטאָלץ אַ מומר.
איך וואַלגער מיינע לעפּצן נישט אין חורבנס אַש און שטויבן.
דער שיינער טאָכטער פּונעם ליד האָב איך אָוועקגעשענקט מיין גלויבן.

מיין אָפּגעמעקטער שטאָם, דו מעגסט אָצינדערט שטיל שוין ליגן.
כ׳האָב וועגן דיר פאַרפאַסט אַ ליד און צוגעפּאַסט דערצו אַ ניגון.
דער טיליקער, דער כאָם, וועט מער אויף דיר קיין האַק נישט הויבן.
מיין ליד וועט אים פאַרשעמען טיף — און וועט מיין נאָמען לויבן...

אַז דיך האָט מען געסמט, מיין שטאָם, האָב איך געגראָגערט גראַמען.
אַז דיך האָט מען געשענדט, האָב איך געבלענדט מיט סטענגעס
ווערטער־פלאַמען.
אַז דיך האָט מען געפאַסעוועט, האָב איך געפאַסט און מיין נשמה
האָט אָנגעטאָן אַ טרויעריקע מינע, ווי אַ לאָמער.
די בלייכקייט האָט געפּאַסט צו מיין פאַרטראַכטער צורה.
די וועטשערע געהאַט האָט אַלע טעמים, נאָכן טרויער־פּורים...

מיט געריטנער קברים האָט די ערד געבליט, מיט סעדער תליות.
די קרקע־בתולה איז פאַרגאַן אין טראָגן מיט אַ נייער זריעה —
מ׳האָט אָנגעשטאָפּט איר טראַכט מיט לעבעדיקע יידן-לייבער.
(מע פלעגט אַמאָל ביי יידישע, ביי טראַגעדיקע ווייבער
די בייכער עפענען, כדי קעץ אַריינצונייען.
דאָס טוען היינט נישט מער קיין דייטשע שטאָלצע מאַנען.)
די שעכטונג האָט ביי דיר געווילדיקט שטום און אָן געשרייען —
אין אינגעווייד דער נאַכטס געהוזשעט האָבן באַנען,
אויף ליכטיקע, לבנה־בלויע רעלסן האָבן זיי געסאָפּעט
און אָנגעבערענגט קהילות יידן — לעבעדיקע קברים קאָפּען...

אוי, קרעציק זענען מיינע זיפצן, (וואָס איך זיפץ זיי ווי נדבות),
און אויך די ווייכע ווייס פון מיין פאַרשייטן חלום, מיין געלעגער.

איך ווייס, פאַר מיר וועט קאַרג זיין אַלע שטראָפן,
כאָטש בלוט פון מאָרד וועט קיינער נישט דערזען אויף מיינע נעגל.

איך וויל זיך וואַרפן קושן די פאַרשעמטע ערד, וואָס גליווערט
מיט אַ דערוואָרגן קול און מיט פאַרשטיקטע ליפן;
דעם שטיין, וואָס האָט אין זיך געזאַפט מיין ברודערס שטום געיאָמער. —
די ערד איז אָבער הייליק, שטופט מיך אָפּ און וויל פון מיר נישט וויסן,
ווייל — ווי! — סע בליצט נישט אין מיין האַנט קיין שווערד נקמה,
בת־דייטשלאַנדס בלוט־פאַרגיסערס צו פאַרוויסטן;
ווייל איך בין קרעציק מיט דער פרייד־זינד לידער־ליריק,
און ווייל מיין שווערד איז שלאַבעריק ווי אַנגעקאַזשעטע פאַפירן.
איך פאַכע, פאַכע אָן אַ שיעור, נאָר וועמען שרעקט זי? וועמען טרייסט זי?
מיין שלאַבעריקע שווערד פאַפיר — דער טיזול ווייסט זי...

איך קום פאַר גאָט, אין האַנט — אַ שווערד פאַפיר, אין אויג — אַ טרער,
אַ הייסע.
אין האַרץ — אַ שטום געוויין און אויף דער ליפּ — מיין לידס געשטאַמל.
צעעפנט גאָט אַ פענצטערל אין הימל: קוק, איך הייס דיר.
געגנען איך און איך חידוש זיך: גאָטס קול באַפעלט און גלעט ווי סאַמעט.

זיך קוק־אַראָפּ און זע, ווי ליילעכער פון דינער כמאַרע
פאַרדעקן ווי תכריכים שטעט פאַרלאָשענע, אָן מראה.
און רונד־אַרום די שטעט — קהילות־קברים, שורות שניטן —
אַ פינצטערע געדעכעניש, די האַנט האָט נישט געציטערט...
דער מוח פלאַמט אין מיר און אַנגסטן שפּאַלטן מיר דעם שאַרבן:
פאַרוואָס, אָ, קומט עס אונדז אַזאַ געדעכעניש, אַזוינע גאַרבן?
איך וויל מיר פונעם שטערן רייסן די עבודה־זרה־אויגן.
מיין שווערד פאַפיר צעפּישטשעט זיך — אַ פייגעלע וואָס האַלט ביים אויסגיין.

„נו, וואָס האָסטו געטאָן, אַ יתומל צו טרייסטן? זאָג מיר, קינד מיינס.
און וואָס האָסטו געטאָן אַ וואונד אַרומצובינדן?"
כביכולס ווערטער וויקלען זיך ווי טיכער קילע אַרום מיין שטערן,
נאָר לעשן נישט די בראַנד אין מיר, וואָס וויל מיין האַרץ פאַרצערן.

„וואו דו אַליין צעוואונדיקסט, גאָט, וואָס קען איך דאָרט שוין היילן?
ווי קען איך דאָרט שוין טרייסטן, גאָט, וואו דו אַליין לאָזסט־אויס דיין צאָרן?
אויף אונדז איז אָנגעפלויגן אַ געדמאַנער־פאָלק און אויסדערווײלט אונדז,

אויף אונדז געקומען ווי אַ היישעריק, אַן פויק, אַן שווערד, אַן האָרן,
און אונדז געסמט מיט בלויזן אָטעם נאָר, וואָס האָט אין אים געדרימלט,
און אונדז פאַרטיליקט, אָפּגעמעקט פון אונטער דיינע הימלען.

און ווען מיין ליד זאָל וואָיען, ווי אויף וויסטע וועגן ווינטער
אַ וואָלף, אַ הונגעריקע טראַגיקע שאקאלין,
און קלאָגן ווי אַ הונט אין נעכט פון הפקרדיקע אָסיען־ווינטן —
איז ווּעמען וואָלט דערפון אַ טרייסט געקומען שטראַלן?

און ווען מיין ליד זאָל זיך פאַרגיין ווי אויף די צווינטער־צלמים
און אויף די שפּיצן צערקווע אַ סאָווע אַ געיאָגטע,
און אויף די חורבות, וואו חצות־צייט לאָכן שדים פון דיין נאָמען —
איז ווּעמען וואָלט איך דען דערמיט אַ היילונג טראָגן?

און אַז אין אויג אַליין, וואָס גליווערט נישט און ווערט נישט איינגעשטיינערט,
איך וואָלט מיין פּען געטונקען, נישט אין מיינע טרערן,
און נישט אין וויטיק־סם, וואָס בריט אין מיינע ביינער —
איז ווּעמען וואָלט דערפון דען גרינגער ווערן?

מיין שטאַם האָט מען פאַרלענדט, האָסט צוגעזען זיין גסיסה־צאַפּל.
נעם־צו פון מיר, וואָס טויג מיר איצט מיין נאַריש ליד־געפּלאַפּל?
פאַרפלאַנץ צוריק, וואָס דו האָסט אויסגעריסן,
און צערטל־אויף צוריק די היימען, די פאַרוויסטע...״

כביכולס אויגן אומעטיקן און סע ציטערן אין זיי טרערן —
און אין דער כסא־הכבוד־סטעליע צאַנקען, לעשן זיך די שטערן...

פייגעלע, פלי מיר

פייגעלע, פלי מיר העכער און העכער
און גיב דאָרט אַ קוק צו דעם הימלישן בעכער,
וואָס ס׳האָט וועגן אים געזונגען פרוג —
ער מוז פול זיין מיט טרערן שוין איבערגענוג.

שנייד־דורך אין געפלי אַלע וואָלקן־שוועלן,
און זאָלסט פאַרן כסא־הכבוד זיך שטעלן.
דער בעכער איז פול — ווי קען אַנדערש געזיין,
נאָך אַזוי פיל טרערן, בלוט און פיין.

נאָר דאָס פייגעלע ענטפערט און לאָזט מיך הערן:
„דער כוס ליגט אין ים פון אונדזערע טרערן,
פאַרזונקען טיף אויפן סאַמע דעק —
אַהין זענען מיט אים די ווירבלען אַוועק.

און גאָט אַפילו וויינט אין די הייכן,
און נישטערט אין שטורעם, דעם כוס צו דערגרייכן —
און שטרעקט־אויס די האַנט ביזן סאַמע תהום,
נאָכן כוס, וואָס פאַרזאַפּט אונדזער טרער ווי אַ שוואָם".

און נאָך זאָגט דאָס פייגעלע שטיל, מיט געציטער:
„קען זיין, אַז סע ליגט שוין דער בעכער צעשפּליטערט,
און ס'וויינט נאָר אַ שערבל אַמאָל מיט געבעט
אין פאַראומערטן ליד פון דער אומהס פּאָעט".

אַן ענן

אַן ענן כאַפּט מיך האַלבע נאַכט אויף זיינע פליגל,
און ווייזט מיר פון דער הייך די מיילער פון די תהומען,
וואָס האָבן איינגעשלונגען מיך און מיין געיאָמער.
אַן ענן חושך כאַפּט מיך אויף די פליגל.

איך זע אין האָריזאָנט אַ ריי צעבליטע ליפּעס.
סע בערגלען זיך אין זייער שאָטן מאַסן־גריבער.
דער ענן חושך טראָגט מיך נידעריק אַריבער.
איך זע אין האָריזאָנט צעבליטע ליפּעס.

פאַרהאַלט זיך, ענן, דאָ — און זאָלסט נישט פליען ווייטער.
צעשפּאַר די בערגלעך ערד. קען זיין, אַז כ'האָב די זכיה
אָט־דאָ אין טהרה צוצומאַכן מיינע וויעס.
פאַרהאַלט זיך, ענן — זאָלסט נישט פליען ווייטער...

צו מיין אויסגעהרגעט שטעטל

צו מיין אויסגעהרגעט שטעטל
ווילט זיך מיר אַ בריוול שרייבן.
זאָל עס פאַלן ווי אַ קוויטל
אויף די רייען קדושים־קברים
און אַ ביסל שטויב דאָרט ווערן;
זאָל עס אויף די חורבה־קופּעס
קומען שטיל און מיד צו פליען
און אַ ביסל אַש דאָרט ווערן
אין די אויסגעברענטע שייטערס,
וואו מיין שטאָם איז אויסגעגאַנגען.

פלאַטער, פלי, מיין עלנט בריוול —
דאָרטן בליען שוין מסתמא
איצט די ווערבעס פּאַזע טייכל
און די קאָזעס דראַפּען זיך שוין —
צו די „קעצעלעך" דערלאַנגען,
און אין הימל דריוולען זיך שוין
לייכטע טוליפּלעך וואַטאָווע,
און דער פּאַסטעך אויף זיין פייפל
נעמט שוין ווידער דאָינעס שפּינען —

נאָר דעם קבר פון מיין מאַמען
קען מען שוין ניט מער געפינען — —

אָ, פויערל . . .

אָ, פויערל, וואָס איך האָב דיך געהאַט אַזוי באַנעבעכט —
איז זאָג זשע מיר, אַז דער דייטשוק האָט דיר דערלאַנגט אַ מעסער
און האָט אין אויער דיר געררומט: „מע מעג שוין קוילען יידן" —
האָסטו פאַרלאָזט די לעמעלעך אין מיטן זייער פּאַשע,
און האָסט אין מיטן אַקערן אַוועקגעלייגט דעם רידל,
און אין דער פּאַזעכע דאָס דאָינע־פייפעלע באַהאַלטן —
און ביסט געקומען און דו האָסט געקוילעט.

ווי קען עס טון אַ מענטש, וואָס פּאַשעט לעמער?
ווי קען עס טון אַ מענטש, וואָס אַקערט ערד?
ווי קען אַ צאַרטע דאָינע אַזוי נאַרן,
וואָס איך האָב זי אַזוי באַגערט? . . .

ווערט זיין

איך זאָל כאָטש ווערט זיין אָנצוקלייבן הייליק אַש אַ ביסל
אין מיינע אויסגעטאָקטע פּוסטע לידער־כלים,
אין האַרץ אַריין, וואָס כ׳האָב עס מיר, פון אָנשטעל, אויפגעריסן —
אַז כ׳האָב אין שטאָמלעניש געוואָלט מיין אומהס גרויל דערציילן.

זאָל עמעצער כאָטש קענען צוויי פון מיינע שורות נעמען
און זיך אין זיי צעוויגן מיט אַ קלאָגעניש פון איכה.
דאָס וואָלט מיך אויסגעלייזט פון אַלע לידער־קלעמען,
וואָס כ׳האָב צו זיי קיין פּתרון נישט געקענט דערגרייכן.

די אויגן זענען מיר נישט בלינד פון שטאַרן און פון וויינען.
דאָס נפש מיינס קען איבערהאַלטן טויזנט פּלאָגן.
כ׳וויל זוכה זיין אַריינצושרייבן כאָטש אַן אותיע, איינע,
אין ספר פון מיין פאָלקס געזאַנגען און געקלאָגן.

בריוון

איך וואָלט געוואָלט געגראַמטע בריוון שרייבן
צו מיינע פריינט פון מיינע יונגע יאָר.
זיי מוזן אָבער שוין פאַרשטומטע בלייבן
און לעכערן מיינע נעכט מיט פּיין — און גאָר.

כ׳האָב נאַרישדיק געמיינט: דער טויט איז איינער,
ער קומט און ברענגט דעם קבר און די רו.
וואו ליגן ערגעץ אייערע געביינען —
כאָטש אין געדאַנק ווי קומט מען צו זיי צו ?

אַז מ׳האָט אייך אָנגעטאָן אזוינע טויטן,
וואָס ס׳דאַכט זיך: ניין, דאָס האָט מען אויסגעטראַכט.
אַפילו נישט פאַרשאַרט אייך הינטער פּלויטן,
כ׳זאָל קענען קומען סאָוועץ האַלבע נאַכט.

נאָר ווי, די קדיש־ווערטער גליווערן, שטומען,
און בראַנדיקן מיין חלום און מיין שלאָף.
זיי שטעקן סמ׳יק טיף ביי מיר אין אומעט
און אייביק, ווי אַ ניט־דערלייזטע שטראָף.

ווי קען דער טויט גאָר זיין אַזוי משונה?
ווי קען מען מאָלן ווי מ׳האָט אייך פֿאַרלענדט?
דער וואָרט-קאָליר, וואָס איך האָב אויסגעפֿונען,
זעט־אויס ווי קרעץ אויף מיינע איידלע הענט.

אין הימל בלאַנדזשען זיבן ליקוי־חמהס,
און זייער טרויער ליגט אין מיין געמיט.
פֿאַרשאָלטן זאָלן ווערן יענע גראַמען,
וואָס ווילן אים פֿאַרציליען אין אַ ליד.

אַ קינד אַזוינס

אַ קינד אַזוינס, ווי מיינס, אין דריטן יאָר,
און מיט געקרייזלט־בלאָנדע זיידן־האָר,
איז ערגעץ-וואו געבליבן אין אַ וואַלד.

די מאַמע האָט עס אַרויסגעוואָרפֿן, אין אַ קאָלדרעלע פֿאַרוויקלט,
פֿון אַ פֿליענדיקער באַן.
די נאַכט איז צוגעפֿאַלן קאַלט.
דאָס פּיפֿן פֿון דער באַן האָט ווייט אַוועקגעציקלט...

גאָט, ווי איז עס אויסגעגאַן?
ביסטו אַראָפּ און עס גענומען אויף די הענט
און האָסט עס איינגעשלעפֿט
ביים שטערן־בלענד —
ווי ס׳טרעפֿט,
איך שלעפֿער־איין מיין קינד — ?

אָ, ניין.
אַז וויי און ווינד.
אַ חיה־רעה האָט זיך באַוויזן און געשטשירעט ציין.
דאָס קינד האָט נישט געוויינט
און נישט געשריגן,
נאָר פֿאַרשטיינט
געבליבן ליגן.

ז׳האָט אַ לעבעדיקס דאָס נפֿשל צעריסן.
כ׳וויל, מיין קינד, דו זאָלסט עס וויסן.

יחזקאלע

(ש. ווייסמאַנען אַ מתנה)

כביכול טאַפּטשעט איבער קופּעס טויטע,
און זוכט אַ צייכן אָטעם אין די גלידער.
נישטאָ. ער לאָזט־אַראָפּ די הענט ווי קלעצער,
און וויל אַליין אַ פאַל טון אויף אַ קופּע.

ער וויל אַ וואָרט אין מויל צו וועמען לייגן, —
נאָר אויך דער נביא ליגט מסתּם צעפּערטלט.
ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרשעמט, פאַרמישפּט, —
ווי ווייזט מען דער פמליא איצט דאָס פנים?
נאָר ווי ער וויל אַוועק זיך אויסבאַהאַלטן —
האָט זיך נישט ווייט אַ ריר געטאָן אַן אבר.

ער קוקט זיך איין: — אַ קינדס אַ נאַקעט פיסל —
אַ ייִנגעלע — ער ליגט, ווי ער זאָל שלאָפן;
דאָס פּנימל פאַרשטייפט און רויט פאַרבלאָטיקט,
ער גיט אים שטיל אַ פּעטשל אין געזעסל —
אַ צוק, — און ווייטער ליגט דאָס קינד פאַרגליווערט...

„יחזקאלע, בן־אָדמל, זאָלסט אויפשטיין,
נישט שרעק זיך מער צו עפענען די אויגן.
דו ביסט נישט טויט, ביסט נאָר אויף טויט דערשראָקן,
און אָן אַ מינדסטן גראבל אין דיין גופל.
מאַך־אויף די אויגן, גיב אַ קוק ווער ס׳שטייט דאָ.
יחזקאלע, בן־אָדמל, מעגסט אויפשטיין.״

דאָס ייִנגעלע בלייבט ווייטער איינגעגליווערט
אין אָרעמס אייזיקע פון טויזנט גרוילן.
כביכול שטייט, די הענט צעשפּרייט — און כליפּעט.
יחזקאלע פאַרנעמט עס ווי פון ווייטנס.
ער וואַרט, דאָס כליפּען זאָל פאַרגיין, פאַרשטילן.
ער עפנט קוים אַ שפּעלטל פון אַ וויע —
אַרום־אַרום, ווי ווייט ער קען דערלאַנגען,
איז גרויל פאַרצויגן אויף צעהאַקטן גליווער.
ס׳איז מאָרגן נאָך דער שחיטה. ווינטלעך — — — הימל — — —

ער הייבט זיך אויף און נעמט פֿאַמעלעך קלייבן —
אין זעקעלעך פֿון ליכטיק־בלויער דינקייט —
דאָס אַש פֿון שיימעס און תשמישי־קדושה,
די ברעקלעך ווידוי און די שמע־ישראלס,
וואָס מ'האָט זיי מיט דער האַק צעהאַקט, פֿאַרלאָשן, —
און לאָזט זיך גיין מיט אַלע וועלטן־וועגן,
דורך אַלע לענדער, איבער אַלע ימען —
און וואו ער זעט אַ קינד, וואָס האַלט אין הענטל
אַ סידורל, אַ חומש, עפּעס יידישס —
באַפּראָשעט ער זיי שטיל מיט זיינע אַשן,
וואָס בעטן זיך אַ תּיקון...

אַ פּאָר שורות פֿון אַ בריוו צו קיינעם־נישט

צו אייך, מיינע טייערע — ווײ, איך הייב ווידער שוין אָן מיט אַמאָליקע מליצות...

איך וויל זיך געגאַרן און שושקע־אַריין אינעם חלל —
אַז ס'זאָל זיך מיר אויסדאַכטן: עמעץ פֿאַרנעמט מיך.

ווי קען איך ביי קיינעם נישט פֿרעגן,
צי עמעץ פֿאַרציליעט נאָר איצטער ביי אייך דאָרט אַ היימישן ניגון,
וואָס זאָל מיט חמימות דערמינטערן וועלן אַ פּונק, וואָס ער טליעט נאָך ערגעץ
און פֿינטלט אין אַש פֿון די חרובע שטעטלעך — ?

צי איז נאָך פֿאַראַן ווער סע זאָל זיך דערבאַרעמען אויפֿן בית־עלמין
און קומען אַמאָל זיך משתטח זיין דאָרט אויף אַ קבר — ?
(דאָס טויטע געוויין פֿון אויף אייביק פֿאַרלאָזטע בית־עלמינס קען לעכערן הימלען.)

צי זענען שוין אפֿשר נישטאָ מער אַפֿילו קיין נאַקעטע בערגלעך,
וואָס היטן ביי זיך אין דער טיף די פֿאַרטרויטע געביינען —
און מער־נישט קיין ווינטלעך וואָס טרייסלען פֿאַרנאַכט־צייט די שפּיצן
בית־עלמין־טאָפּאָלן,
אַז ס'זאָל זיך געדאַכטן: זיי וויינען — ?
זיי שטאַרן מסתמא, די גוטע טאָפּאָלן, און רירן קיין בלאַט נישט,
פֿון זינט מ'האָט ביי זיי אין די שאָטנס די קהילה־קדושה געקוילעט.

און ווען וועט מען הערן, דער שכינהס אַ פֿליגל זאָל קומען
און אָנהייבן פֿאָכען אויף אייערע לעבנס, וואָס צאַנקען?...

כ׳קען זיך מער אין תפילה נישט פאַרדביקהן

כ׳וויל, אַ תיקון־חצות זאָל זיין מיין לעבן
אויפן חורבן פון מיין בית־האומה.
זיי, מיין נפש, מיט־נאַכט זיך משתפך
אויף מיין שטעטל, וואָס איז אומגעקומען.

זאָל מיין לעבן קענען פאַלן תחנון
איבער מאַסן־קברים פון קדושים.
הערט נאָך דאָרטן ווער דער שכינה׳ס פליגל
אַ צעפליקטן פאָכענען און גוסטען?

כ׳קען זיך מער אין תפילה נישט פאַרדביקהן.
אַלע פלאָגן האָבן מיך געשלאָגן.
איך זאָל כאָטש די פעטליע פון מיין וויטיק
ביזן קבר קענען פרום דערטראָגן.

אַ ליד צו אַ פייגעלע אין 1942

שוועלבעלע, ליב פייגעלע,
נעסטעלע פון ליים,
האָסט אפשר אַ גרוס פאַר מיר
פון מיין ווייטער היים?

כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיין בריוו
זייער, זייער לאַנג.
גלייב מיר, אַז פון בענקעניש
בין איך אַזש שוין קראַנק.

שוועלבעלע, ווייס בייכעלע,
טשירי־טשירי־טשי.
זאָג מיר, טייער פייגעלע,
ביסט דאָך נישט פון הי —

קומסט דאָך פון דער ווייטער וועלט,
פון אַ וויטן לאַנד —
זאָג־זשע מיר, טראַנסניסטריע
איז דיר שוין באַקאַנט?

ס'איז אַ פינצטער יידן־לאַנד
אויפן דניעסטערס ברעג,
וואו די כוואַליעס גליווערן,
ציטערן אַוועק . . .

ווייל זיי שפּיגלען נישט אין זיך
קיין שטילע ביימער־קעפּ,
נישט קיין ווערבעס שווענקען דאָרט
זייער גרין געצעפּ.

תּליות שפּיגלען זיי אין זיך,
און אַ טויט געוויג.
אויף די כוואַליעס רייסן זיך
יידן פון די שטריק.

ווי אַן אָרט פאַר קרעציקע
איז פאַרצאַמט דאָס לאַנד.
זאָג מיר, טייער פייגעלע,
ס'איז דיר נישט באַקאַנט ?

מיט אַ דייטשער פּינקטלעכקייט
ווירעט זיך די צאַם,
זשומעט טויט אַ זשומעניש,
הויכט פון זיך מיט סם.

פּאַזע שטעכעדיקע ווענט
שפּאַנען זעלנערס אום,
און ס'איז שטענדיקדיקע טויב,
שטענדיקדיקע שטום.

בלויז די טריט אין קלאַפּעניש,
ווי אַ שפּאַן־מאַשין.
פּאַזע שטעכעדיקע ווענט
שפּאַנען דייטשע זין.

ווי אַ שקיעה העלישע
בלוטיקט דאָרט דער טאָג,
און דער חושך פון דער נאַכט
הערט פאַרשטיקט געקלאָג.

און דאָס בליצן פון אַ שאָס
זעט די חושך־בלינד,
און זי הערט אַ כאָרכלעניש
צאַנקען אינעם ווינט.

און דער מאָרגן וואָגלט־אָן
ווי אַ קראַנקע טויב,
זעט ער קברים בערגלען זיך,
ליגן נאָך אין שטויב —

לאָזט ער זיך אויף זיי אַראָפּ
און ער ווײַנט מיט טוי
אויף דער ערדס צעריסן לײַב,
אויף דער קברים־רוי.

גאָרנישט שפּראָצט דאָרט פון דער ערד,
פון איר מאַמע־טראַכט.
נישט קיין גראָז און נישט קיין בוים
טרינקען טוי בײַנאַכט.

תליות נאָר און קברים נאָר
זײַט אַ דײַטשע האַנט.
זאָג מיר, טײַער פּיגעלע,
ס׳איז דיר נישט באַקאַנט?

טאָמער קלײַבסטו זיך שוין פליען,
האָב איך צו דיר אַ באַגער.
זע, איך צערטל מײַנע ווערטער
און איך בעט דיך מיט אַ טרער.

כ׳האָב פון דײַן געטרעל פאַרנומען,
אַז דו קענסט אַ טרער פאַרשטיין.
פונקט ווי מײַן געזאַנג, פאַרציט זיך
אויף דײַן טרעלן מיט געוויין.

פלי געזונט און גרינג אַריבער
די מרחקים און דעם ים.
ווייס ניט פון קיין פייער־האָגלען,
ווייס נישט פון קיין ווינטן סם...

טראָג זיך ווי אַ מאָרגן־ווינטל,
ווי אַ פלאַטערל אויף אַ שטראַל,
ווי אַ כוואַליע אין ים פון זאַנגען
און ווי רינגען אויף אַ קוואַל...

אַז דו וועסט דערזען פון ווייטנס
פלויטן שטעכדראָט איינס נאָך איינס —
דאָרטן איז דאָס לאַנד טראַנסניסטריע,
דאָרטן, פייגעלע מיין שיינס.

דיר איז פון דיין ווייטן פליען
דאָרטן נידערן באַשערט —
איבער חורבה׳דיקע געסלעך,
איבער שטילע בערגלעך ערד.

זוך נישט, שוועלבעלע, קיין אָפּרו
אויפן שטעכעדיקן דראָט —
יידן היט דער פלויט, פאַרגעס נישט,
און ער ברומט און בריט און בראָט.

מיט די פאַרבן פון דיין טרעלן
זיבן צירקלען ציליע-אויס.
מיר איז רעכט, אַז דיך וועט הערן
מערנישט איינער, איינער בלויז.

איינער — פון אַ לאַנד מיט יידן,
וואָס זאָגט ווידוי שעה ביי שעה —
ער וועט אָנזאָגן די בשורה,
אַז די טרייסט איז נאָענט, איז דאָ.

ערגעץ אין אַ חרוב געסל
ביי אַ חורבה אָנגעשפּאַרט,
אין דער קלאַפּנדיקער שטילקייט,
נאָך אַ צייכן היים פאַרגאַרט —

וועט ער דיין געטרעל פֿאַרגעמען
און דיין צייכן־פֿלי פֿאַרשטיין:
קומסט מיט דיין געזאַנג פֿאַרבייטן
פֿון אַ סאָווע דאָס געוויין.

זיבן צירקלען זאָלסטו ציִליען
און דערנאָך פֿאַרשווינד, אַנטרין.
נאָר פֿאַרטשעפּע נישט די פּיסלעך
אין דער הייסער דראָטן־שפּין.

פֿלי צום וואַלד, וואָס שטייט אַקעגן,
דאָרט די פֿליגל טוק אין רו.
צו די שאָרכן זיינע קילע
טוליע זיך און הער זיך צו.

פּאַרטיזאַנערס טאַיען דאָרטן
אויפֿן האָריזאָנט אין וואַלד,
ביקסן אויף די דאָרע פּלייצעס
די געדיכטעניש באַהאַלט.

דאָ — אַ זשומעניש פֿון שטעכדראָט,
דאָרט — אַ שאָרכן פֿון אַ וואַלד,
און דער וואַלד איז פֿול מיט לויער,
און די זון זיין זוים באַשטראַלט.

פֿון דער וויטנס שטייט ער כמורנע,
זאַפּט אין זיך די קולות איין,
וואָס דער ווינט ברענגט פֿון דער נידער,
פֿונעם טאָל געוויין און פּיין.

ווי־זשע זאָל ער זיך נישט כמורען,
אַז ער הערט אַזוינס זיך אָן?
גריס מיר דאָרט די אויגן אומעט
און אין האָרץביי זיי — די פֿאָן.

שענק זיי דיינע שענסטע טרעלן,
ברענג זיי שמעקעדיקן בעז —
פֿאַרן חלום, וואָס זיי כאָוועז,
פֿאַרן בליענדיקן נס...

פון דער ווייטנס שטייט ער כמורנע
און ער קוקט אַראָפּ אין טאָל.
שטעכדראָט־ווענט און תליות זעט ער,
און די ערד איז וויסט און גאָל.

שע זאָל ער זיך נישט כמורען,
אַ, ער דאַרף אַזוינס צו זען?
זאָג זיי, אַז ס׳וועט באַלד נישט זיין שוין
ווען ס׳זאָל דער נס געשען.

בעט, זיי זאָלן זיך נישט זאַמען.
גרויס די בראָך איז ווי דער ים.
וויפל קען אַ פאָלק דען זשיפען
איז אַ דייטשער דראָטן־צאָם?

פלי און נאַ דיר מיט דאָס האַרץ מיינס,
ס׳איז אַ לאָגל פול מיט וויי.
נאָר ווי וועלן דאָס דערטראָגן
דינע שוואַלבן־פליגל צוויי?

ניין, איך קען דאָס האַרץ נישט געבן,
ווייל ס׳איז שווער אַזוי ווי בליי —
כאָטש סע ציטערט ווי אַ סטרונע,
אַז דער אומעט שוועבט פאַרביי.

פלי־זשע, פייגעלע מיין טייערס,
האָסט פאַר זיך אַ וויטן וועג.
נאַ דיר מיט מיין וואָלקן יאוש,
ער פאַרפינצטערט מיר די טעג.

ווי אַן אָסיען־נעפּל הענגט ער,
אויף צעפליקטע רעגן־שטריק —
וואַרף אים, אַז דו קומסט צום ים צו,
אין דער טיפסטער כוואַליעס־וויג.

זאָל ער דאָרטן זינקען, זינקען
אין די שוימען, אינעם זאָט.
אפשר וועט מיין הימל ווידער
קלאָרן זיך, מיר ווייזן גאָט...

גאַרונג

איך בין נישט קיין וואָגלדיק זעמדל
אין אַ וויסטן, צעשויבערטן סטעפּ.
מיך טראָגט אַ צעפלאַקערטע בענקשאַפט
צו געגאַרטע, ליכטיקע טרעפּ.

איך קירעווע זי ביי דער גריווע;
אַ וויכער, אַ כמאַרעדיק פערד .
מיך טראָגט דער רויך פון די שלאַכטן,
וואָס קליידן אין פייער די ערד.

מיין אויג שווימט־אום אין נעפּלען.
דער קאָפּ איז מיר שיכור פון פּיין.
די נאַכט איז אָן אַ שטערן
און פול מיט שריפה־שיין.

דער הימל קנוילט זיך אין רויכן
און גליווערט איבערן וועג.
אין דער האַרץ־זשמעניע טליען פינקען
אינעם אַש פון חרובע טעג...

גענען צו מיינע וואונדן,
בינד־אָפּ די געלע שאַנד.
זי בריט אויף מיינע ביינער
ווי פולע בלאָטערס בראַנד.

צעלייטער אַלע וויטן.
ציר־אויס דאָס הימל־ראָד
מיט רעגנבויגן־טאַשמעס
פון האָפענונג, גענאָד.

און בענטש מיט זאַטע זאַפטן
און מיט אַ זיס געיער
די שטאַרע פעלדער־טראַכטן
פון מיין פאַרוויסטער ערד.

ריכט־אויף צוריק מיין חורבן,
ער פינצטערט תל אויף תל.
לאָז צופאַלן מיין בענקשאַפט
צו דער געגאַרטער שוועל...

האַלבע נאַכט אין אַן אויסגעהרגעט שטעטל

(אַ ליידיק, אויפגעראַיעט פעלד — מיט גריבער, ווי איבערבלייבענישן נאָך אַ יישוב, וואָס איז שוין כמעט אויסגעגלייכט מיט דער ערד. אַ טויטע שטילקייט. פון ווייט הערט מען אַ שטאָט־זייגער אויסקלינגען צוועלף, און ווידער שטיל. אַז מע געוואוינט זיך צו צו דער פינצטערניש, זעט מען אָנצייכענישן און איבערבלייבענישן פון אַ געוועזענער פאַרצאַמונג און פון אַ חורבה פון אַ קלויז. — דער שטאָט־צעדרייטער זיצט אין אַן אויסגעקרימטער פּוסטער פענצטער־ראָם פון דער קלויז. פון דאָרטן זעט ער וואָס ער זעט. בלויז קולות שלאָגן אים אַלע מאָל איבער דעם מאָנאָלאָג).

בײנער, אַש און בלאָטע, בלוט און פּאָוועטיניע,
מתים האַלב־פאַרשאָטענע — שוין דאָ אַ מנין ?

(אַ קול: היבסט שוין אָן צו מאַלן, שטאָט־צעדרייטער ?)

אפשר וועט אַראָפּ אַ צענטער אויף אַ לייטער...

(אַ קול: דולער, האָסט אַ ספר־תורה ?)

איך וועל ברענגען.
כ׳האָב געזען, ווי גווילין אויף די פּלויטן הענגען...

(אַ קול: קוים זיך איינגעמאַסטעט, נעמסטו זיך דערמאָנען.
איך זאָל קענען, וואָלט איך דיך פּאַריאָגט פון דאַנען).

ס׳איז שוין, דאַכט זיך, ווייס־איך־וויפל דאָ דערינען —
נאָר מיר ברענט נאָך אַלץ דער אויסגעדאַרטער זינען.

...אָפּגעדאַוונט שוין „פון פּאַרנט״ — וויפל וואַרט מען ?
בינדט מען אויף, פאַרבינדט מען נאָך אַ מאָל די גאַרטלען,
און מען שטעלט זיך דאַווענען — אי־דאָס מיט דביקות,
און די מראהס נעמען זיך אין טרערן ווייקן,
און די קולות רייסן זיך עד־לב־שמים —
אפשר נאָך דעם גזר באַווייזן אָפּצושרייען.

נאָר אין מיטן די געוויינען, די געדיכטע —
— גאָט געטרייער, ווער זאָל זיך געוועגן דען ריכטן ? —
אַ המון — געקומען פונעם קלויסטער אָקערשט, —
מ׳האָט געזאָגט: מע מעג שוין הרגענען און בראָקן.

צוגעהאַקט די טירן פון דער קלויז, די פענצטער,
און מיט נאַפט און סמאָלע אַלע ווענט באַשווענצלט, —
אָנגעצונדן, ראַטעווען זיך נישט געלאָזן
קיינעם — און אין אַ געהירזשע אויסגעשאָסן.

דורך אַ ברענענדיקער פּליענדיקער סטריכע —
בין דער איינציקער אַרויסגעפלויגן איך נאָר...
כ׳בין אַרויסגעפלויגן און צוריקגעקומען —
די יללות האָבן מיך אַרומגענומען — — —

ביים המון האָט זיך דערוועקט צו מיר רחמנות —
ז׳האָבן זיך דערמאָנט: דער יויזל קען נאָך מאָנען...

(אַ קול: שטאָט־צעטדרייטער, זיצסט און גולמסט צו די שטערן,
און דו פּלאַפּלסט, פּלאַפּלסט, וואָס דו האַלטסט אין קלערן.
האָב נישט קיין פאַריבל, וואָס איך שלאָג דיך איבער —
ווער וויל איצטער הערן דען דיין דול געדיבור?)

היינט ביי נאַכט האָב איך געזען, איר מעגט עס הערן —
ווי סע וויזט זיך עמעץ, און ער גיסט מיט טרערן,
און ער כליפּעט צו מיר שטילער אַלץ און שטילער:
כ׳בעט מחילה ביי דער הייליקער קהילה.

פונעם כליפּען האָבן זיינע רייד געשטאַמלט — — —
ווער מיינט ער דאָ? דאָס מיינט ער איך מסתמא, —
ער וועט היינט נאָך קומען מאַכן פול דעם מנין,
און ער וועט שוין, זאָגט ער, דאָ מיט איך פאַרבלייבן,
און אַ נייע תורה וועט ער הייסן שרייבן —
רויטע אותיות אויף אַ גרויער פאַוועטינע...

ווע׳מיר באַלד שוין זיין אַ מנין, — אויב אַזוי זשע —
שטעלט זיך, ביינער, דאַוונען, פאַריאָגט דעם חושך.
גלייכט זיך אויס, לעהיי איר זאָלט זיך דאַרפן זעצן.
ס׳איז געפאַלן טוי, די פינגער צו באַנעצן.

(אַ קול: אין דיין אייבער־שטיבל האַלט זיך אַלץ אין מישן.
אפשר וואָלסטו איינגענומען שוויגעניש?)

(נאָך קולות, איינס נאָך ס׳אַנדערע:
— דאַכט זיך, ס׳קומען הינט. איך האָב געהערט געהאַוועקע.

— לאָמיר זיך באַהאַלטן.

— לאָמיר דאַוונען דווקא.

— זיי צעשלעפּן אונדז די אָפּגעדעקטע ביינער.

— ס'איז דען דאָ צעווישן אונדז אַ גאַנצער?

— קיינער.

— יידן, ס'ווערט שוין טאָג. מע דאַרף זיך נעמען קריכן.
לאָמיר אין די גריבער וואַרטן אויף משיחן.
לאָמיר וואַרטן, ווייל אַזוי האָט מען געהייסן.
מעג מען גאָר אַליין דען אויפשטיין תחית־המתים?

— וואַרטן סתם, אַפילו אָן מצבה־שטיינער?

— כ'וויל, מע זאָל מיר כאָטש מקבר זיין די ביינער.
זאָל מען מיך צו קבורה פירן, לויט די דינים.

— איצטער האָט זיך אים פאַרוואָלט דעם בורא דינען.

— מער־נישט אַ לוויה פעלט אים. צדקה תציל —
און אַ מספּיד זאָל זיך אינעם בערדל קראַצן.

— אייביק ליגן אויפן ווינט פאַר די וואָראָנעס?
גאָט אין הימל, אָב־הרחמים דו, ווער קאָן עס?

— שוטה, אָט־אָ לויף איך, וועל איך דיך באַגראָבן —
זאָלסט זיך קענען נעמען מיט שכר־מצוות לאָבן.
מיינסטו, האָסט אָנגעקליבן מצוות גאַנצע טאָרבעס —
קען מען שוין נישט זאָגן, אַז דו ביסט געשטאָרבן?)

דאַכט זיך, כ'האָב געפּילט אַ פּאַכע פון אַ פליגל.
דאַכט זיך, עפּעס נעמט דאָס האַרץ אין מיר זיך וויגן — — — —

(אַ קול: וואָס האָסטו אַזוינס דערזעען דאָרט, שטאָט־צעדרייטער?)

גיט אַ קוק — ר'האָט צוגעזאָגט, און אָט־אָ גייט ער.
דאַכט זיך, ס'האָט דאָ ווער אַ ליכטל אָנגעצונדן...

(אַ קול: אין די ביינער בר'ענען מיר איצט אַלע וואונדן...)

דאַכט זיך, כ׳האָב געהערט אַ האָן נישט־ווייט אַ קריי טון.

(אַ קול : איצט האָט מיר דער קאָפּ, דער ביין, גענומען וויי טון...)

איך דערקען אים, כ׳האָב דאָך אים די נאַכט באַגעגנט, —
ביינער דאַרע, לאָמיר אים כאַטש גיין אַקעגן.
לאָמיר אים דערלאַנגען שלום, ביינער דאַרע.
גיכער, גיכער, שטעלט זיך, מאַכט פאַר אים אַ וואַרע.
נעמט אים אויף, דעם איינגעבראָכענעם, דעם לאָמען —
אפשר... אפשר איז שוין דאָ דער קץ־הימין...

מיר פאַרקלעמט ביים האַרצן, אַז איך זע אים הינקען,
זיינע טריט אין בלאָטע אַשיקער פאַרזינקען.
זעט, ער ווייזט דעם טלית מיט די קריעה־שניטן,
און די שלייף פאַרבונדן — ס׳האָט אים נישט געמיטן...
און די הענט פאַרבראָכן, — זעט, ווי ר׳איז געוואָרן.
לאָזט נישט שטיין דעם צענטן, ווי אין ווינט אַ דאָרן.
זייט אים נישט מבייש. דאַכט זיך, אַז ער כליפּעט.
יאָ, דער הויקער וויגט זיך איבער אים און היפּעט — — —

(אַ קול : וואָס האָט ער זיך דאָ אַוועקגעשטעלט און פלאַמכעט ?)

אַ בת־קול : מ׳האָט — צעלעכערט — אין — מיין — תפיל — דעם — מי־כעמך...

אַ דייטש

ווער שפּאַנט אַזוי דורך נאַכט און ווינט ?
אַ דייטש קומט אַהיים צו זיין ווייב און קינד.

דער טראָט פון די שטיוול וועקט די נאַכט.
„מאַך־אויף, מיין ווייב, כ׳האָב געוואונען די שלאַכט".

„וואָס זענען ביי דיר אַזוי רויט די הענט ?"
„איך האָב געשאָכטן און געשענדט —

איך האָב געשטאָכן און געטייט —
און פאַרשאָטן אין לאַנגע גריבער־בייט."

„וואָס ברענגסטו אונדזער קינדכען שיין?״
„אַ לעפל, געשניצט פון אַ קינדער־ביין —

און אַ טעפל, דין און גרינג ווי דער ווינט,
פון אַ שאַרבן פון אַ יידן־קינד.

כ׳האָב זייער געדייד נישט געקענט פאַרשטיין.
מיר גרילצט נאָך אין קאָפּ זייער יידן־געוויין.״

„און מיר אַליין וואָס ברענגסטו, וואָס?״
„אַ קיווער בלוט, אַ פולע מאָס —

כ׳האָב פון יעדן צעפּלעטן קינדער־קאָפּ
געקליבן עטלעכע בלוטיקע טראָפּ.״

די ביימער דראָזשעט אין נאַכטיקן ווינט —
אַ דייטש קומט אַהיים צו זיין ווייב און קינד.

דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע

וואו איז דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע, וואו?

אַ דייטש איז אַרויף דערויף מיטן טאַנק.
ר׳איז געווען דערביי ביים ריינסטן געדאַנק,
און זיך צוגעפּרעפּלט אַ ליריש געזאַנג.

און גאָרנישט האָט ער דערביי געטראַכט,
נאָר נבזהדיק זיך צוגעלאַכט —
און די קלאָר־ווייסע פעל אַהיימגעבראַכט.

איז זיין אילזע געוועזן טיף גערירט,
און געמאַכט פונעם פעלכל בעכערס פיר —
צו טרינקען שוימיק לאַגערביר.

זאָל זיי באַקומען דער ביר מיטן וויין,
און זיי זאָלן ווי בראַנדן אין זיי אַריין
און פאַרסמען פאַר זיי די ליכטיקע שיין.

דאָס ציגעלע אייביקט און ציטערט דין
אינעם ליד, וואָס אַ יידישע מאַמע שפּינט
צוקאָפּנס דעם וויגעלע פון איר קינד.

האַרבסט 1942

כ'האָב שוין לאַנג פאַרגעסן
ווי אַ שוואַלבל זינגט.
אין די דעמער־שטילן
הער איך קייטן־קלינג.

אין דער שקיעה זע איך
ימים יידיש בלוט.
אין די ווינטן הער איך
כוואַשטשען פון אַ רוט.

כ'הער אַ גסיסה־כאָרכלען
אינעם טייכלס רייד.
און מיין אומה וויינען —
ווען אַ רעגן גייט.

אינעם זון־שטראַל זע איך
מעסערדיקע בלענד,
און איך הער אין וויכער
נאָר געשעכט, פאַרלענד.

ווער איז יענע ווערבע,
טיף אין טייך פאַרטראַכט,
וואָס זי ווערט אַ כוואַליע
צווישן טאָג און נאַכט?

דאָס איז דאָך מיין טאַטע,
אַלט און איינגעדרייט,
ערגעץ אין מאָהילעוו,
וואו דער דניעסטער גייט.

די קאַפּיטלעך תהילים,
וואָס ער שעפּטשעט קוים,
ווערן אין די כוואַליעס
זידנדיקער שוים...

גאָט, געטרייער פאָטער,
וואו ביסטו נישטאָ?
נאָר מיין פאָלק זאָגט ווידוי
איטלעכענע שעה.

גאָט איז ווייט פֿאַרפֿלויגן
פֿונעם דניעסטער־לאַנד,
און פֿאַרשטעלט זײַן פּנים
מיט אַ כמאַרע־האַנט.

ווער איז יענע ברעזע,
וואָס דער שטורעם פּלאָגט?
דאָס איז דאָך מײַן שוועסטער
באָרוועס און פֿאַרצאָגט.

אויף די אַקסלען ליגט איר
נישט דעם חתנס האַנט,
נאָר אַ ניבזה שלעפּט זי
צו דער גרעסטער שאַנד.

נישט אַ קוש דעם חתנס
חתמעט איר די ליפּ,
נאָר געוויין אָן טרערן,
און פֿאַרשטיקט געכליפּ.

צו דער טויטער מאַמען
שרײַט זי: „מי זיך דו,
לויף צו די אמהות —
לאָז זיי נישט צו רו.

בעט ביי זיי דאָרט רחמים
פֿאַר אַן עלנט קינד...״
תּפֿילות און יללות
הער איך אינעם ווינט...

אין אַ נידער, ערגעץ ווייט

אין אַ נידער, ערגעץ ווייט,
אין אַ וויכער־ים,
ליגט מײַן בידנע שטעטעלע —
חורבן, אַש און סם.

דער פֿאַרלענדער האָט פֿאַרלענדט.
אָפּן איז מײַן בראַנד.
אַ צעפּליקטס — דאָס צווייגעלע
חלום אין מײַן האַנט

וויטיק שפּיליעט אין מיין לייב
ווי אַ שאַרפּער קלין.
אין מיין האַרץ, ווי אין אַ נעסט,
ליגט אַ וויסטע שפּין.

איך אין מיין פאַרלוירנקייט
בין די פליג אַליין.
אויפן גרויען שפּין־געוועב
טריפט מיין שווער געוויין.

שטעטל מיינס, דערוואָרגנס און צעלאָמעטס

האַלט זיך מיט די ווייטע האָריזאָנטן,
איר באַפּראַקטע גאַנטעס.

גיט מיר אָפּ דאָס קדוש־שטעטל מיינס, טשודי,
די הייליקע קהילה
יידן פּראָסטע, שטילע.

אַ ייד שטייט־אויף פאַרפרי,
בהשכמה,
און גיט־אָפּ זינגענדיק אַ לויב זיין ליבן נאָמען —
פאַרן חסד, וואָס ער טוט מיט אונדז יום־יום.
אין דרויסן טאָגט ערשט קוים...

איך וויל נישט הערן פון קיין העלדן־טאַטן.
גיט מיר נישט קיין ביכער, וואָס זיי פלעפּן.
כ'וויל די גוטסקייט, וואָס מע קען נאָר טרעפן
אין די מוסר־מעשהלעך מיין טאַטנס.

וואו זאָל איך מיך מיט מיין צער פאַרבאָרגן
און מיט מיין געיאָמער —
שטעטל מיינס דערוואָרגנס
און צעלאָמעטס — ?

כ'האַלדז מיט ברענענדיקע הענט
די חורבות דיינע, וואָס די שריפה האָט נאָך נישט פאַרלענדט.
איך קוש מיט ליפּן בראַנדיקע דיין אַש, דיין שטויב;
צום כיסא־הכבוד וואָלט איך אים געטאָן אַ הויב —
כביכול זאָל עס אויפן קאָפּ זיך וואַרפן.

ווייל וואו נאָך דען קען מען אַזאַ אַש באַדאַרפן?...

יחזקאל

דער נביא יחזקאל איז אַלט און גרוי
און סע ציטערט אים דאָס לייב.
ער וויל אַנטלויפן אין מידבר אַריין,
נאָר אַ קול באַפעלט אים: בלייב!

דאָס קול דערקענט ער יאָ און נישט.
שוין געהערט דאָס קול אַמאָל.
אים דערמאָנען זיך טרוקענע ביינער־בערג,
נאָר ער זעט איצט נאָר אַש אין טאָל.

ער פאַרגראָבט דעם קאָפּ אין די קאַלטע קני
און די אויערן האַלט ער זיך צו:
— „אַוועק! איך וויל דיינע רייד נישט מער —
זיי אַליין דיין נביא, דו.

די אַנגסט האָט דאָס לייב מיר איבערגעבערענט
און פאַרצערט מיין מינדסטן ביין.
איך וויל מיר צעפּלעטן דעם בראַנדיקן קאָפּ
אין אַ גליאיקן מידבר־שטיין.

אַ לעצטן חסד בעט איך ביי דיר,
כאָטש איך וויל דיר נישט דינען מער:
אָ, ברענג מיר צו זוויגען, דער מידבר איז ווייט,
דעם גליאיקן שטיין אַהער.

און דערנאָך, אַז דו הערסט מיין לעצטן זיפץ —
קלייב־צונויף מיינע גלידער גיך,
און פאַרשליידער זיי אינעם טאָל מיט אַש —
אַז אַש זאָל ווערן אויך איך...“

כביכול וויל עפּעס זאָגן זיין קנעכט,
נאָר סע לייגט זיך אים נישט די צונג — — — —
ער זוכט מיט די באָרוועסע פיס אין אַש
אַ פונק...

צי וועט

(יאַסלען)

צי וועט נאָך קומען צו פליען אַמאָל
די גאָלדענע פּאַווע אין שטעטל־טאָל —
און זיך שטעלן אין מאַרק אויף אַ פּוסטן בוים
און דעם פּעכער צעשפּרייטן אין וויסטן רוים ?

זי בלאָנקעט ערגעץ אין חלל אום,
מיט פליגל צעפּליקטע, מיד און שטום,
פון שטעטל צו שטעטל, פון תל צו תל,
און געפינט נישט קיין רו, קיין ידישע שוועל.

די שקיעה צאָנקט. די פּאַווע זעט —
דאָס חרובע שטעטל איז אויסגעגלעט.
אינמיטן די פעלדער שטויבט זיך אַ וועג
און רעדט שוין נישט מער פון געשאָכטענע טעג.

וואו זאָל זי נעסטן ? ס׳איז מער שוין נישטאָ
אַפילו קיין אַש ; — נאָר אַ פינצטערע קראָ
דוכנט און קראַקעט אויף אַ פלויט,
פון שטעטל־בראָכוואַרג אויסגעבויט.

די פּאַווע מיידט די ליפּעס אויס,
וואָס אַרום דעם גויאישן שכנס הויז —
צופוסנס גליווערט פאַרבאַקן בלוט,
און דער שכן האַלט נאָך די שווערדיקע קנוט.

זי מאַכט אַן עיגול אַרום דעם מאַרק
און פליט אַוועק צום בית־עלמין־באַרג,
צום בוים — אַ מת מיט פאַרבראָכענע הענט,
וואָס היט דאָרט די שטיינער, צעוואַליעט, געשענדט.

דאָרט שטעלט זי זיך אָפּ און דרימלט אַ וויל,
און פליט־אַוועק איבער טויזנטער מייל
און קומט צו מיר, אין מיין ליד פון צער —
די טרייסט, וואָס גאָט האָט מיר צוגעשאַרט...

זאָג מיר, דיכטער

זאָג מיר, דיכטער, קען מען מאָלן
מיט אַ שפּראַך־טינט דעם געכאָרכל
פון דערוואָרגן יידיש קליינוואָרג?
קען מען, זאָג, די פיינען־שריפות

פון געשענדטע בנות־ישראל
איבערגיסן אין געשריפטסן
און דערמיט זיי נישט פאַרשוועכן?

און מיט בידנע פענעס־פענדזלען
קען מען דען באַווייזן ווייזן
אויגן פון פאַרשטאַרטע זקנים —
אַנגעוואוירענע, געלאָזטע
ערגעץ וואו אויף פוסטע פעלדער
און אין מיטן וויסטע וועלדער,
ווייל זיי קענען מער נישט לויפן,
פאַרן טיליקער אַנטלויפן — ?
ווי די אָפּגעדעקטע קאָרטשעס
סטאַרטשען זיי פון צווישן גראָזן,
און די גלידער פרירן, שטאַרן,
און די ליפן — אָן געשעפּטשע —
צאַנקען ווידוי, און די אויגן
לעשן זיך שוין צוויי מעת־לעתן
און זיי ווערן נישט פאַרלאָשן,
נאָר זיי בעטן ביי די וואָלקנס:
„טאַטע־פאָטער אין די הייכן,
ווייַ אונדז, כאָטש צו קבורה קומען
און נישט ווערן צו קיין מאכל
פאַר די וועלף און פאַר די פייגל" —
זאָג מיר, דו פאַרשייטער דיכטער,
ווילסט אָט־דאָס מיט ווערטער מאָלן?

פוץ מיך נישט מיט שפּראַך־געבלימטע
שעמערירנדיקע לענטעס,
און באַהענג מיך נישט מיט קרענצלעך
האַנט־געדרייטע ווערטער־קווייטן,

ווי מיט געלע פּאַיאַץ־גלעקלעך;
און מיט לאַנגע גראַמען־שנירן —
ווי געקלאַפּ פון קאַסטאַניעטן.

דיריגיר נישט מיין געכליפּע.
צייל נישט, מעסט נישט מיינע זיפצן.
לערן מיך נישט מוזיצירן,
טרעמולירן, ליריצירן.

פלאַמען עסן מיך און שלינגען
ווי אַ קופּע דאַרע ריטלעך.
כ׳בין אַרויס אַ האַלעוועשקע
פון אַ פלאַקערדיקן שייטער
לעבעדיקע יידן־לייבער.

מיינע אויגן זענען בלינדע —
דער צעבלענדטער חושך עסט זיי,
וואָס זיי האָבן איינגעשלונגען.
מיינע אויערן פּאַרטויבטע
הערן מערנישט נאָר געיאָמער
אונטער שווערע העק געלעכטער.

איך גיי אום אין חלום־אַנגסטן,
חלום־אַנגסטן — וואַכע וואָרן,
און אין פינצטערדיקסטע קלאָרן.

פייערדיקע ווינטן־בייטשן
האָבן איבער מיר געוואָיעט,
און מיט מעסערדיקע שרויטן
אויף מיין קינדער־פעלד געהאָגלט.

און די זון — זיך נישט פאַרלאָשן,
נאָר דעם טיליקער געלויכטן,
און דער הימל — נישט געלאָפּנעט,
נאָר געלאַכט-געדונערט דריבנע
און געשטשירעט בליצן־ציינער —
ווילסטו דאָס מיט ווערטער מאָלן?
ווילסטו דאָס אין שורות טאָקן
און אין דינע ליד־קרישטאָלן,
סע זאָל פליטערן און פלעמלען
ווי די צויטן גלאָז אויף הענגלעמפּ?

ווילסט עס אויף אַ פּליט צעבלעזלען?
צופּן פון אַ האַרף, ווי בלויע
שמעקעדיקע קלאַנגען־בלעטלעך?
שפּינען אויף אַ פידל־סטרונע?
שאָבן פון אַ קראַנקער טשעלע?
פּיצלען אויף אַ מאַנדאָלינע?

זאָלן דיר די פינגער דאַרן,
אַז דו זאָלסט נישט קענען ווישן
פון דיין אויג קיין טרער אַפילו,
און דיין קינד נישט קענען האַלדזן
און צום האַרץ נישט קענען דריקן.

צערטל מיך נישט. איטלעכס אבער
איז מיט ווייטיק אָנגעגאָסן.
כ׳גיי אַרום אין רויע וואונדן.
טרייסט מיך נישט מיט אחרית־וויזיעס
און מיט לאַקריץ־זיסע טרוימען.

כ׳וויל אַליין זיין מיט מיין ווייטיק,
ווי אַן אָנגעגליטער קרעמען
העלישט ער אין מיינע ביינער.
איך וועל הויערן, אים פאַרדעקן,
ער זאָל נישט פאַרגיין, נישט וועפּן.
כ׳וויל נישט פלאַמכענען מיט טרערן.
כ׳וויל נישט, ס׳זאָל מיר גרינגער ווערן.
שטומען וויל איך. שטום, געוויין מיינס!
כ׳וועל צום האַלדז די פינגער קלעמען
און דיין מינדסטן שאָרך דערוואַרגן.

כ׳וועל פאַרשטאָלן מיך מיט שטומקייט,
ווי מיט קיזל־האַרטע פּאַנצערס,
און כ׳וועל קומען צו די פעלדזן,
וואָס זיי וואַקסן פון די טראַכטן
פון די ווייטע ימען־ברעגן —
און מיט זיי אַ בונד פאַרשניידן.
נעמט מיך צו, אָ, גוטע שטיינער —
ווייטיק אָנגעגליטער קרעמען,
העליש ברענט אין מיינע ביינער.

איך וועל איינזאַמען און אַבלען
אין די גוטע פעלדזן־אָרעמס.
כ׳וועל צו זייער ברוסט מיך טוליען,
מאַכיק־ווייכע ברוסט פון פעלדזן,
און אין קילע שקיעה־טייכן
וועל איך דאָרט מיין וויטיק שפּיגלען,
ביז כ׳וועל הערן מיין געיאָמער
אין די דונערן זיך טראָגן,
ביז כ׳וועל מיין געוויין פאַרנעמען
אין די וואָלקן־בראָכן חצות־צייט,
ביז ס׳וועט מיר באַוויליקט ווערן
צו מיין וואונד אַ רגע היילונג,
צו מיין בראַנד אַ טראָפּן לעשונג,
טרייסט אַ וואָרט — צו מיין אבילות...

איז דאָ באַשייד?

די ערד איז ווי ריזנדיקער פעלדזן־שאַרבן,
אין זיינע לעכער האָלדזן זיך געבורט און שטאַרבן.
אין זיינע שאָטנס יושעט גרויל. מע שרייט: געוואַלד!
און איך באַהאַלט מיך אויס ווי אין אַ סטראַזשקע־וואַלד...

מיך וואַרפט, ווי אין אַ קעלט, דאָס אומגליק, וואָס אַרום מיר,
און הינטער מיינע אויער־לאָדנס קלאַגט, אַ שטומער,
דער צער, וואָס נעמט די וועלט אַרום און דאָס געשריי,
וואָס מע פאַרנעמט עס נישט, וואָס טוט נישט־קיינעם וויי.

מיין האַרץ איז אָנגעזאַפּט מיט פינצטערדיקע קלאַנגען,
מע ממיתט ווערמען וואו, מע רייסט זיין לייב מיט צוואַנגען,
אַט גייט מען באַלד אויף מיר מיט אויסגעשטרעקטע העק,
און אין די הענט, ווי פאַנען, פאַרן רויב די זעק.

איך נישטער טיפער ווי סע קען מיין בליק דערגרייכן,
אין מינדסטן זעמדעלע דאַרף ליגן גאָטס אַ צייכן,
אַ מינדסט באַשעפעניש אַנטפּלעקט זיין גוטן וואונק,
די אויגן־עמערס דאַרשטן נאָך באַשייד א טרונק.

גייט אויכעט גאָט אַליין אַרום פאַרשטעלטערהייט,
פאַרצער׳ט ווי איך, פון אייביקייט ביז אייביקייט?
כאָטש איין מאָל זאָל זיין אָטעם, איידער איך פאַרגיי,
אַ גלעט טון מיט אַ קוש די ליפּן מיינע צוויי...

שוויתי...

ש ו ו י ת י

שוויתי — אַ מאָל, אַז איך מאָל מיר אויס,
ווי חרוב־ונחרב ס׳איז איצט דאָס הויז,
וואו כ׳האָב דערזען די ליכטיקע שיין
און אַ קוויטש געטאָן אין דער וועלט אַרײַן —

און ווי דאָרט איז צעוואַליעט אַלץ מיט אַנאַנד
און פאַרקנאָטן אין קופּעס בלוט און בראַנד:
די וויג, דאָס באָמבעט, דער ספרים־שאַנק,
און די שנייוויַיסע ציג און דער חומש־געזאַנג —

און סע ליגן נאָך גלידער געשענדטערהייט,
פון דער הייליקער עדה, וואָס מ׳האָט געטייט,
און מ׳האָט ווילד פאַרהילכט איר געוויין־געשריי
מיט געהודע פון קלויסטער-גלאָקן צוויי —

און, ווי, דאָס געשריי איז אַרויף אין דער הייך
און די שערי־רחמים באַלד דערגרייכט,
נאָר וואָס קומט אַרויס? אויף יענער זייט וואַנט
האָט זיך גאָט דאָס פּנים פאַרשטעלט מיט דער האַנט,
און מיט אַכציק וויסטע וואָלקן־זעק
זיך די געטלעכע אויערן פאַרשטעקט;
האָט צוריק דאָס געוויין זיך אַראָפּגעלאָזט
אויף דער ערד, אין אַ פינצטערן רעגן־גאָס.

און דער גאַנצער קאָשמאַר פון בלוט און פון פּיין,
און פון גאָט, וואָס לאָזט נישט צו זיך אַרײַן
דאָס געשריי פון געשאָכטענע יידן — שאָף,
האָט מיר אויפגעגעסן מיין רו מיט מיין שלאָף —

און מע לעבט ווי אויף חסד אין יעדן לאַנד,
און אונדזער טויט איז אַ טויט פון שאַנד,
און דער קאָפּ קען נישט שפּאַלטן די רחמים־וואַנט —
איז פאַרבענקט זיך דאָס אויג און דאָס האַרץ און די האַנט

נאָך אַ שטיין אין פעלד, נאָך אַ נאַקעטן שטיין —
איך זאָל קומען צון אים מיט מיין ווייטיק צו גיין,
און דער שטיין נעמט מיך צו און ער נעמט מיך אַרום
און טוט־אָפּ פון זיין האַרץ זיין שטיינערנע שטום —

און נאָך ערגעץ אַ שטילן ווינקעלע ערד,
צו קושן געטריי מיט אַ פּנים פאַרטרערט,
אַזוי ווי מע קושט אַ מאַמע נאָר
אויפן סאַמע ברעג צווישן חלום און וואָר —

און דער הימל פּלאַצט נישט אין מיטן טאָג
און פאַרצערט אין אַ שריפה מיך מיט מיין קלאָג,
נאָר ער שפּייזט די ערד מיט טיפער בלוי,
מיט ווינטעלעך זון און מיט נאַכטיקן טוי,
און די ערד האָט גרייט אירע ברוסטן צוויי
מיט געדאַכטער טרייסט פאַר מיין אייביקן ווי...

דורך ווינטן

דורך פייער־געשטרייפטע ווינטן,
און פונקען־באַשלאָגענעם רויך —
אַזוי איז מיין גאַנג דורך די וויטן,
מיין גאַנג צו דער הויך.

מיין פאָן איז די בענקשאַפט, וואָס צינדט מיך,
מיין שווערד איז דאָס האַרץ מיט פּיין.
אַזוי איז מיין גאַנג דורכן חושך,
מיין גאַנג צו דער שיין.

איך קאָווע די פויסטן אין גלויבן.
איך שריי, ווי אַ פאַקל אין ווינט.
איך שפּאַלט מיטן שם דעם געוויכער
פון זינדער און זינד...

די שקיעה-שייטערס

די שקיעה־שייטערס — פלאַקערדיק געצונדן.
איך זע דערין מיין אומהס טויזנט וואונדן.
כ׳בין אויך אַ שייטער אינעם שקיעה־בראַנד,
מיט רויכערדיקע קנויטן אין דער האַנט.

אַרום די שייטערס — רויט־פּאַרפּלייצטע טאָלן.
זיי גליען נאָך פון אייביקע אַמאָלן.
נאָר ווי פון ווייט דער פלאַקער זאָל נישט זיין —
ער שלאָגט זיך אָפּ און לעשט זיך אין מיין פּיין.

די פּיין אין מיר נעמט ציטערן דערשראָקן:
פון ווייטן קומען קלאַנגען, ווי פון גלאָקן...
איז וואָס זשע, וואָס אַזוינס דערמאַנען זיי?
מיין שטעטלס לעצטן שבת — ווינד און ווי.

מיין שטעטל איז אין פלאַם אַוועקגעפלויגן.
אין שקיעה קנוילט זיך עס מיר פאַר די אויגן...
איך אַנגסטיק, ביז די בראַנדן שטילן־אויס —
אַ פונק דערהיטן פון מיין חרוב הויז.

די פּריזבע ליים, דאָס הילצערענע וויגל —
אַ ווינט האָט זיי פאַרטראָגן, ווי אַ פליגל.
אַמאָל, פאַרנאַכט, פאַרבלאָנדזשען צו מיין טיר
די פּריזבע און דאָס וויגל, וואָס אויף איר.

סע לעשן זיך דער שקיעהס לעצטע שפּענער.
די נאַכט קומט־אָן מיט ערשטע ווינטל־פּענער,
און איינס אַ ווינטל פּייפלט אויף אַ פליט
אַ דין געפּייף ביים ברעג פון שטילבלעכקייט.

דו ווינטל, ניטע שושקע מיר אין אויער.
די שקיעה פאָכעט נאָך אויף מיר מיט טרויער,
און פון דער ווייט, פון הינטער הימל־ראַנד,
רירט־אָן מיין ליפּ אַ גליענדיקע האַנט...

איך בין אַ פּעלדז

איך בין אַ פּעלדז,
וואָס שפּאַרט־אַרויס פון דעם געביין פון אַ פּאַרצייטיש-אַלטן באַרג.

דער באַרג האָט שוין געזען די ווירבלדיקסטע ימען.
זיי פאַלן אויף אים אָן און ווילן אים פאַרצוקן.
די שטורעמס שרויפן זיך אַריבער אים און ראַנגלען זיך מיט אים
און ברעכן זיך אויף אים די בליצן־ציין.
ער איז שוין אונטער אַלע הימלען אויסגעוועזן
און איינגעזאַפּט אין הויקערדיקן קאַרק
די אַלע וואָלקן־בלייען,
וואָס זוכן אים און יאָגן־אָן
און שוימען זיך און שפּייען.

די וועלטן־וויכערס קייטלען זיך אַרום דעם באַרג
און שאַרפן זיך אויף זיינע גלידער;
שריפה־חושך הילט אים איין.
ער אַנגסטיקט און פאַרקלייבט זיך טיף אין זיך,
ביז־וועו דער הימל בלויט אַ ביסל אויף
און טוט זיך אָן אין תכלת אויף אַ ווייל
און וויקלט אים מיט טיכער ווינטיקע די שלייפן בראַנד —
ער אייביקט־איבער.

איך בין אַ פּעלדז,
וואָס שפּאַרט־אַרויס פון דעם געביין פון אַ פּאַרצייטיש־אַלטן באַרג.
חלומות דראַפּען זיך אין מיינע שפּאַלטן באַרגיקע
ווי סטאַדעס שאָף.
איך הער ווי סטאַדעס פליצן וואָלן אין מיין שלאָף...
זיי נישטערן אין די גראָזן־מאָכן,
וואָס דורך דורות וואַקסן זיי אויף פעלדזן־ווענט
ביים אַלט־פּאַרצייטישדיקן באַרג,
וואָס רוט ביי אייביקייטן אין די הענט...

אַ בוים

איך קען אַ בוים, וואָס איינזאַמט אין אַ מיטן פעלד,
מיט שטילקייט אין די צווייגן
און מיט גרין געבליעכץ.

ווינטער גליווערן זיינע גלידער,
נאָר די בלוטן חלומען און זינגען
אונטער זיינע קאָרע־פּאַנצערס
דורך די יאָרן־רינגען.

אָנהייב פרילינג קומען פייגל פון אַריבער ימים
און דערציילן אים די וואונדער, וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפן,
און דערמאָנען אים די לידער פון פאַר יאָרן־יאָרן
ביז זיי כישופן־אַרויס פון אים אין גליווער־שלאָף אַ שמייכל.

שטילע תהילים־ווינטן שפּילן אויף די צווייגן זיינע
ווי אויף סטרונעס,
און די לידער ציען זיך צו אַלע וועלטן.

קרוינען האָט ער צוויי:
מיט איינער ציט ער זיך אַרויף —
צו רוימען־שליאַכן, ברייט־צעוויקלטע, ווי טייכן,
און צו שטראַלן־סטעזשקעס . . .
און די צווייטע קרויז, די קרוין פון וואָרצלען,
אָדערט זיך אין ערדן, אַנגעשפּאַרט מיט רעגן־זאַפּטן
און מיט זאַמדיקער מעטאַלן־קאַשע.

פייגל נעסטיקן אין זיינע פּאַכוועס
און ווי גוטע דינסטן
קלייבן זיי אים פונעם לייב די ווערעמלעך, די זשוקן,
און זיי פאָרן זיך דערנאָך אין פישטשענדיגע נעסטן.

שקיעות פלאַקערן אין זיינע היכלען
און זיי פלאַטערן־אַרויס ווי אימהדיקע פאָנען,
און קאַיאָרן בלויען־בליען אין די דלאָניעס זיינע
און צעוואַקסן זיך אין טעג־אַזורן.

רעגן־גאַסן וואַשן אים די האָר צעשויבערטע
און ווינטלעך ווישן זיי מיט בשמימדיקע האַנטעכער,
געבראַכטע פון די חומש־ווייטן.

ווינטן־קאַמען קעמען אים די קודלעס,
און די הימלען פלעכטן טאַשמעס רעגנבויגן
צווישן זיינע צעפ,
און פורפל־קרעפ
אַרום זיין האַלדז, זיין שטערן...

אונטער זיינע שיצנדיקע צווייגן־פליגל
קומען פאַרלעך זיך צו ליבן.
דאַרף מען — איז זיין סוכה טונקל,
דאַרף מען — דעקט ער אָפּ אַ שטיקעלע לבנה,
זאָל דער בחור זען דעם מיידלס חנען, די דערשראָקענע,
און ס'הארץ זאָל אין אים וואַקסן.

זאַווערוכעס, שלאַקסן קרישלען אים די ריפּן,
ברעכן אים די גלידער.
בליצן עסן פון אים לעבעדיקע שטיקער —
נאָר זיי קענען אים דעם שטאַם נישט בייגן.
אַלע טרעפּענישן זענען אינעם שטאַם פאַרקריצט־פאַרשריבן.
טויזנט טויטן האָבן אים געטיליקט —
נאָר דער שטאַם איז אַלץ געבליבן.

בערגער־שפּיצן זעט ער פון דער ווייטנס,
נאָר אים ציט צו הייכן,
דעם אין־סוף דערגרייכן...

אַלע הימלען
שפּיגלען זיך און דרימלען
אין די טיפענישן פון זיין שיינקייט.

כ'קען אַ בוים, וואָס איינזאַמט אין אַ מיטן פעלד —
ער איז אַליין מיט גאָט אין זיין אלייגקייט...

איך וואָלט נישט געקענט דערטראָגן

איך וואָלט נישט געקענט דערטראָגן
מיינע לאָסטן ווי און ווינד,
ווען איך הער נישט, ווי דו טרייסט מיך
אינעם שאָרכן פונעם ווינט.

ווען איך זע נישט, ווי די שוואַלבן
צירקלען אויף דער הימל־בלוי,
ווען איך פיל די זון נישט קושן
פון מיין באַק דעם טרערן־טוי.

איך וואָלט נישט געקענט דערשלעפּן
מיינע הונגער־זאַטע טעג,
ווען דיין ליכטיקייט, די שטילע,
געגנט מיך נישט אָן אין וועג.

ווען איך בין נישט פול מיט גלויבן,
ווי מיט זאַפטן פול אַ בוים,
אַז דו רוסט ביי מיר אין בענקען,
אַז דו וואַכסט ביי מיר אין טרוים.

אַ קאָשמאַר

אַ מאַניאַק באַפאַלט מיך מיט אַ לאַנצעט,
בשעת איך ליג און לייען אין בעט —
און צעשניידט מיך אויף שטיקער, גליד נאָך גליד,
ביז אַהין, וואו איך טראָג דעם חותם: ייד.

נאָר דאָ הייבט זיך אויף מיין צעפּערטלטע האַנט
און נעמט וואַרגן דעם גזלן — ער פאַלט ביי דער וואַנט,
און זיי ראַנגלען זיך, און זי רייסט אים אַרויס
דעם לאַנצעט פון דער האַנט — און דער שלאָף איז אויס — — — —

אַרום און אַרום איז שאַ און רו,
נאָר אַ כמאַרע אין פענצטער פּינצטערט־צו. —
איך ליג אין אַנגסט, כ'האָב קוים דערהיט
פון מאַניאַקישע הענט מיין יידיש גליד.

אליהו הנביא

(אַ מתנה דער ח׳טע אסתר שומיאַטשער)

אליהו הנביא קומט צו גיין
אין אַן אָרימען מלבוש, געהויקערט, קליין —
ער שלעפּט זיך פּאַזע וואַלד און פעלד,
און מיידט די שליאַכן פון דער וועלט.

פאַרנאַכט, דער טאָג ווערט־אָן זיין שיין —
קומט ער שטיל אין אַן אָרימער שטוב אַריין,
און בעט אַ שטילער, כמעט מיטן וואונק,
אַ קרישקע ברויט און וואַסער אַ טרונק.

און פּאַר די קני אַ ווינקל רו,
און שלאָף פאַר די אויגן, וואָס פאַלן שוין צו;
דער טאָג איז גרויס און נאָך גרעסער — די וועלט,
וואָס ליגט און בענקט פּאַזע וואַלד און פעלד.

פון אייביק פירט ער זיך אַזוי —
ס׳איז אים גענוג אַ ביסל שטרוי,
אויף איבערצוזיצן דאָס שטיקל נאַכט
אין אַ ווינקל אַלקער, פאַרדומעט, פאַרטראַכט.

נישט איינמאָל טרעפט, אַז אַזאַ אָרימאַן
זאָל ברענגען דאָס מזל אין זיין שפּאַן:
אין דער פרי איז ליידיק נאָך אים דאָס אָרט —
זיך געלאָזט קאַיאָר אין דער ווייט, אָן אַ וואָרט.

נאָר אין עטלעכע טעג, מע טראַכט נישט דערפון,
אין אַ ווינקל שפּילט זיך אַ פינטעלע זון —
דערזעט מען פלוצים, אַז דאָס איז גאָר
אַ בערגעלע צירונג, פּאָר צו פּאָר.

אַזוי דערציילן פרומע לייט,
וואָס ברענגען מעשות פון דער ווייט.
געלויבט איז דער, וואָס אייביק לעבט,
וואָס די מעשה איז אַזוי שיין געוועבט...

די שטערן

וואָס פינקלען אין הימל די שטערן אַזוי,
ווי די טייערע איידלשטיינער?
ס'האָבן טויזנט חכמים געטראַכט דורך די נעכט —
נאָר דעם ענטפער געפונען האָט קיינער.

זיי זיצן און בויערן זיך די קעפּ
אויף די העכסטע בערגער־דעכער;
זיי בויערן זיך — אַזש די קעפּ זענען פול
מיט אויסגעבויערטע לעכער.

זיי זיצן און רייסן פון זיך דאָס פלייש:
צו וואָס די מיליאָסן שטערן?
אומזיסט, חכמים, אַראָפּ פון די בערג! —
איר'ט עס קיינמאָל נישט באַקלערן.

ערגעץ טיף אין אַ ספרל האָב איך געזען,
אין חלום, דעם פּירוש פאַרשריבן,
צו־וואָס און צו־ווען זענען איבער דער ערד
די שטערן צונויפגעקליבן:

אַז מ'איז פרום צו גאָט און גוט צו לייט —
ווערן ליכטיק אין הימל די שטערן.
נאָר, חלילה, מ'איז ווייט פונעם ערלעכן וועג —
קען די זון נאָך פאַרלאָשן ווערן.

וואָס טוען די מעשים־טובים אויף?
מלאכים נעמען זיך טראָגן,
און קומען פאַר גאָט מיט אַנגעטיקער פרייד —
אים די בשורה אָנצוזאָגן.

און כביכול באַשאַפט פון זיי שטערן־געציר
ביי זיך אין די שכינה־געצעלטן —
און די שרפים נעמען און הענגען זיי אויס
און פאַרליכטיקן די וועלטן.

אַזוי האָט אין חלום אַ ספרל שטיל
מיר געגעבן צו דערקלערן
דעם סוד פונעם ליכטיקן הימל ביינאַכט
מיט זיינע מיליאָסן שטערן...

כ׳בין נאָר אַ ברעקל אות

פאַרוואָס צעכוואַליעט זיך אַזוי מיין האַרץ, דאָס שטילע,
בשעת איך הער די קלאָגנדיקע איכה־טרעלן?
דער הונט, דער לעסטערער אין מיר, הערט־אויף צו בילן —
און לאָזט מיך מיט די זינד זיך פאַרן פאָטער שטעלן.

איך פיל, אַ האַנט, אַ פאָטערלעכע, נעמט מיין האַנט אָן —
און ס׳ווערט מיר גרינגער ציען פונעם זומפּ די קנעכל.
אין סאַמע בלוט־און־טרערן־ים, אין סאַמע בראַנדן,
האָב איך געזען די האַנט דאָס רישעות איבערברעכן.

איך לען זיך אָן אויף דורות זיידעס, קייטן לאַנגע —
אַזוי נאָר קען איך אין דער פינצטער שפּאַנען ווייטער.
נאָר, דאַכט, כ׳וואָלט צו קיין מות־קדושים נישט דערגאַנגען —
מיין האַרץ וואָלט מיר געלאָפּנעט אויפן וועג צום שייטער.

מיר דאַכט, איך וואָלט געקושט די האַנט דעם אינקוויזיטערס,
אַבי מיין דאָרשטיק האַרץ זאָל ווייטער מעגן טרינקען
דעם גוטן חן פון כלה־ביימער אויפגעבליטע,
און ווייטער מעגן אין גאָטס שטערן־פּראַכט פאַרזינקען...

כ׳בין נאָר אַ ברעקל אות אין פאַרמעטן — אין־סופן,
וואָס וויקלען זיך און אייביקן אין שליאַכן־שטויבן.
נאָר איינעם וואָגל האָט אַ דונער מיך געטראָפן
און מיר אַ שניט געטאָן אין מיין פאַרטראַכטן גלויבן.

אַ פּעטליע האָט מיך אָנגעיאָגט און מיך געשטרויכלט,
מיך אומגעוואַלגערט ווי אַן אָקס און מיך געבונדן; —
ביי מיר אין האַלדז האָט זיך די לעסטערונג געררויכערט
און מיר דאָס קראַנקע האַרץ צעלעכערט און צעשוונדן.

אָ, זיידעס ליכטיקע פון דורות אָפּגעשיידטע,
די אָרעמס מידן מיר און מיין געשריי נעמט שטומען, —
קומט רינגלט מיך אַרום אין וואָגל און באַלייט מיך, —
ווייל וויסטיקייטן לויערן, אַז איך זאָל קומען...

חצות...

אויף דער גאַס איז שטיל, ס׳איז האַלבע נאַכט שוין.
שטייט מען וואו נאָך אויף אַצינד צו חצות ?
זיינע שלייפן שמאַכטן —
זען פון דער גאולה נאָך אַ צייכן, נאָך אַן אות.

נישט קיין טרערן־דורכגעווייקטן „שערי־ציון״
האַלטן זיינע הענט.
נודנע ראַדיא־לידלעך ציען,
זענען אים מבלבל דורך די דינע ווענט.

אינעם קאָפּ, וואָס וויל שוין קיין של־ראש נישט טראָגן,
גליווערט אומרו, טיקט שיגעון.
ער האָט אויפגעהערט צו דאַוונען, תהילים זאָגן
פון מאַידאַנעק אָן.

אויפן אָרעם איז אים אויסגעברענט אַ לאַגער־נומער
דאָרט, וואו ס׳פּלעגן די רצועה פון של־יד
זיינע זיידעס וויקלען; און מיט אומעט
איז ער פונקט ווי זיינע זיידעס זאַט.

תפילה־שירה

פאַרטאָג קומט אַ שירה פון וואַלד אַרויס —
די פייגעלעך מאַכן גאָטס נאָמען גרויס.
אויף דער בוים, דער קרייטעכץ און דאָס גראָז
טוען תפילה אָן אַ מאָס.

און אַלע בענקען, בעטן זיך:
אוי, מאַך אַ סוף צום רישעות גיך.
פאַרטרייב די פינצטער פונעם וואַלד,
ס׳איז שוין נישטאָ קיין כוח באַלד.

צו גאָט גייט־אויף דאָס תפילה־געטרעל.
אין מיזרח ליכטיקט די הימל־שוועל.
די וועלט ליגט שטיל און הערט זיך צו,
ווי אַלץ טוט תפילה צו גאָט ברוך הוא.

טרייסט

(מתיתן אַ מתנה)

אַ כמאַרע גייט. די פענצטער מיינע ווייגען.
ביי מיר אין האַרץ קריכט־אַום די אומעט־שפין.
ס׳איז אָבער דאָ אַ ספר — אַז איך לייען עס,
פאַרגייט, מיר דאַכט, די כמאַרע מיטן ווינט...

ווי גוט ס׳איז צון אַ ברונעם צוצופאַלן
אין וואַנדער, אין אַ סטעפּ, פון דאָרשט פאַרשמאַכט,
און אָנצוזאַפּן זיך מיט קיל פון קוואַלן —
אַזוי איז מיר אין וואַנדער דער תנך.

איך האָב דאָך שוין געליטן אַלע אַנגסטן,
נאָר כ׳לעב, ווי ס׳זאָל דאָס לייב מיינס זיין פון שטיין.
און אַז דאָס האַרץ אין מיר געמט ווייגען, צאַנקען —
אָנטרין איך צום תנך מיט מיין געוויין.

איך עפן־אויף דאָס ספר ווי אַ טויער,
און טוק מיך אינעם היילנדיקן שטראָם
פון זיינע אַלטע-נייע וואָרן בלויע —
און וואָגל ווייטער, אויפן ראַנד פון תהום.

איך עפן־אויף דאָס ספר פון ישעיהו
און נעם מיך אָן מיט טרייסט פון זיינע רייד.
אין אחרית פון די טעג בין איך פאַרטאַיעט.
נבואה-ליכט איז איבער מיר געשפּרייט.

פון קינדערווייז אָן האָט מיך געשפּייזט זיין וויזיע,
און זי נאָר איז געבליבן מיר געטריי —
מע וועט אַמאָל די שווערדן און די שפּיזן
צעברעכן אויף געצייג פון גערטנעריי.

אין רידלען און אין סערפּעס און אין קאָסעס
מ׳עט איבערשמידן דאָס געצייג פון מאָרד.
דער אייגער חלום האָט מיך נישט פאַרלאָזן,
ווייל מיטן נביאס ליפּן רעדט גאָטס וואָרט.

אַ פאָלק וועט מיט אַ פאָלק אין שכנות לעבן,
ווי ברידער צוויי אין טאַטע־מאַמעס הויז.
ווי טויבן-וואָרקען צווישן זיי וועט שוועבן
אַ ליבע-לשון, פונעם האַרץ אַרויס.

איך טוק מיך אין ישעיהס אַלטע ווערטער,
ווי באַלזאַם איז ער צו מיין מיד געביין.
אויף איין מאָל הער איך — אין מיין אויער שפּעט ווער
און שיפּעט שפּאָט דורך צישעניש פון ציין.

מיר לויפט־אַדורך אַ סקרוך די חוט־השדרה.
דאָס בלוט אין מיר נעמט שטראָמען ווי געיאָגט,
ווייל נישט מיט ווערטער, נאָר מיט בייטשן רעדט ער
און לאַכט פון מיר, פון מיין פאַרשעמטער פּלאָג.

„ישעיה האָט גערעדט און האָט געבולן.
געדאַרפט האָט זיין נבואה זיין פאַרקערט —
אין אחרית פון די טעג, אין טעג אין דולע,
אַ מבול מאָרד וועט קומען אויף דער ערד.

אַ פאָלק וועט אָנכאַפּן אַ צווייטס ביים גאָרגל,
און איין פאָלק וועט פאַרטיליקן אַ צווייטס —
ביז אַלע וועלן ליגן אויסגעוואָרגן
און שווימען אין אַ בלוטיקן געפלייץ.

און גאָט וועט יאָמערן און גיסן טרערן,
און קלאָגן וועט ער: ווייַ, ווי ווער איך בלינד!...
און רייסן זיך די אויגן פונעם שטערן
און אויסלאָזן צו זיך זיין צאָרן־ווינט.

צעבערעכן וועט ער זיך די הענט געטרייע,
און שעלטן די בראשיתדיקע טעג.
אַ וויכער, אַ געמיש פון בלוט מיט פייער,
וועט אויסלעשן די ערד און איר פאַרמעג.

גיי נעם־צונויף, ישעיה, דיינע ספרים,
ביז איינעם, ביז צום לעצטן עקזעמפּלאַר,
און בוי זיך אויף פון זיי אַ קופּע־טורעם,
און צינד אים אָן, ס׳זאָל פון אים ווערן זשאַר.

און נעם פון הייסן זשאַר אַ פולע זשמעניע,
און עס עס אויף, און ברי דיך מיטן פלאַם.
די פייער־קויל זאָל דיר דאָס מויל פאַרברענען
און שניידן דיר אין אינגעווייד ווי סם.

און וואַלגער־אויס דיין לייב אין ספרים־שייטער,
און גראָב דיין קאָפּ אין קופּע פּריסיק איין —
דערפאַר, ווייל דיין נבואה האָט נישט געלייטערט,
זאָל דיר און דיין נבואה אַזוי זיין...״

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שווערד איז פאַר מיין בליק אַדורכגעפלויגן.
אַ מעסער האָט פאַר מיר אַדורכגעבליצט.
איך האָב אין פחד אָפּגעווענדט די אויגן.
דאָס האַרץ האָט מיך געפּאַטשט מיט ריטשקעס היץ.

כ׳בין צוגעפאַלן, ווי אין הייסער תפילה ,
צום קוואַל פון מיינע טרייסטן, צום תנך.
אין דרויסן איז דער ווינט געוואָרן שטילער
און איז אַוועק אין אָפּגרונט פון דער נאַכט...

משיח

עק וועלט שטייט אַ חרובער טורעם,
אַ טורעם פאַרהאַקט אויף אַ שלאָס.
דאָרט הערט מען נישט זינגען קיין פויגל,
דאָרט זעט מען נישט וואַקסן קיין גראָז.

אין דער חורבהס אַ פינצטערן ווינקל,
ביי אַ פייערל, וואָס דערברענט,
ליגט משיח, געקאָוועט אין קייטן,
געקאָוועט פיס און הענט.

די קייטן שניידן אים קאַרבן
אין געמאַטערטן לייב אַריין,
נאָר סע שטראַלט־אַראָפּ פון זיין פנים
אַ דורכגעלייטערטע פּיין.

דאָרט קומט ער אָפּ יסורים,
נאָר נישט פאַר זיינע זינד.
דעם יידנס וויי־געשרייען
דערטראָגט צו זיין אויער דער ווינט.

ער הערט די וואָלקן־פויקן
בשעת אַ געוויטער גייט.
ער הערט דעם שטורעם בייטשן
די ערד ווי מיט אַ קייט.

ער הערט די געוויסערן שווענקען
דער חורבהס אייזערנע צאָם —
און ער ווייסט, דאָס שרייט צון אים
דער יידישער טרערן־ים.

פון ווייטע נידערן הערט ער
ווי דער טרערן־ים שטורעמט הייס —
נאָר דאָ אויף דער חורבה גליווערן
די קייטן-שלעסער בייז.

און וויל ער די קייטן צעררייסן,
צעפּראַלן די חורבה־טיר —
דעמאָלט פאַלט ער, פאַרקלעמט אין ווייען,
אויפן פּנים, אויף אַלע פיר.

אַזוי לעכצט ער צו קומען דערלייזן
שוין וויפל טויזנט יאָר —
און באַשפּריצט מיט זיין בלוט דעם טויער,
אין חלום און אויף דער וואָר.

אַזוי לעכצט ער צו קומען דערלייזן,
מע זאָגט, פון אייביק אָן.
זיין בענקעניש פיבערט רויט
פאַרנאַכט אין דער שקיעה־פאָן.

אין בין־השמשות־שטילן
ציטערט־אויס זיין פיין־געוויין,
און פאַלט, ווי טרערן־טראָפּנס
אויף אַ וויסטן מדבר־שטיין . . .

די תפילה פון אַ זעלנער

גיס מיך אָן מיט גבורה ביז די שפּיצן פינגער,
און מיט האַס און ליבשאַפט פיל מיר אָן דאָס האַרץ;
אַז איך זאָל זיך אויפן שונא וואַרפן גרינגער, —
שלאָג מיך אויך מיט בלינדקייט און — מיין האַנט פאַרשטאַרק.

זאָל דער שונא אויכעט זיין ווי איך געשלאָגן,
בענטש אים אויך מיט גבורה און — מיט שטאַרע הענט.
אין דער לעצטער רגע זאָלן מיר זיך זאָגן:
אוי, ביסט דאָך אַ ברודער! כ'האָב דיך נישט דערקענט.

אַלע וואָס זיי טאָפּטשען, אָנגעשפּיצט די גלידער,
אין די שלאַכטן־בלאָטעס, גרייט צו אַ געפעכט,
זאָלן פלוצים הערן הימלדיקע לידער,
ווי אין חלום־העלע מיטן־פרילינג־נעכט.

ווען וועט פאָרט שוין קומען דער ישעיה־חלום,
און די וואונדן היילן אונדזער שיינער ערד?
אָט דאָס וויסט געקייקלעכץ אין די לענדער־טאָלן
איז אונדז טאַקע אייביק, אייביק אונדז באַשערט?

די צוויי צאַרטע צווייגן, אַקוראַט ווי פליגל,
וואָס צעוואַקסן זיך מיר, צום אין־סוף געווענדט —
וואָס האָב איך געדאַרפט די קינדער מיינע וויגן,
אַז סע טרייסלען זיך שוין אַלע וועלטן־ווענט?

א כמארע טרויער

אַ כמאַרע טרויער

כ׳האָב אַ כמאַרע טרויער
אין מיין שווער געמיט —
זידט זי און גייט איבער
און פאַרפלייצט מיין ליד.

קומט־אַראָפּ אהערצו,
שיפּן פון דער הייך, —
כ׳וויל איך עפּעס בעטן,
איידער איר פאַרבלייבט.

פירט־אַוועק מיין כמאַרע,
פול מיט טרויער־וויין —
דאָרט וואו ס׳דאַרף דער קבר
פון מיין מאַמען זיין.

זאָל די כמאַרע פאַלן
ווי אַ גאָס געוויין —
אויף מיין מאַמעס קבר
ערגעץ, אָן אַ שטיין...

שטילע לויב

איך גיי שוין מער נישט אַזוי גיך,
ווי פריער מיט אַ צענדליק יאָר, צי צוויי.
וואָס אמת, ס׳טוט מיר גאָרנישט ווי,
נאָר כ׳גיי, מיר דאַכט, אַ קאָפּעלע געבויגן,
און אָפּטער פייכטלען מיר די אויגן,
בשעת איך טראַכט פון זיך.

איך רעד איצט שטילער שוין,
ווי פריער מיט אַ צענדליק יאָר.
די ערשטע שנייען פאַלן מיר שוין אויף די האָר.

דאָס לעבן האָט נישט די אַמאָלעדיקע טעמען.
נאָר איין זאַך וועפּט נישט אויס: די בענקשאַפט נאָך דער מאַמען.
זי איז נאָך אַלץ מיין קרוין.

איך טראָג די בענקעניש נאָך איר —
זי איז אַ קרוג פון דינסטן שליף,
אויף ימען חושך אַ קרישטאָלן־בלויע שיף,
וואָס בלאָנקעט־אום אין פּעכיקע חצותן,
און כמאַרעס האָבן זייער צאָרן אויף איר אויסגעגאָסן.
איך טראָג זי ווי אַ קרוין און ווי אַ ציר.

די בענקשאַפט וואָרקעט ווי אַ טויב.
איך זוך אין בלינדנדיקער חושכניש דער מאַמעס האַנט.
פּאַמעלעכער און שטילער נעענטער איך מיך צו איר לאַנד.
איר לשון רעד איך שטיל און דאַוון.
ביי אירס אַ ליד בין איך מיך שטיל מתכוון — — — —
און מיינע לעפצן שעפּטשען שטיל: אַ לויב...

מיין היים-שטאָט שאַץ

די קלויסטערס קלינגען דאָ ווי אין מיין היים־שטאָט שאַץ.
(דער קלונג איז, ווי ס׳ע גיט אַ זעץ אין גלאָק אַ קלאַץ.)

די בלעטער־שפּראַך איז דאָ ווי דאָרט, דער פייגל־כאָר.
די בענקשאַפט בליאַקעט נישט אין מיר, פאַרקערט גאָר נאָר.

די שקיעות און אַ מיידלס שמייכלען זענען אויך ווי דאָרט,
און וואו אַ ליד פאַרציליען זוך איך מיר יעקאַש אַן אָרט.

נאָר, ווי, ס׳האָט דאָרט די ערד זיך אויסגעריסן און פאַרדעקט
די שיינקייט, וואָס האָט דאָרט אַמאָל זיך פאַר מיין אויג אַנטפּלעקט.

איך האָב שוין דאָרט אַפילו נישט קיין שטיין,
וואו אויסצוגיסן מיין פאַרקלעמט געוויין.

איז וואָס זשע בלאָנדזשעט דורך די יאָרן־נעפּלען אַלץ מיין בליק
אַוועק אַהין, צו יענער טויטער וויג?...

צום יידישן פאָלקסליד

דו, פולער גאַרב,
געהאַלדזט מיט צניעותדיקע סטענגעס תחינה־לשון;

דו, קויבער שמעקעדיקע פרוכט,
געצייטיקט אינעם גאָרטן פון מיין פאָלקס נשמה;

דו, אויסגעזילבערטער געטראַנק,
וואָס קוואַליקט אין די דורות־טיפן פון מיין פאָלקס געמיטן;

איך צי מיך צו דער זאַטער גאָב,
וואָס ליגט אין דיר געשפּייכלערט.

איך ווייס נישט, ווער ס'האָט אין מיין וואָגל מיר אַרויפגעטאָן
דיין האָניק אויף די ליפּן.

איך ווייס נאָר בלויז:
ווען נישט דיין גוטס, וואָלט איך אין מיינע עלנטקייטן אויסגעגאַנגען.

אַזוי ווי יעקבס טראָגעדיקע סטאַדע
האָט ביי די קאָרעטעס זיך הייס פאַרקוקט
אויף זיינע ריטעלעך מיט אויסגעשניצן —
אַזוי האָב איך מיך אויך אין דיר געטוקט.

כ'האָב לויט דיין קלאַנג מיין כלי אָנגעסטראָיעט;
דו עפנסט מיר מיט דיינס אַ קוש דאָס מויל —
מיט דיינע רייד, ווי וואָרקעניש פון טויבן,
און מיט דיין כליפּען, וואָס דערציילט פון גרויל.

איך זינג דיך ביז מיר לאָזט זיך אויס דער אָטעם;
דיין פּשוט לשון שיכורט מיך ווי וויין.
איך הער דיך — און מיך נעמען וואַשן טרערן —
אָט ווי די מאַמע וואָלט צו מיר אַריין...

וואָס ברענגען מיר דען נישט די פולע עמערס
אויף דעם קאַראַמיסל פון דיין געזאַנג! —
דער מאַמעס טרייסט, ווען ס'איז מיר פינצטער־ביטער,
און פון דער שכינהס האַנט — אַ ליד־געשאַנק.

אָ, נעם נישט צו

אָ, נעם נישט צו ביי מיר די אויגן. כ׳דאַרף זיי האָבן,
כדי פון ווייט די מאַמע צו דערזען.

און נישט די פיס —
איך דאַרף דאָך איר אַקעגנלויפן.

און נישט די הענט —
איך דאַרף זיי, זי אַרומצוכאַפּן.

און נישט דאָס מויל, אַ קוש צו טון.

און נישט די אויערן —
כ׳וויל הערן כאָטש נאָך איין מאָל, ווי זי זאָגט מיר:
משהנוניו־טאַטע...

אַ באַדעקנס

(יהודה עלבערגן — אַ מתנה)

כלהניו, צייט צו דער חופּה גיין —
ביים חתן האָסטו דעם זיבעטן חן.
געפין אַזוי חן אויך ביי גאָט און ביי לייט,
אַז דיין שם זאָל זיך טראָגן נאָענט און ווייט.

אַ שם־טוב איז בעסער פון גוטן אייל,
ווי ס׳ווערט אין די הייליקע ספרים דערציילט.
פּאָר וואָר, ער איז שענער פון אַלערליי ציר,
און ער היט פון שלעכטס דעם ערלעכנס טיר.

נשים צדקניות, ביידנס צד —
אייך קומט היינט דער ערשטער וויוואַט.
כלהניו, קוק צו די באָבעס אַהער —
זע, ווי זיי שמייכלען און לאָזן אַ טרער.

שטעל זיך, כלה, ביי זיי אין ריי,
און הער מיינע שלושה דברים צוויי —
אַז דאָרט, וואו מצוות האָבן אַן אָרט,
איז שלום־בית אויך דאָ דאָרט.

מצוות ברענגען די ברכה אין הויז,
און טרייבן פון דאָרט דעם דלות אַרויס.
זיי בענטשן מיט גוטע דורות דאָס פּאָר
און מיט חיים ארוכים, געזונטע יאָר.

פון מצוות האָט מען אי דאָ דעם שכר,
און אי ס׳איז אויף יענער וועלט גוט דערפאַר.
ווייל מצוות און מעשים טובים נאָר
נעמט־מיט דער מענטש איבער הונדערט יאָר.

פון אונטערן כיסא־הכבוד אַפיר,
פון הינטער אַ זילבערנער, ליכטיקער טיר,
קומט די נשמה אַראָפּ אויף דער ערד,
אַריין אינעם גוף, ווייל אַזוי איז באַשערט.

זי דאַרף זיך דאָ מוטשען אַ לעבן וויסט
און נישט ווערן פאַרזינדיקט, נישט ווערן פאַרריסט,
און קומען צוריק פאַר גאָט צו גיין —
אַזוי ווי געבוירן, ציכטיק און ריין.

אין גן־עדן שטייען שטולן געגרייט
אין שיין פון דער שכינה, מיט ווייסן געשפּרייט,
באַצירט און באַהאָנגען מיט גילדענע ציין —
און רופן די ריינע נשמות צו זיך.

און דער, וואָס האָט אויף דער זינדיקער ערד
מצוות געטאָן און גוטס געקלערט —
דער זיצט אין גן־עדן אויבן־אָן,
אין בגדי־שיינקייט אָנגעטאָן.

אין זכות פון דיין צידקות, כלהניו קרוין,
זאָל זיך ענדיקן דער גלות באַלד און שוין —
מע זאָל זוכה זיין טאַקע גאָר אין גיך
צו הערן דעם שופר של משיח.

מלכים און שרים זאָל וואַרפן אין שרעק,
צוון אונדזערע צרות זאָל נעמען אַן עק,
און גאָט זאָל מיט זיין רעכטער האַנט
אונדז פירן צוריק אין הייליקן לאַנד.

איך הייב מיט אַ תפילה דעם בעכער מיט וויין,
אַז הלוואי זאָל עס באַלד בימינו זיין.
און איר, חתן־כלה, און איר, גרויס און קליין —
זאָגט מיר נאָך אויף אַ קול און אין איינעם: אָמן.



איינגעשטילטע שורות

(פרץ מיראַנסקין — אַ מתּנה)

כ׳האָב אַ בריוול פון דער מאַמען,
העט פון גאָר אַ ווייטער וועלט,
פול מיט איינגעשטילטע גראַמען
און אין שורהלעך צעשטעלט.

כ׳האָב עס לעבן זיך געפונען,
לאַנג שוין — ערשט פון שלאָף אַרויס, —
נאָר דער חלום האָט געשפּונען
בענקעניש אין מיין שויס.

אין אַ רעמעלע פון זוהר
האָט עס פאַרמעטן געבליט,
און מיט חכמה שטילער־בלויער
זיינע ווערטער איינגעהיט.

כ׳האָב געוואָלט דאָס בריוול לייענען,
כ׳האָב דאָס האַרץ אים צוגעווענדט —
אָבער זיינע זיבן חנען
האָבן מיר דאָס אויג געבלענדט.

אויף די אויגן, די פאַרמאַכטע,
האָט עס ליכטיק זיך געשפּרייט —
און די שורהלעך פאַרטראַכטע
טיף אין דימיון מיר פאַרזייט.

און די שטילע שורות יערן
און זיי מינען זיך אין מיר —
ווי אין מילעך־וועג די שטערן,
נאַכט, אַז איך צעפּראַל די טיר.

איך האָב שוין אַ קליינעם חלק
פון די שורות אויפגעפלעקט,
וואָס זיי ליגן אין מיר הייליק,
מיט פּרוכתלעך פאַרדעקט.

נאָר כ׳וועל אין מיר אייביק טראָגן
זייער וואונדערלעכן חן,
און די רגע ווידוי־זאָגן
וועט אין זייער ליכט פאַרגיין.

די באָבע רויזע

(יעקב זיפּערן — אַ מתּנה)

מיטן פּנימל פאַרהויבן שיקט די בלינדע באָבע רויזע
איר פּרימאָרגנדיקע תּחינה גלייך אַרויף צוּן איר באַשעפער —
און זי זיפצט, אַז זי דערמאָנט זיך איר אַמאָליקע מערכה,
ווי זי פלעגט אַן ערב־שבת האָרעווען אויף שבת־קודש —
ווי זי פלעגט עס אויפשטיין העט־פאַרטאָג, ווען גאָט אפילו שלאָפט נאָך,
און זיך נישט אַנידערזעצן ביז ז'האָט נישט אָוועקגענומען
ביידע הענט פון ד'אויגן און דערזען פאַר זיך די ליכט געבענטשטע...
נו, אוודאי, וואָס אַזוינס, מישטיינסגעזאָגט, קען זי שוין אויפטון
אָן דער ראיה, וואָס דער אייבערשטער האָט ביי איר צוגענומען?
נאָר פונדעסן זאָגט זי שטענדיק: ברוך אדושם יום־יום — און
פאַרעט זיך אין קיך צו ביסלעך — „נאָר נישט זיצן אויף דער קופּע...”
וואָרן ערב־שבת זיצן — דאָס איז גאָר אַ מיאוסע מידה.
ווער סע טוט נישט ערב־שבת — וואָס זשע וועט ער האָבן שבת?
איז זי באַלד ביים פּריפּעטשיק, וואו קינדלעך רויכערן זיך און קיסנען,
נאָר מע הערט נישט, אַז דער טאָפּ, וואָס אויף דער טריניטשקע, זאָל וויינען...
גיט זי צוויי־דריי בלאָז אין פייער און זי גיט אַ מיש אין טעפּל
און זי הערט זיך צו, צי דאַרף מען נישט קיין שפּענדל אונטערלייגן;
איז זי באַלד ביים זאַק מיט פעדערן און פליקט מיט אַ געשעפּטשע,
אָדער גאָר ביים זויגל פון אַן עופעלע, וואָס וויל נישט שלאָפן —
הוסט זי אָפּ און שרעקט דעם שאַלטיק מיט די רוצחים ביי די פענצטער,
וואָס זיי האַלטן גרייט אַ טאַרבע, אויב מע וויינט, מע וויל נישט שלאָפן.
אַט־אַזוי פאַרשטאָפּט זי לעכער, און זי דאַנקט דערפאַר דעם בורא —
וואָרן שטאַרבן, זאָגט די באָבע, האָט דען ווער שוין אָנגעוואוירן?...

נאָר פאַראַנען איין מלאכה, וואָס זי טוט אַליין אין גאַנצן:
פּרייטיק די מאַלאַיעס באַקן און זיי פּרום פאַנאַנדערטיילן —
זאָלן וואָס מער מענטשן לויבן אי די הענט דער באָבע רויזעס,
און אי אַכפּערן דעם בורא פאַר די גאָבן — מיט אַ ברכה.
קיינער טאָר איר דאָ נישט העלפן, ווייל ס'איז ערגער — מע צעמישט זי.
און די באָבע רויזע, זאָגט דאָס שטעטל, האָט דערביי „כוונות”,
און פון וואַנען ווייסט מען, אַז זי שעפּטשעט נישט בשעתן קנעטן
אַ יהי־רצון צי אַ תּחינה? ס'איז פאַראַן אויף אַלץ אַ תּחינה...

אינעם קילן, פּייכטן קעלער שטייען אויפגעשטעלטע גלעזער
און לאַדינעס, זויער־מילעך, קאַלט, פאַרגליווערט און פאַרקאַוועט. —

ערב־שבת פירט אַראָפּ אַן אייניקל די באָבע רויזע
ביז צום טיפסטן ווינקל קעלער, וואו סע שטייען די לאַדינעס
אויפגעשטעלטע זויער־מילעך און זיי וואַרטן שוין אויף פרייטיק...

אין אַ צווייטן ווינקל קעלער שטייען כלע־מיני סלאָיעס —
דאָ אַ ביסעלע וואַרעניע, דאָ דולטשעץ, פּאַרילע, ווישניק —
אַלץ, מע זאָל עס נישט באַדאַרפן... ווינטער, אַז ס'פּאַלט־צו, חלילה,
אַ פאַרקילעניש אין גאַרגל, צי אַ שטעכעניש אין פּלייצע,
האָט מען פאַרטיק די רפואה: טיי פון טרוקן ליפּע־בליעכץ,
מיט אַ לעפעלע וואַרעניע און ציטרין דערצו אַ רעפטל —
גייט־אַוועק די צרה, אָט־ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען.
אָדער ווידער — ס'העלפט דער איבערשטער, אַ שימחה רוקט זיך אונטער:
ביי די אייניקלעך אַ תנאים, אָדער גאָר אַ שלום־זכר,
אָדער אַ בר־מצווה־סעודה — דעמאָלט מעג מען אויך פאַרזוכן
פון די סלאָיעס, וואָס זיי שטייען צוגעפּראָפּט און וואַרטן, וואַרטן...

אָבער יעדן ערב־שבת פירט אַן אייניקל די באָבע
גלייך אַראָפּ צו די לאַדינעס — און זי קלאַפּט זיי אויס אַפריער
מיט אַן איינגעדאַרטן פינגער — און זי הערט זיך צו צום אָפּקלאַנג —
ווייל זי וויל אויף ערב־שבת, פאַר די מילכיקע מאַלאַיעס,
דעם לאַדין, דעם סאַמע בעסטן, וואָס מע דאַרף פון אים שוין שניידן
מיט אַ שפּאָן די זויער־מילעך... און בכבודה און בעצמה
זוויגעט זי אַרויף די טרעפּלעך דעם לאַדין מיט זויער־מילעך
און זי וויל נישט, אַז דאָס גוטע אייניקל זאָל העלפן טראָגן —
טאָמער מאַכט זיך אים אַ מכשול: — ווייל דער שטן איז מקטרג...
זי ראָשטשינעט און פאַרקנעט אויף זויער־מילעך און לאָזט יערן.

(דער לאַדין איז אויסגעליידיקט, פּוסט — און שטייט צוריק אין אַלקער,
און ער וואַרט, מע זאָל אים וואַשן, שייערן און אים, מחילה,
איבערקערן מיטן דנאָ אַרויף־צו און אים לאָזן שטעקן
און זיך טריקענען אַן דרויסן אויף אַ פּלאָקן פונעם פּאַרקאַן —
ביז מע וועט אים ווידער נעמען, פול מיט מילעך פון דער אייטער,
און — אַראָפּ צוריק אין קעלער צו די אויפגעשטעלטע גלעזער
און די בייכיקע לאַדינעס; — עפּעס ווי אַן אייביק רעדל
זאָל זיך האַלטן אין איין דרייען — טאַקע ווי די וועלט, די גאַנצע...)

אין פּאַפּשויע־מעל פאַרמישט זי אויכעט ווייצן־מעל אַ ביסל —
נאָר אַ ביסל, אַז מע זאָל זיך צום מאַלאַי נישט דאַרפן „וואַשן",
און — דער עיקר — נאָר דאָ קומט כמעט אַרויס דער סוד, פון וואַנען

ס׳שמט אַזוי די באָבע רויזע מיט די מילכיקע מאַלאַיעס,
וואָס דאָס גאַנצע שטעטל קען זיי און מע לעקט פון זיי די פינגער.
וואָרן נישט דאָס ברעקל היזון, צי דאָס ביסל צוקער דאָרטן,
נישט דאָס איי און נישט אַפילו דאָס צעלאָזטע ביסל פּוטער
מאַכן עס אַזאַ שם־דבר פון די מילכיקע מאַלאַיעס,
וואָס די באָבע רויזע באַקט זיי נאָך פון אירע כלה־יאָרן.

איידער זי פאַרקנעט די מולטער, בראָקט זי אָן אַ פולע שיסל:
גרינע עקעלעך פון ציבל, גרינס פון פּעטרישקע אַ ביסל,
און אַפילו בלעטעלעך פון קריפּ שאַט אויך נישט צוצולייגן —
און די עקעלעך פון ציבל דאַרף מען נישט צו פיל צעבראָקן,
סיידנס נאָר אויף צווייען, דרייען; — זאָלן זיי זיך לייגן, ציען,
אַט־די טונקל־גרינע טאַשמעס, ווי די סטעזשקעס אין אַ לאָנקע.
און די פּעטרישקע, די זיסע, און פון קריפּ די טערפּקע בלעטלעך,
און די האַרבע עקלעך ציבל, און דער קעז, די זויער־מילעך —
ווערט צעמישט מיט ביידע מעלן, ביז דאָס טייג נעמט אי זיך האַרטן,
אי ס׳איז שוואָמיק ווי אַ לייקעך, אָדער ווי אַ פּורים-קוילישט.
איצטער נעמט מען שטיקער פונעם טייג, וואָס איז גענוג געווירן,
און מע לייגט זיי אויס אין ברויטן, אין פּירקאַנטיקע מאַלאַיעס —
אין די אויסגעאיילטע טאַוועס, וואָס זיי שטייען גרייט און גלאַנצן;
אָדער גאָר אויף גרויסע בלעטער פון אַ קרויט־קאָפּ, אַ געזונטן —
דעמאָלט כאַפּט נאָך דער מאַלאַי אַ נייעם טעם — און מ׳עסט אים טאַקע
מיטן קרויט־בלאַט, וואָס איז צוגעבאַקן, אַזש נישט אָפּצורייסן.

נאָר אַחוץ דעם, זאָגט דאָס שטעטל, לייגט־אַריין די באָבע רויזע
אין מאַלאַי אַ זאַך, וואָס אָן דעם איז די מי אַרויסגעוואָרפן.
ער מעג וויפל טעמים האָבן — טאַקע ווי דער מן אין מידבר —
וועט ער אַלץ נישט זיין גערעכט, פּשוט נישט אין מויל צו נעמען;
נאָר זי לייגט דאָס גוטע האַרץ אירס אין מאַלאַי אַריין, פון אויבן —
אַז ער איז שוין אָפּגעבאַקן, צוגעברוינט און וואַרט — מע זאָל שוין
איבער אים אַ ברכה מאַכן — און די פּאַרע גייט נאָך פון אים.
(ר׳איז אַרויס פון אַלע טאַוועס טאַקע נאָר ווי אַ מושטירטער.
„וואָס זשע, וואָס — מע וועט אים בעטן? פּריצים גייען פון די גיטער
אויך אַרויס, אַז ס׳קומט די צייט — איז זאָל גאָר דער מאַלאַי נישט וועלן?")

אין מאַלאַי באַהאַלט די באָבע רויזע איינגעדעקט אין שאָפע,
פאַר אַן אָרימאַן, וואָס וועט זיך היינט מסתמא מוזן ווייזן,
אַ מדינה־גייער, צי אַ ניסתר, צי אַן אורחי־פּרחי —
און אין יעדן אָרימאַן באַהאַלט זיך, זאָגט די באָבע רויזע,

אליה־נביא, צי גאַר איינער פון די למד־וואָוו צדיקים,
וואָס אין זייער זכות אַליין־נאָר האָט נאָך אונדזער וועלט אַ קיום;
ווידער נעמט זי איין מאַלאַי צעטעכען און פאַנאַנדערשיקן —
עלעהיי ווי שלח־מנות, כאָטש ס'איז אין אַ פּראָסטן פרייטיק.
זי שפּאַנט־איין אַן אייניקל און טיילט זיך מיט אים מיט דער מיצווה:
„דאָס־אַ שטיק איז פאַר ר' בער, דעם זוהר־זאָגער, פאַרן חלוש —
גיי, מיין קינד, ער שעמט זיך דאָך מסתם דערוויף אַרויסצוקוקן...
דאָס־אַ שטיק איז פאַר דער קיזשנערקע, נאָר לאָז זי דיר נישט וואַרפן
קיין פּאַסאַליעס; יידן גלייבן נישט דערין — ס'איז גאָלע כישוף.
דאָס־אַ שטיק איז פאַרן בעדער — און פאַרגעס נישט יעדן איינעם
זאָגן: האָטס אַ גוטן שבת און סע זאָל אייך וואויל באַקומען —
גיי, און קוק נישט ווי די פייגל פליען — ווייל דער פרייטיק שטייט נישט".

און אַזוי־אָט־אַ באַטיילט זי מיט מאַלאַי אַ האַלב טוץ אירע,
יעדן פרייטיק אַנדערע און לויט אַ גוטן, שיינעם חשבון,
ווי די וויזערס פון אַ זייגער, וואָס זיי דרייען זיך און דרייען,
און זיי קומען־אָן צוריק אַהין, וואו ז'האָבן אָנגעהויבן...

די מאַלאַיעס נעמען פרייטיק, האַלבן־טאָג, די שטוב פאַרשמעקן
מיט גן־עדנדיקע ריחות און מיט בשמימדיקע ווינטלעך,
און אַז פענצטער שטייען אָפן, ווייל ס'איז זומער־לעב אין דרויסן —
פליען זיי אַרויס, די ווינטלעך, און פאַרשמעקן גאָר דאָס שטעטל
און די פעלדער און די וועלדלעך, וואָס אַרום דעם גענעץ־שטעטל.
קומען פייגעלעך צו פליען, פריער פאַרוויז, און זיי מאַכן
פאַר דער באָבע רויזעס כאָטע און אַרום דער ווייסער פריזבע
לופטיקע הקפותלעך און ס'נעמט נישט לאַנג — ווערט פול די פריזבע
מיט אַ „חתונה" פון פייגל און מיט כלע טשירקערייען —
און די באָבע רויזע נעמט אַ שטיק מאַלאַי, ווי פאַר אַ מענטשן,
און צעברעקלט דין די פאַרציע אויף דער פריזבע, אין אַן עיגול.
ווייל די באָבע רויזע טענהט אַלץ, אַז איטלעכענעם פרייטיק
מאַכן דאָ מסתם די פייגל חתונה אַ חתן־כלה — — —
אָר אַפילו אַז ס'איז ווינטער — דאַרפן דען די קלוגע פייגל
ערשט דערשמעקן, אַז די באָבע רויזע באַקט מאַלאַי — און קומען?
פלוצים ווערט ביי זיי אין מיטן יעדן פרייטיק שבת־שירה — — —

טרעפט נישט איינמאָל: קינדער ווילן טאַקע וויסן — „באָבע רויזע,
זאָג, ווי וויסן זיי, די פייגעלעך, אַז דווקא היינט איז פרייטיק —
און זיי קומען צו דער שעה, צו דער מינוט — צי האָבן זיי דען

לוחלעך און זייגערס, ווי די מענטשן?״ — לאַכט די באָבע רויזע:
„לערנטס, וועט איר וויסן. נעמטס די פייגעלעך אין מידבר־סיני —
האָט דער אייבערשטער געזאָגט, אַז שבת וועט קיין מן נישט פאַלן —
גייטס נישט זוכן, איר וועט מאָרגן אויפן פעלד אים נישט געפינען;
גרייטס זיך אָן דערפאַר פון פרייטיק שוין אויף שבת אויכעט; — נו זשע
האָבן דתן ואבירם אָפּגעשמועסט זיך, אַז זיי וועלן
פרייטיק־נאַכטס צעוואָרפן אויפן פעלד צו ביסלעך מן, צו ביסלעך —
זאָל מען שבת, אַז מ׳עט אויפשטיין, זען, אַז משה איז אַ ליגנער...
האָבן זיי זיך אויפגעהויבן איין מאָל פרייטיק פון די בעטן,
שפּעט ביי־נאַכט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן — און בגניבה,
אויף די שפּיצן פינגער טאַקע, אויפן פעלד אַרום דער מחנה
קופּקעלעך מיט מן צעוואָרפן — זאָלן מאָרגן יידן אויפשטיין
און דערזען, אַז משה נאַרט זיי — און דער מן איז יאָ געפאַלן...
הערט זשע: זענען אָנגעקומען מחנות פייגעלעך צו פליען,
ווי־נאָר דתן ואבירם זענען שטיל אַהיים געקומען —
און זיי האָבן אויפגעפּיקט דעם מן — קיין זכר נישט געלאָזן,
נישט קיין שפּרענקעלע אַפילו — און צוריק גיך אין די נעסטן...
זאָגט אַליין איצט: זענען נישט די פייגעלעך קיין קלוגע ברואים?
און צי קומט זיי נישט קיין קאַשע שבת־שירה, ווי ס׳אַ מינהג?
און די פייגעלעך אַליין דען? אַלצדינג וואָס ס׳האָט נאָר באַשאַפן
מיט גענאָד דער בורא־עולם — ביז אַ מינדסט באַשעפעניש׳ל, —
אַלע האָבן זייער חכמה און זיי ווייסן זיך צו שפּייזן,
און זיי ווייסן ווי צו דאַנקען פאַרן אייבערשטנס חסדים.
שטייט דאָך קלאָר אין פּרק־שירה, ווי די חיה און דער שרץ,
ווי דער פויגל און דער וואָרעם און דאָס פליגעלע, דאָס מינדסטע —
אַלע לויבן דעם באַשעפער, איטלעכס מיט זיין קול און לשון...
חוץ דעם אויבערשטן פאַרשטייט נישט קיינער, וואָס די חיות זינגען,
וואָס זיי קוואַקען, וואָס זיי ברומען, וואָס זיי טשירקען, וואָס זיי טרעלן —
סיידנס נאָר אַ שלמה־המלך, ווי סע שטייט אין תרגום־שני.״

און די באָבע רויזע ברעקלט שטיקעלעך מאַלאַי, און וואָרפט זיי
צו די פייגעלעך אין עיגול — און די פייגעלעך, דאָס זעט מען,
הערן און פּאַטאַקעווען דאָס מעשהלע, דער באָבע רויזעס. —
ווייל ווי־נאָר די באָבע רויזע נעמט דאָס מעשהלע דערציילן,
ווערן זיי אַלץ שטילער, שטילער, ביז זיי ווערן שטיל אין גאַנצן;
בלויז די שנעבעלעך, די דינע, הערט מען פּינטלען אויף דער פּריזבע.
און דער באָבע רויזע דאַכט זיך, אַז די פייגעלעך פאַרנעמען

איטלעכס וואָרט אירס, און זיי וואַרטן, און זיי בעטן מיט דער שטילקייט,
זי זאָל עפּעס נאָך דערציילן; — לאָזט די באָבע זיך נישט בעטן
און — זי גיט אַ זיפץ, אַ טיפן: „אוי, ביים חורבן בית־המיקדש,
אַז די שונאים האָבן אָנגעהויבן וואַרפן פייער־פאַקלען,
און דער בית־המיקדש האָט גענומען ברענען, זענען פלוצים
אָנגעפלויגן מחנות פייגעלעך פון אַלע וועלטן־עקן,
און גענומען פיסקעלעך מיט וואַסער אין דער שריפה גיסן —
פלי צום ים נאָך פיסקלעך וואַסער — און צוריק צום בית־המיקדש! —
אָן אַ שיעור זענען נעבעך אינעם פלאַם פאַרברענט געוואָרן,
אין געשלעג אַ גאַנצע נאַכט אַקעגן ים מיט פייער־כוואַליעס —
נאָר די לעשער־פייגעלעך, וואָס האָבן זיי געקענט דען אויפטון,
אַז דער גזר איז שוין געהאַט אַרויס פון פאַר זיין ליבן נאָמען?
גאָט האָט שוין געגוג געהאַט געשוויגן און געגוג פאַרגעבן.
וויפל קען אַ טאַטע שווייגן? וויפל מעג אַ טאַטע שוויגן,
אַז אַ קינד וויל אַלץ נישט פאָלגן און פאַרלאָזט דער תורהס וועגן — ?

דאָ בלייבט שטיל די באָבע רויזע און פאַרלייגט די הענט, די מידע,
אויפן פריטיקדיקן פאַרטעך, און זי נעמט קוים־קוים זיך וויגן —
און זי שעפּטשעט מיט די ליפּן עפּעס תחינהדיקס, מע הערט קוים,
און פאַרלירט צוויי הייסע טרערן פון די אויסגעלאָשענע אויגן...
און די פייגעלעך פאַרשטייען, אַז ס'איז צייט זיך צו צעפליען, —
הייבן זיי זיך אויף פּאַמעלעך אויף די פליגעלעך, די שטילע,
ווייל זיי ווילן נישט די באָבע רויזע פון איר תחינה וועקן...

און דאָס שטעטל לעקט די פינגער — און מע בויערט זיך די מוחות:
וואו קען ליגן דאָ דער סוד פון אַלע טעמים, וואָס זיי ליגן
אין די מילכיקע מאַלאַיעס, וואָס די באָבע רויזע באַקט זיי?
איין מאָל האָט אַ באַלעבאָסטע צוגעקוקט זיך, אָן שום בייזקייט,
צו דער באָבע רויזעס אַרבעט, אַקוראַט צו יעדער תנועה,
פון דער ווייטנס, כאָטש די באָבע — זי באַהאַלט זיך נישט פאַר קיינעם —
„פאַרקערט — זאָגט זי, לערנטס, — איך וועל איבּיק דען מאַלאַיעס באַקן?" —
און די וואוילע באַלעבאָסטע — און זי'ז נישט געווען נאָר איינע —
איז געגאַן און איינגעשטעלט און צוגעגרייט די שאר־ירקות,
און געסאַפּעט און געפּאַדעט און געצאַפּלט און געהיט זיך,
נישט געלאָזט די קינדער שרייען — דעם מאַלאַי נישט איבערשרעקן...
און פאַרהאַקט די טירן, פענצטער — זאָל קיין ווינטל אים נישט כאַפּן.
און ס'אַרויס אַזאַ מאַלאַי, וואָס ס'איז געווען אויף וואָס צו קוקן,
אָבער מיטן ערשטן ביס דערקענט מען: „נישט דער באָבע רויזעס..."

און מע ווינטשט דער באָבע רויזע, זי זאָל נאָך דערלעבן באַקן
פּאַר משיחן מאַלאַיעס — ער זאָל נאָר אין גיכן קומען.
און סע ווייסט דאָס גאַנצע שטעטל, און מע שושקעט זיך שוין מער נישט:
אַז די שעה וועט אַמאָל קומען, איבער הונדערט־צוואַנציק יאָרן,
און מע וועט די באָבע רויזע רופן גיין צון אירע אבות —
וועט מען דעמאָלט נישט פאַרגעסן מיטצוגעבן איר אַ טאָווע —
זי וועט דאָרט די זכיה האָבן יעדן פרייטיק־ערב־שבת
באַקן מילכיקע מאַלאַיעס פאַר דער אייבערשטער פמליא
און פאַר די צדיקי־עולם, וואָס זיי זיצן אין גן־עדן
מיט די קרוינען אויף די קעפּ און לאָבן זיך מיט זיוו־השכינה...

אין אַ יאָגנדיקער באַן

איך טוליע צו דעם ברענענדיקן שטערן
צו גוטער טונקלער קיל פון שויבן פייכטע.
אין מיטן שטיקנדיקע רויכן שווערע —
ווי שוועבן־אָן אַהער דער מאַמעס לייכטער?

אויף יענער זייט פון דעם פאַרגלייזטן גליוער
איז מערניט נאַכט און ווינט און סלופּעס־רייען.
די לייכטער זענען פון דער ווייט אַריבער,
און שוועבן־מיט איןווירבלדיקע שנייען.

איך פרעס דעם הייסן שטערן צו די שויבן,
אַ כמאַרע אַנגסטן פינצטערט אין די שלייפן.
דער מאַמעס הענט, ווי עלנטע צוויי טויבן,
זיי וואָגלען־אום אין ציטערדיקע רייפן.

„אוי, בענטש שוין ליכט — איך קען נישט וואַרטן לענגער.
וואָס ציטערן אַזוי די הענט דיר, מאַמע?"
„מיין עלנט קינד, אַ ווינט, צי גאָט אַליין גאָר,
האָט מיך פאַרלאָשן מיט די ליכט צוזאַמען."

דאָס פעלד אין שויב האָט קוים געגומען פריען.
מיין זעונג איז אַוועק אין ווייטע הייכן.
איך זע זי, ווען איך מוז אין חושך קניען
און ווען דער וואַנזין האַלט מיך ביים דערגרייכן.

איך זע דער מאַמעס הענט, ווי טויבן שטילע,
איך הער זיי פאָכען איבער מיר, זיך נייגן.
פון סאַמע חושך טו איך צו זיי תפילה —
און ווער געטרייסט אַ רגע...

חלום-לעמפּ

סע טרעפט, מיין שלאָף ווערט וואונדערלעך צעהעלט —
אין זיינע ווינקלען ווערן חלום־לעמפּ צעשטעלט.

אַן אויסטערלישע לעקטרע־שיין
באַלייכט אַ שויב אין דער פאַרבאָרגעניש אַריין —

און ווייזט מיר אין אַ ווייט געמיש
די נעבולע פון קוים־געטראַכטער טראַכטעניש — — —

דער חלום ווערט אַ מולטער־וויג —
און ברענגט מיך אין מיין מאַמעס טראַכט צוריק.

איך ליג ווי אין אַ מערשוים־קרוג ; דער נאָפּל־שטריק —
ער וויגט זיך אין געחלום בלוי ביי מיר אין בליק.

ער שלעפּט מיך פון מיין וואַרעם קבֿרל צו שיין —
איך דאַרף געבוירן און אויך שטאַרבן זיין.

די קראַנקע מאַמע ליגט דערנאָך אויף מיינע הענט
און שטאַרבט — פון זינט זי האָט מיך אין איר לייב דערקענט.

נאָר איך באַהאַלט זי טיף אין זיך —
זי ווערט דאָס פלעמעלע אין מיין נשמה־ליכט.

איך האַלט זי אין אַ ליכטיק קבֿר — אין געדעכעניש ;
די ערד האָט דאָרט אויף איר קיין שליטה נישט.

פון אַ געסל לעבן מיסט

זי קומט פון אַ געסל לעבן מיסט
און האָט אַ פאַרקאַלטנט צעפּל,
נאָר אירע קליינע כלה־בריסט
דערמאָנען אין צייטיקע עפּל.

אין עפּל און קאַרשן און עפּעס נאָך,
מע קען עס נישט דערזאָגן.
נאָר ווי איז יענעם און ווינד און אָך,
וואָס קען עס נישט פאַרמאָגן.

זי גייט אין אַן אָרים, ציכטיק קלייד,
נאָר צי קען מען די שיינקייט פאַרדעקן ?
און אַז כ׳הער דאָס ליד פון אירע רייד,
פיל איך, אַז באַלד וועל איך עקן.

כ׳בין פֿאַטאַל פֿאַרליבט

כ׳בין פֿאַטאַל פֿאַרליבט אין אַ מיידל,
נאָר איך זאָג נישט קיינעם אויס.
זי קומט פֿון אַ קליינעם יישוב,
און רעדט נאָר יידיש בלויז.

זי טראָגט נישט קיין שטייפֿע קליידלעך,
אירע בריסט טאַנצן־אונטער ביים גיין.
מיר ווילט זיך אזש טיילמאָל וויינען,
אַזוי גוט איז זי און שיין.

זי רעדט מיט אַלע גלידער.
מיך ארט נישט, איך קען באַשטיין.
און פֿעלן איר אויס אַ פּאָר ווערטער —
דערשווייגט זי מיט איר חן.

אירע איידלע גלידער רעדן
פֿון אונטער איר אָרים קלייד,
מיר דאַכט, אַז איר שענצטער אוצר
איז איר ריינע אָרימקייט.

איך קוק אויף איר ליפּן־קערשל
און איך שלינג אין געדאַנק זיין זיס.
די טיפּסטע זיפֿצן לייג איך
אַ מתּנה צו אירע פֿיס.

איך פֿאַרנייג מיך דערביי אין דרייען,
און איך זאָג איר, כּמעט מיט געוויין:
„איך קען אָן דיר, פּשוט, נישט לעבן —
לאָמיר ווערן איין פֿלייש און איין ביין.״

דערפֿאַר

איך בין אַן אָפּגעהאַקטער צווייג,
וואָס וואַלגערט זיך אין מיסט — און בליט.
די גאַס איז טויב און בלינד און שטום
צו די געקלאַנגען פֿון מיין ליד.

אַ קראַנקע סאָווע איז מיין האַרץ,
אויף חורבות ערגעץ, האַלבע נאַכט.
דער ווינט אין הוילן פֿענצטער־לאָך
דערשרעקט זיך און בלייבט שטיין פֿאַרטראַכט.

דער אומעט קנוילט זיך טיף אין מיר
און וויגט זיך ווי אַ גלאָק דאָרט אום —
די קלאַנגען קומען אין מיין ליד
ווי קראַנקע בערן, מיט געברום.

אַ פּאַווע איז פֿאַרביי מיין אויג,
מיט אירע פֿליגל אויסגעשפּרייט.
איך האָב געוואָלט ביי מיר אין האַרץ
פֿאַרשליסן שטיל איר פֿאַרבן־קלייד —

נאָר באַלד האָט מיך פֿון ווייט דערזען
אַן אָדלער — און מיך אויפֿגעוועקט. —
אַ פֿעדער גאָלד האָט נאָר געווײנט,
אין בלוט און טרערן אויסגעמעקט...

דערפֿאַר דאָס כליפּען, דאָס געוויין,
וואָס רייסט זיך פֿון מיין ליפּן־שפּאַלט —
אַ וויכער האָט מיר אומגעברענגט
די שענצטע פֿייגל פֿון מיין וואַלד.

דערפֿאַר איז אַזוי איינגעשטילט
מיין ליד, און ציטערט אין געטרעל,
און איז אַ פֿויגל, שפּעט אין האַרבסט,
אַליין אויף אַ בית־עלמין־שוועל...

בלויע תכריכים

אַט־ווי מע פֿאַרלעשט מיט צוויי פֿינגער באַנעצטע אַ ליכטעלעס פֿלעמל —
אַזוי וועט מיך פּלוצים דער טויט אַ פֿאַרלעש־טון.
ער וועט זיך פֿאַרגנבֿענען הינטן־אַרומערט
און שטיל, ווי אין פֿלושענע מעשטעס.

נישט געזעגנט זיך נאָך מיטן ווייב, מיט די קינדער און ביכער —
דאָס האַרץ אָבער שטילט, און די רו, די געגאַרטע, איז געקומען.
נישט וויינט מיר אין פּנים — נאָר גלייבט מיר,
אַז גוט איז מיר איצטער, וואָס סוף־כּל־סוף קען איך שוין שטומען...

ס׳האָט מיך שטענדיק געצויגן, ווי טייכן צום ים, צו די ליכטיקע בלויען,
צו וואָלקנס, ווי שוימיקע וואָל, ווען זיי נידערן שטילע, ווי לעמער,
אַראָפּ פֿון דער הימלישער פּאַשע — אין שקיעה זיך גילדן
און טרינקען די איבערגעגאָסענע קאַרעטעס דעמער.

נאָר די בראָך האָט געפּענטעט מיין טראָט און כ׳בין ליגן געבליבן —
אַ חרובע שיףביים ברעג פֿון צעשויבערטע ימען —
כ׳האָב נאָר מיט אַ ריטל געצייכנט אין זאַמדן אַ שורה, אַ שטילע,
ווי שטיל כ׳האָב געהערט דורך די יאָרן דאָס קול פֿון מיין מאַמען.

אָבער וואָס כ׳האָב געצייכנט אין זאַמד, האָט דער ווינט באַלד צעוויכערט,
און יעדן פֿאַרנאַכט פֿלעג איך טיפֿער פֿאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די קניען —
איצט בעט איך אײַך: גראָבט מיר אַ קבֿר צופֿוסנס אַן אָפּגעשטילט מקום —
אַז איך זאָל כאָטש איצט קענען הערן די שטילקייטן בליען.

און וויקלט מיך איין אין תּכריכים, אין בלויע, —
נאָך הימלען צעבלויטע אַ זכר,
וואָס ס׳האָט מיך געצויגן צו זיי ווי מיט צוואַנגען,
נאָר כ׳האָב נישט געקענט זיי דערגרייכן.

אַ ווינקעלע שטילקייט פֿאַרגינט מיר,
און אויכעט תּכריכים אין בלויען.
גענוג שוין אין פּוסטע געטומלען
זיך ראַיען...

אז וואָס איך זינג

אומעט און פרייד

(ישראל ראַבינאָוויטשן)

איך כאָווע נישט אין שטומען ווײ
און צערטל נישט דעם אומעט.
ער איז אַן אומגעבעטענער
צו מיר אין האַרץ געקומען.

נאָר אַז ער איז אַרײַן צו מיר,
האָב איך אים שײַן אַנטפאַנגען.
די פרייד איז אין מיר אומעטיק
גאָר שענער אויפגעגאַנגען.

גאָר שענער און פאַרטראַכטער אויך
און מיט פאַרטרערטע אויגן.
דער אומעט האַלט דער פרייד די הענט
און האַלט זי צוגעצויגן.

און ווי אַ פּאָרל, אַ פאַרליבטס,
פאַרטאַיען זיי זיך ביידע,
און שענקען זיך אי האַרץ, אי ליפּ —
און ווילן זיך נישט שיידן.

אַז וואָס איך זינג

אַז וואָס איך זינג, האָט מען שוין לאַנג געזונגען,
נאָר מער־ניט, וואָס איך מאַך עס גאָר באַנאַל.
כ'האָב ליב דעם קלאַנג פון לייכט־באַרירטע סטרונעס,
און מיר איז נישט צום האַרץ דער טרובע־שאַל.

אַז וואָס איך זינג, איז סיידנס גוט פאַר קינדער.
מיין ליד זאָל זיין געלייטערט און פאַרטרויט.
איך רעד־אַריין אין חלל ווי אַ בלינדער.
דאָס קינד, וואָס כ'האָב געכאָוועט, צערט דער טויט.

איך גיי מיט שטילע טריט אַדורכן לעבן,
אויף גאַסן זייטיקע, ביי בלייכע ווענט.
די גוטסקייט האָב איך יענע אָפּגעגעבן,
וואָס האָבן מיין געפּאַלנקייט דערקענט.

איך גיי צוליבן ליד אַראָפּ פון זינען, —
נאָר דעם שיגעון טראָג איך ווי אַ קרוין,
און אויף די אַקסלען ווי אַ פּעלערינע —
„אָט גייט ער, דער פאַרריסענער פאַרשוין".

איך וויל גאָר נישט קיין אַנדערע פאַרמעגנס,
אַחוץ דעם דינעם פּייפל פון מיין ליד.
אין מיין געפּאַלנקייט האָט מיך באַגעגנט
און זיך פאַרנייגט אַ בוים מיט ווייסן צוויט...

אין לאַנד פון מיינע אויסגעדאַכטסן

די גרענעץ צווישן אויסגעדאַכטס און וואָר —
ווער דאַרף זי און צו וואָס איז זי באַשאַפן?
איך טראַכט פון אָט-דער גאָט־געבענטשטער פּאָר,
באַהעפטערהייט — און איך פאַרגיי פון גאַפן.

אַן אויסגעדאַכטס איז נישט קיין ליגן גאָר;
דער ליגן דאַרף זיין גוט און דאַרף דערפרייען.
דער אמת דאַרף זיין שיין און נישט נאָר וואָר,
און דאַרף אונדז קומען האַמעוועז די ווייען.

די טויזנט בענקענישן אין מיין האַרץ —
געוואַלד, ווי גיט מען זיך מיט זיי אַן עצה?
די נאַכט אַרום איז פינצטער און פאַרשטאַרט.
און ליגט האַרבאַטע אויף מיין דינער פלייצע.

און אַז דער טאָג באַווייזט זיך, אַך, דער טאָג!
ער שעמט זיך גאַרנישט מיט זיין קלוגער רשעות.
מיין טאַרבע לידערוואַרג, מיין גאַנץ פאַרמאָג —
וואָס דאַרף ער זי צו זיינע רייכע טישן?

דער מענטשן־טייך איז כוואַליעדיק און ווילד,
און טויבט מיט זיינע נאַרישע געשרייען.
ער הערט נישט, אַז איך זידל אים און שילט —
כ׳בין נאָר אַ זעמדל, שטויביק און פאַרגייאיק...

כ׳אַנטרין פון גאַס און חושך — צו דער נאַכט
מיט אירע מאַניענדיקע שטערן־וויגן.
דער שענצטער אמת איז דאָס אויסגעדאַכטס,
און וואָס דאָס האַרץ באַווייזט, איז נישט קיין ליגן.

איך ריר דעם הימל אָן מיט שפּיצן הענט —
ווי הענגלעך טרויבן ציטערן די שטערן
אויף ברעגן פון אַ טייך מיט זוהר־בלענד — — —
(מע זעט עס נאָר דורך פינקלעניש פון טרערן.)

איך נעם־אַראָפּ פיר העסעס פון דער הייך —
אויף מיינע עלנטע פיר ווענט צעהענגען.
פאַר־וואָר, איך האָב אַן אבן־טוב דערגרייכט
אין זכות פון מיינע תפילות, די פאַרבענקטע.

ס׳איז מיר באַשערט געוואָרן אַלדאָס וואוילס.
וואָס נאָך קען זיך דען חלומען אַ האַרצן?
די שכינה קושט מיך אויפן סאַמע מויל
אין לאַנד פון מיינע בלויע אויסגעדאַכטסן...

אין וואַנדער ~~פון~~ בוים

דער טאָג איז מיין ווייטיק אַ שטיין —
ער שאַרפט זיך אויף אים ווי אַ מעסער.
די נאַכט שטילט אין דאָס געוויין
אין געמיט, ווי אַן אייגענע שוועסטער.

דער ווייטיק, שניט ביי שניט,
טעסעט־אויס מיינע איינזאַמע לידער.
ווי הייסער אָקעוויט
שפילט ער אין מיינע גלידער.

אַז איך זע די לבנה־האַרף,
ווי זי הענגט אויף אַ שנירל שטערן —
גייט־אָפּ די ווייטיק־שאַרף,
און אַ ליד נעמט שטיל אין מיר יערן.

דאָס ליד איז אַ זיסער טרוים,
וואָס וויל די וואָר באַזינגען.
דאָס ליד איז אין וואַנדער אַ בוים,
אַ רגע טרייסט צו געפינען.

איך קוק אַרויף צו די שטערן

(ידכאום לפני עש — איוב)

(מלך ראַוויטש)

איך קוק־אַרויף צו די שטערן
און איך זע דיין חרטומים־כתב.
וואָס מער איך וויל מיר דערקלערן,
אַלץ אומקלאָרער ווערט דיין באַשאַף.

נענטער איז מיר דער וואָרעם,
וואָס איך צי פון אים מיין שטאַם:
איך בין אַ מענטש געוואָרן
און בין גוט ווי אַ מוטער־לאַם.

נאָר זע, דער וואָרעם היט מיך
און ער וואַרט אויף מיין לעצטן טראָט.
צו דיין שטערן־היכל ציט מיך,
נאָר באַלד פרעסט מיך דער וואָרעם, גאָט!...

איך קלויב די לידער-שורות

איך קלויב די לידער-שורות,
אַט ווי אַ פּויער — זאַנגען,
אַ פעלד מיט שטילער תבואה
איז אין מיר אויפגעגאַנגען.

קיין זון האָט נישט געוואַרעמט,
קיין רעגן — נישט גענעטיקט,
היט, גאָט, דאָס שטיקל ערד מיינס —
מע זאָל עס נישט צעטרעטן.

מיין שטיקל ערד איז זאַמדיק
און סאַמע ביי די וועגן,
און ס'פאַלט אויף מיינע זאַנגען
נאָר שטויב, און נישט קיין רעגן.

ווער האָט מיין פעלד געצייטיקט,
עס זאָל זיך שטיל צעוואַקסן?
אוי, נישט קיין קילע טויען,
נאָר הייסע ווינטן־שלאַקסן.

און טשאַטעס מיט וואָראָנעס —
זיי פּיקן־אויף די זריעה,
נאָך איידער אין די גרודעס
די וואָרצל־פעדים ציען...

חיילות טראַמפּלען ווידער,
איצט דאַרף איך גאַרבן בינדן.
ס'קען ווער אין דער בהלה
דאָס פעלד מיינס אונטערצינדן.

איך יאָג פון זיך די אימה,
איך רייס פון זיך די פּענטעס,
איך שייער איין מיין תבואה
בשעת די בראַנד פאַרלענדט שוין...

אין פלאַם

אַט־זוי אַ מיידל טראָגט די אויפגעשפּראָצטע בריסט
אי שעמעוודיק און אויכעט ווי אַ ציר —
אַזוי־אַ טראָג איך אין מיין אינגעווייד דאָס ליד —
איך טראָג און ווייטיק און געביר.

און ווי אַ מיידל גייט מיט בענקעדיקע טריט
און ציטערט מיט דער שיינקייט, וואָס זי שווינדט —
אַזוי־אַ וואָגל איך אין די געמאַרקן אום
און פיבער מיטן ליד אין ווינט.

קען זיין איך רעד מיר איין: דאָס ליד איז מיר אַ קרוין;
נאָר כ׳האָב פאַרשניטן מיטן ליד אַ בונד.
אַ, טו שוין מער נישט אָפּ פון מיר דיין צייכן, גאָט, —
דעם שאַרפן דאָרן אין מיין וואונד.

סע טרעפט, איך וואַרג מיך מיט דער גאַל פון ביטערניש
און איך פאַרגיס מיט איר מיין לידער־ווייס.
נאָר אויך אַפילו דעמאָלט טו איך תפילה אַלץ
דורך דינע ליפּן, וואָס איך בייס.

איך זאָג, וואָס יעדער דיכטער האָט שוין וואו געזאָגט:
דאָס ליד אין מיר איז מערער ווי אַ קנויט;
מיין לעבן ווערט פאַרצערט אין ליד ווי אין אַ פלאַם,
וואָס גאָרנישט לעשט אים, נאָר דער טויט.

מיר ווילט זיך לעסטערן דעם סאַמע ערשטן טאָג,
ווען כ׳האָב אין זיך אַ לידער־קלאַנג דערהערט —
נאָר סיי־ווי בעט איך גאָט: ניט לעש אין מיר דעם פלאַם,
אַפילו ווען מיך קילט די ערד.

איך ווייס

איך ווייס, איך בין אַלטמאָדיש.
מיך ציט נישט זיין היינטוועלטיש.
איך וויל נישט איבערבריהן
אַ וועלט, וואָס מיר געפעלט נישט.

מיך ציען אַלטע גראַמען
מיט זייער גוטער שיינקייט.
נאָר תחינה־שפּראַך קען רירן
אַ האַרץ אין זיין פאַרשטיינטקייט.

אַ פּורים־רב, אַ שפּילמאַן
פון וואָרמס, צי פון שפּייער,
קומט אָפּט צו מיר צו חלום —
זיין קומען איז מיר טייער...

ער ציטערט אויף זיין כלי
אַ פריילעכס — אַ פאַרטרויערטס.
איך עס אים מיט די אויגן.
כ׳האַלט אָפן מויל און אויער.

סע פינטלט און סע טיקט זיך
אין חלום־אַש, אין הייסן.
דערוואַך איך, הער איך אַלץ נאָך
אַ קלאַנג, אַ שטילן־דרייסטן.

כ׳נעם בלאָזן אויף די פונקען,
וואָס חלשן און שווינדן.
איך היט זיי אָפּ — און דאָס איז
מיין לוין, מיין שווער־פאַרדינטער.

דער שלאָף איז ווי באַלויכטן.
ער בליט מיט ווייטע טענער...
אַך, ווער קען זיין דער בדחן,
דער פּורים־רב, וואָס קען מיך?...

אין דער שענק פון שיינקייט

איך בין אַ מידער גייער
אין גרויסן טומל וועלט.
געמיינט, איך לייען די שטערן —
און זיך צום נאַר געשטעלט.

איך האָב פאַרשפילט מיין לעבן
מיט דער שייגער מלכה פון ליד.
איך האָב אַ האַרץ מיט וואונדן,
און איטלעכע ברענט און בריט.

איך פלעג איר שרייבן בריוולעך —
מיט טרערן, נישט מיט טינט.
פון אייביקן בריוולעך־שרייבן
בין איך געוואָרן בלינד.

זי האָט מיך צוגעצויגן
מיט אירע געטאָקטע רייד.
כ׳האָב באַצאָלט מיט ימען ווייטיק
פאַר איטלעכער רגע פרייד.

געמיינט, די מוזע וועט טרייסטן —
די פאַווע קומט אָט־אָט
און ברענגט מיר אויף די פליגל
אַ ליד, אַ געשאַנק פון גאָט.

נאָר, ווי, די בענקענישן,
וואָס בליען אין מיר ווילד
און בריען מיך ווי קוילן —
האָט זי מיר נישט געשטילט.

מיין ליד איז שוים אויף כוואַליעס
אין אַ שטורעם אויפן ים —
און קען אין מיר נישט קילן
מיין נאַרישן חכמה־פלאַם.

מיין ליד איז אַ פיצעלע גליוואָרג,
אין אַ וואַלד — אַ וועלט די גרויס.
אַ גלי און אַ פלי און אַ פלאַטער,
אַ פלי און אַ פליטער — און אויס.

מיין ליד שעמערירט, אָבער צינדט נישט.
זיין גאַמע קאָלירן איז קליין —
אַ געזאַנג פון אַ בענקעדיק שוועלבל,
פון אַ סאָווע אַ ביטער געוויין.

דאָס ליד איז אַ גילדענע פּאַווע
און באַשפּרענקלט דעם טאָג מיט זיין פּראַך.
נאָר די בלויע לבנה־שנייען
דערמאָנען אין עפּעס נאָך...

אין וואָס דערמאָנט דער אָוונט,
ער מעג זיך זיין ווי שיין? —
פון אַ וויטער טיפעניש בעט זיך
אַ דין, פאַרבענקט געוויין...

כ'האָב מיינע נעכט צעטרענצלט
אין אַ וויטער שיינקייט־שענק,
און מיינע נאַרישע גראַמען
ווי פּאַלאָווע דעם ווינט געשענקט.

כ'האָב דערזען אויף אַ טרוקענעם צווייגל
אַ ביסל דערשראָקן בעז —
און געמיינט: מיר איז באַשערט שוין
דער צוגעזאָגטער נס!...

כ'האָב געציליעט די ווערטער ווי פּערל,
כ'האָב איבערגעזיפּט די שפּראַך.
נאָר דאָס ליד האָט באַוויליקט צו ווערן
נישט מער ווי אַ דאַכטיקע זאַך.

דאָס ליד איז אַן אמתער ליגן,
וואָס דערפרייט און פאַרשעמט צוגלייך.
און איך בין אי קיניג, אי בעטלער
אין אַן אויסגעטראַכט קיניגרייך.

איך שעפּ מיט אַ לעכעריק טינדל,
מיט דער כּלי פון מיין ליד —
און צעקלויטשע נאָר די שטראָמען,
וואָס שטילן דורך מיין געמיט.

איך פאַרלאַך די ווערבענע דודע,
וואָס כליפּעט טיף אין מיר.
די שענק פון דער שיינקייט ציט מיך
מיט צעלויכטענע פענצטער און טיר.

ביי דער מוזע אין שענק איז מיר היימיש,
מיר שענקען זיך ביידע אַוועק.
נאָר דער לידער־שיגעון נעמט וועפּן —
און מיין וויטיק האָט נישט קיין ברעג.

איך וועל אין מיין לעצטער רגע
נישט הערן קיין כרובים־געזאַנג —
נאָר איך וועל מיך פּאָרט פאַרנייגן
פאַר גאָט, און זאָגן: אַ דאַנק —

און זיי מיך ווידער מגלגל
אַהין, וואו כ׳האָב געוואוינט.
דאָס האַרץ איז פול מיט וואונדן —
נאָר מילא, ס׳האָט זיך געלוינט...

גוטער, מוטנער רעגן

גוטער, מוטנער רעגן
פאַר מיין אָרים הויז,
דיינע טראָפּנס ציסטו
ווי די סטרונעס אויס.

און דו שפּילסט אַ ניגון
ווייטיקדיק און שווער.
ווי זאָל איך דיך טרייסטן
אין דיין גרויס געטרער?

קומסט פאַר מיר זיך קלאָגן,
ווי אַ ברודער קומט.
אין דיין ניגון הער איך
ווי מיין וויטיק ברומט.

דו, מיין ליד אין אומעט

דו, מיין ליד אין אומעט,
דו, מיין טאָג אין גרוי,
מיינע שויבן גאַרן
קאָרנבלימל־בלוי.

כ׳וויל אַ שטילן ווינקל
בלויע רו, נישט מער.
(טיף אין מיר — אַ ווייטיק,
ווי אַ קראַנקער בער.)

ווינטלעך טרייסט, צו קילן
מיר די שלייף, וואָס בריט.
(ווי אַ סאָוועס קלאָגן
וויינט אין מיר מיין ליד.)

היילונג צו מיין אומעט,
טויבן־טירקלעריי.
(איבער מיין צו־קאָפּנס
הענגען כמאַרעס בליי —

גליווערן און הענגען,
לויערן מיין טראָט.)
וואָלקן־בערג, צעגייט זיך,
איר פאַרשטעלט מיר גאָט.

אַ ביטער ליד

איך קאָלעדעווע מיט לידער,
וואָס מע וויל שוין מער נישט הערן.
דורך די שורות מיינע ציען
שאָטנס פון פאַרקלעמטע טרערן.

גיב מיר, גאָט, געַנוג חניפה
און אַ שטערן פון אַ זונה —
כ׳זאָל מיין ליד פאַרקויפן, אָט־ווי
זי — דאָס לייב, אַבי אַ קונה.

כ׳על פֿאַרקעלבערן די אויגן,
זיך פֿאַרלאָזן אַ טשופּרינע,
מיט אַ רויז אין לאַץ אַרומגיין —
אַלץ, כּדי נאָר חן געפֿינען...

כ׳על מיר מאַכן אַ קאַרטינע:
ווי די דלאָניע שטיצט דעם שטערן,
ווייל ער קען, חלילה, פּלאַצן
פֿון אַזוי פֿיל טראַכטן, קלערן...

אין דער צווייטער האַנט — אַ פּענע,
און מע זעט: איך ליריציר איצט.
אויף דער וואַנט — אַ פּרויען־צימער,
ווי זי גרימפּלט אויף אַ לירע.

כ׳בין דער גראַף פֿון גראַפֿאָמאַניע,
און דער פּרינץ פֿון די פּלאַגיאַטערס.
כ׳האָב אַ לעבן אָפּגעאיינזאַמט
אין אַ שטילער לידער־כאַטע.

כ׳האָב געוואָלט די פּיין מיר קילן
מיט פֿאַרשטילטע לידער־גראַמען —
זי האָט מיר די צונג פֿאַרשיכּורט
און מיין בלוט געוואָלט פֿאַרסמען.

נאָר אַ שעה בלויז נאָך מיין קבֿורה
וועט מען האָבן לאַנג פֿאַרגעסן
אי די לידער־פֿייגל מיינע,
אי דעם וויטיק, וואו זיי נעסטן.

היפּאָכאָנדרישע דריי לידער
וועלן נאָך מיר איבערבלייבן —
דריי מאַנקאָלישע געזאַנגען,
וואָס איך האַלט זיי נאָך אין שרייבן.

גיט זשע זיי מיר מיט אין קבֿר,
אפֿשר וועל איך דאָרט באַווייזן
זוכה זיין זיי אויסצוזינגען
אינעם הימלס דיכטער־קרייזן.

באַגעגעניש אויפן טראָטעוואַר

די שיינע טאָכטער פונעם ליד
פאַרשפּילט מיט מיר איר ליבע;
איך בין אַ צווייג, וואָס קוים ער בליט, —
דער בליץ איז מיך אַריבער...

דער קאָפּ איז פול מיט אומעט־פּעך.
מיר ליגט נישט קיין מוזע אין זינען.
נאָר זי — זי היט מיר מיינע נעכט,
און קוים זי דערוואָרט דעם באַגינען.

איך האָב געבראָכן רוק און לענד
אויפן לעבנס קאַנטיקע שפּאַלן —
איך וויל נישט איצט דער מוזעס הענט,
און איר לייב אין לבנה־שטראַלן.

איך שטופּ זי פון זיך מיט גוטן אָפּ.
איך וואַרף אויף איר גראָבע ווערטער.
אין שלאָף רירט אָן איר האַנט מיין קאָפּ,
און איך הער זי שושקען: באַשערטער...

אַזוי וועט שוין פאַרגיין מיין וועלט.
וואָס לוינט דאָ זיך פאַרטראַכטן?
כ׳האָב ווי אַ גיבור זיך געשטעלט —
און פאַרלוירן אַלע שלאַכטן.

זי וואַרט אויף מיר טאָג־אויס, טאָג־איין
און אַלע אינדערפריען.
די פּלאָגן מאַכן מיד ווי ווייַן,
און פאַרנעפּלען מיר די ראיה.

זי וואַרט אויף מיר ווער ווייסט זינט ווען.
איך מאַך מיד, אַז איך ווייס נישט.
איך שפּאַן און דומע, ווי אין פּלען,
און גיי, וואוהין מע הייסט מיר.

זי קוקט מיר נאָך — איך פיל איר בליק.
זי גייט מיר נאָך — איך פיל עס.
זי וואַרפט אַרום מיין האַרץ אַ שטריק
פון הייס־געבענקטע תפילות.

איך גיכער מיינע מידע טריט.
איך אייל מיך, ברויט פאַרדינען.
איך האָב אַצינד קיין כוח ניט
אַ ליבע צו פאַרשפּינען.

ערשט אָנהייב טאָג — און ווי מיד איך גיי.
דער געדאַנק איז מיר פאַרשלייערט.
„איך וויים, מיין ליבסטער, דיר איז ווי,
נאָר גלייב מיר, מיר איז ווייער.

כ׳האָב געבענקט נאָך דיר אַ גאַנצע נאַכט
און אין קישן אַריינגעכליפּעט.״
זי זויינט, צי האָט זיך מיר געדאַכט?
דאָס האַרץ אין מיר נעמט היפּען...

„דיביימער שטייען אין עפּל־צוויט —
אַהין לאָמיר גיין פאַרנאַכט-צייט.
וואָס איז עס, וואָס סע קאָכט און זידט
דאָ, טיף ביי מיר אין האַרצן?

איך שעם מיך נישט, איך זאָג דיר פריי,
אַזוי האָט מיך גאָט באַשאַפן —
נעם האָב מיך ליב, מיין חתן זיי,
די גאַנצע וועלט זאָל גאַפן.

פאַר וועמען בליט דאָס יונגע לייב,
מיט זיינע פּרות אַלע?
כ׳על דיר זיין געטריי אַזויווי אַ ווייב,
און דיך ליב האָבן פּונקט ווי אַ כלה.״

מיר קומען צון אַ מויער צו,
מיט שטאָקן אויסגעגלייזטע.
„געליבטע, לאָז מיך איצט צו רו.
איך גיי וואוהין מע הייסט מיר״.

„וואָס יאָגסטו מיך מיט ווערטער־שטריק,
ווי נעכטן, אייערנעכטן?
איך וועל מיך וואַרפן פון אַ בריק,
איך וועל מיך שיסן, שעכטן.״

„און ווילסטו, קום מיט מיר אַרויף
צו די מאַשינען־רייען,
און זע, זיי זאָלן נישט אין לויף
דעם זינען מיר פאַרדרייען.״

„אָ, נעם מיך נישט אין דער פאַבריק.
די מאַשינען רוישן ווי באַנען.
זיי לעשן אין מיר אויס מיין בליק —
איך וועל דאָרט גאַנץ פאַרוויאַנען.

אין דרויסן שיינט די זון, דער מאָנד
און עלעף דימענט־שטערן.
קום, לאָמיר אַוועק אין אַ חלום־לאַנד
און נייַ געבוירן ווערן...

די חופּה וועט שטיין אין בלוי געצירט —
אין אומענדלעכע פאַרנאַכטן.
און אַך, סאַראַ נדן איך האָב פאַר דיר:
די שענצטע אויסגעדאַכטסן.

פאַרלאָז דאָס חופּהדיקע ווייב
מיט איר טויטיקער געטריישאַפט.
פאַרלאָז די שטאָט, וואָס יאָגט און טרייבט,
און די גאַסן — ווי די בייטשן.

די מאַשינען וואָיען, ווי אָסיען אַ ווינט.
די שויבן ציטערן און וויינען.
מיר וועלן אויסגיין — אָן אַ קינד,
און ס׳עט נישט אַרן קיינעם...״

זי שענקט מיר לאַסקעס אין מיטן דער גאַס.
זי טוליעט פּנים און גלידער.
אירע טרערן מאַכן די באַק מיר נאַס.
די שטוב איז דער ברוק, די נידער.

„די ליבע איז אַ שטילע זאַך,
זי איז בלויז פאַר צווייַ פאַר אויגן,
און צו דער הייסער ליבע־שפּראַך
טאָר קיין דריטער דעם אויער נישט נויגן.״

„וואָס אַרט דיך, קינד, דער גאַס־הוהאַ?
איך זע בלויז דיך אַליין נאָר — — —"
אין טומל ווערט אַן אינדזל שאַ —
און ס'זעט אונדז שוין נישט קיינער...

מיר שווינדן ביידע אין געפלי —
ווי ליכטיק מיר און וואויל איז — — —
ווער שרייט מיך אָפּ, ווער מינטערט מיך
מיט קולותדיקע קולות?

— — — — — — — — — — —

מע שפּיזט מיך, ווי כ'זאָל זיין געריררט.
וואָס קערן מענטשן מיינען?
אַ מויער פענצטערט זיך צו מיר.
איך וואָלט זיך אַזש צעוויינען...

איך זינג נישט ווי דאָס פייגעלע

איך זינג נישט ווי דאָס פייגעלע,
וואָס טרילערט אין די צווייגן.
איך זינג, ווייל כ'קען נישט שווייגן.

די מוזע קומט נישט אין געשטאַלט
פון ווינטעלעך האַלב־נאַכט־צייט,
אויף פליגל אויסגעטראַכטע —

נאָר ווי אַ נאַכגעיאָגטע טויב,
וואָס איז פאַרשפּאַרט אין דראָטן,
און ס'פּעלט איר אויס דער אָטעם.

מיין ליד איז ווי אַ פלאַטערל
אַרום אַ פלאַם, אין גאַרן —
אין פיבער פון קאָשמאַרן.

און נישט קיין חלום וויגט מיך איין,
נאָר כ'ליג אין אַנגסט און וואַכיק —
און כ'שטאַרב ניט־שיר פון פּחד.

אַ טייכעלע

אַ טייכעלע גיסט זיך מיר דורכן געמיט,
און אין טייכעלע טוקט זיך אַ שטערן .
אויף די ברעגן בליט פאַרשעמט מיין ליד,
מיין ליד און מיינע באַגערן.

די כוואַליעס ציטערן שטיל אין זיך
און צעקלויטשען דעם שטערנס גינגאָלד...
אַן אַנגעלאָדענע שיף בין איך,
כ׳האָב שוין וועלטן אַרומגערינגלט.

מיך ציט אַהין, וואו סע בלויט אויף טאָג,
ווייל דאָ, וואו איך בין, איז אַ צאָרן.
איך וואָלט אויף די פלייצעס פאַרפאַקט מיין פאַרמאָג
און אַ וואָגלער וואָלט איך געוואָרן;

און אומגעוואָגלט פון פרעמד צו פרעמד, —
כ׳קען מיין עלנטקייט מער נישט פאַרבאָרגן.
זאָל זיין אַ טרוקן שטיק ברויט און אַ העמד,
אַבי נאָר דעם ליכטיקן מאָרגן...

טשודי, 1929

די שלעכטקייט איז אַן אַלטע

די שלעכטקייט איז אַן אַלטע,
נאָך פון בראשית אָן.
ליגט יעדן אין די בלוטן,
ווי אַ פאַרסמטער שפּאָן.

מיך וויגן מיינע גלידער
אין גאָר אַן אַלטער וויג.
כ׳בין אין דער נעץ פון חושים
ווי אַ געכאַפּטע פליג.

כ׳האָב מורא פאַר דער שלעכטקייט,
וואָס לויערט פאַר מיין טיר;
כ׳האָב מורא פאַר דער פינצטער,
וואָס הויערט טיף אין מיר...

אַ פידל אָן סטרונעס

מיין ליד איז אַ פידל אָן סטרונעס,
און גיט נישט אַרויס קיין קלאַנג —
אַזוי איז אויך מיין ווייטיק,
ער טוט נישט קיינעם באַנג.

איך בין אַ פאַרוואָגלטער בעטלער
אין אַ לאַנד — אַ וועלט די גרויס,
נאָר קיינערנישט קומט מיר אַקעגן
און רופט מיך אַריין אין זיין הויז.

די פריינט זענען אויסגעשטאָרבן
אינעם לאַנד, פונוואַנען איך קום,
נאָר איך מיט מיין פידל ווייטיק —
מיר שלעפן זיך נאָך אַרום...

די פריינט זענען נישט געשטאָרבן,
נאָר מ׳האָט זיי פאַרטיליקט, ווי, —
איך איינער בין געבליבן,
און וויין און קלאָג נאָך זיי.

וואָס קומט אַרויס פון קלאָגן?
וואָס האָט מען פון געוויין?
די אויגן גייען־איבער
פון זיך, פון זיך אַליין...

איך היפּע נישט פון ליד צו ליד

איך היפּע נישט פון ליד צו ליד
ווי אינעם בוים דער פויגל.
איך זוך אין ליד אַ ווינקל רו
פאַר מיינע מידע אויגן.

איך זוך אַ שטיל באַהעלטעניש,
וואוהין איך זאָל אַנטרינען.
די אומעט־בערן זאָלן מיך
נישט קענען דאָרט געפינען.

די אומעט־בערן צערן־אויף
מיין טאָרבעלע מיט פריידן.
זיי שלעפּן זיך מיר נאָך פּיס־טריט
און ווילן זיך נישט שיידן.

אין טאָל ווערט שטיל, און איבער אים —
די רו, אַ פולע איטער.
קום, זיי אויך מיר אַ מאַמע, רו,
ווי דעם שטיין, דעם בוים, דעם קרייטעכץ.

די שקיעה שפּילט אין מערב־זייט
אויף אַלע טויזנט פאַרבן.
אין אומעט אָפּגעלעבט די וועלט,
אין אומעט וועל איך שטאַרבן.

אין דער אָוונט־קאָרעטע, טונקל־בלוי,
נעמען בליען שטערן.
איך זוך אין ליד אַ באַהעלטעניש,
איך זאָל מיין געוויין נישט הערן.

אין די קאַרפּאַטן

די באַרג-קייטן ציען זיך וויפל דאָס אויג קען דערלאַנגען —
ווי פון אַ קדמונישן ים פאַרגליווערטע כוואַליעס.

און אפשר ליגן גאָר טיף אין די בערג די נפילים,
און שפּאַרן־אונטער מיט וואַלדיקע פּלייצעס דעם הימל.

און צווישן די בערג — צעשליידערטע קאָרטשעס און פעלדזן,
ווי גרויע, פאַרהויערטע קעץ און שלאַנגען אין גליוועך.

אין אַ הייל פון מאָכיקע שטיינער קילט און זילבערט
אַ קוואַל — אַ תהום, נאָך פון ששת־ימי־בראשית.

אַ פּאַסטעך זיצט אויף אַ שטיין ווי צוגעוואָקסן
און שפּילט מאָנאָטאָן זיין בענקעניש אויף אַ פייפל.

אַ גלעזעלע, אַ בלויס

ערגעץ צווישן מיינע בעבעכעס און כלים —
איך וועל אייך קיין אויסגעטראַכטסן נישט דערציילן —
ליגט אַ גלעזעלע, אַ בלויס,
וואָס אַז איך טרינק דערפון,
ווערט עפּעס מיר די צונג ווי לויז,
און וואָס איך זאָג, איז גראָם —
אַ גלעזעלע אַזאָס,
וואָס מע פאַרלירט דערפון פון קליגערשאַפט דעם טעם,
און באַלד גייט-אָפּ דער ווילערישער כעס...
דאָס וואָסער פונעם קראַנעץ־קוואַל
(און מעג עס קלינגען ווי באַנאַל)
פאַרגייט אין האַרץ ווי ווייַן.
איך בייג דאָס גלעזל איין
און דריק עס צו צום מויל,
און ס׳ווערט מיר מאָדנע וואויל — — — —

פון די חפצים
נעמען שאָלעכצן זיך שיילן,
ציכלעך,
נעמען פאַלן יאַכן
פון די פּלייצעס —
און סע ווייזט זיך מיר אַן אָפּשיין פון די תוכן,
וואָס נאַר־בלויז דער חלום קען פון זיי דערציילן,
אָדער מעשה־ביכלעך...

מיט פאַרשעמטע אויגן הייב איך אָן צו זען די פּשוטיקסטע וואונדער,
וואָס אַרום מיר,
און די שייכות, וואָס פאַרזיווגט יענע דוממים,
וואָס גליווערן באַזונדער
און וואָס שטומען...
ס׳נעמט אין זיי אַ דופק בליען.
סטרונעס נעמען צווישן זיי זיך ציען.
ניסתרדיקע פעדים נעמען זיי אַרומעט,
און מיט אַלע חושים האָרך איך,
ווי דאָס „שטילע לעבן" הייבט אָן שאָרכן...

צווישן אַלע עפּעסן איז דאָ אַ שייכות —
אַלצדינג בעט זיך: דו זאָלסט מיך פאַרגלייכן. . .

כ׳עפן־אויף די טיר —
און אַלע שכנותדיקע שוועלן קומען מיר אַקעגן,
אויף מיין אויסקום ביי מיר פרעגן.

און אַ בוים, וואָס קוקט אַריין צו מיר אין שטאָרן —
קען איך שווערן: נעכטן איז ער דאָרטן נישט געשטאַנען;
איבער נאַכט איז ער געוואָרן —
און וועט איצט שוין קוויקן אַלעמען פון דאַנען. . .

עפּעס ווער איך פול מיט זיבן פריידן,
און זיי קנאַקן אין מיר ווי מיט פינגער
און מיט צינגער.
אונטער מיר די ערד ווערט וואַרעם און ווי אויפגעיוירן —
און אין מיר די זיבן מוראס
לעשן זיך ווי פונקען אין אַ רעגן.

אויף דער האַנט דאָס זייגערל קלינגט־אויס די שעה און די מינוט,
און וואָס איך לייען איז גוט —
איך זינג די פּראָסטסטע פּראָזע און סקאַנדיר;
און אין דער טיר,
דער אויפגעמאַכטער,
ווערט דער הימל ווידער בלוי פאַרנאַכט־צייט. . .

אויף נאָכרעגנדיקע ווינטן רייט איך
און זיי טראָגן מיך ווי פערד דורך אויסגעבענקטע ווייטן — — — —

אַ שורהלע בלימעלעך וואו

אַ שורהלע בלימעלעך וואו אויף אַ יידיש שטיק ערד
האָט דאָך מערער די ווערט
ווי די לידער־טיראַדעס,
וואָס שלענגלען זיך דאָ און וואָס שאַרכן,
ווי האַרבסטיקע בלעטער אויף מאָכן; —
און טרייסט מער אוודאי
ווי העט־אַלע וואָלקן־פּאַלייען,
וואָס מינען זיך דאָ און פאַרגייען. . .

אינדיאַנער זומער

דער וואַלד שטייט דביקותדיק אין קילער פלאַקערונג
און גליוועדיקע פלאַמען.

די ביימער —
אָפּגעגאָסענע מיט פייערדיקן רויטן ווייַן
און מיט צעפּלייצטע פּליאַמעס בלוט —
ביז העט־אַרויף צו די צעגליטע קאַמען.

דער וואַלד איז אויסגעפּעכערט ווי אַ פּאַווע־עק,
און פּאָכעט אין אַ מינדסטן ווינט
מיט אַלע פאַרבן־קלאַנגען גאָלד,
און בראָנדז
און קופּער
און מאַראַנץ
און ברוין-געליישטע מעשן.
אַ שריפה גליט אין וואַלדס געשלייערן —
אויף נישט צו לעשן.

די בלעטער־קרוינען זענען ערטערווייז באַפליקט,
סע גנבעט וועך די הפקרדיקע פראַכטן.
די אָפּגעדעקטע צווייגן־קני —
פאַרברענטע פון סעפּטעמבער־גלי.
אַ פויגל גיט ווי אויף אַ זילבער־פליט אַ פייף.
ברעזעס שטייען ווי פאַרשטאַרטע סאַרנעס,
ווי פאַרטראַכטע.

דער וואַלד איז צייטיק מיט פאַרגייענדיקער שיינקייט.
ס'אַ שטומע חתונה מיט אויסטערלישע געסט —
מיט טערקישע, צעפלאַקערטע כאַלאַטן,
רויט־צעפלאַמטע שלייערן אַרום די קעפּ,
און פליענדיקע שלעפּ.

דער וואַלד גייט־אָפּ מיט בלוט־קאַלירן.
די ביימער שטייען איינגעטונקענע אין פייער,
נאָר זיי ברענען נישט.

ער פראַוועט סעודות שיכורע
מיט רויטע, ניכטערדיקע וויינען.
דערמאָנענישן דאַכטן זיך אים אָפּ,
ווי ווייטע סאַמעט־טענער.
פון די אַמאָלעדיקע זאַטע גרינען זיינע
פאַכען קלאַנגען־פענער.
ער געדענקט די נעסטן פול מיט נסי־נסים,
איידער נאָך דער ווינט האָט זיי צעריסן — — —

דער וואַלד פאַרגייט
און שפּילט מיט גערנקייט
אויף אַלע גאַמעס פון אינדיאַנער פאַרבן.

(מע דאַרף ביים וואַלד זיך לערנען שטאַרבן...)

האַרץ, וואָס דאַרף איך דיך?

אַז דו ווייסט נאָר: וואָיען,
האַרץ, — וואָס דאַרף איך דיך?
ווי אַ גרעזל בין איך
אין אַ וועלטס־געוויך.

לייבן־כוח וויל איך,
גיין אַקעגן טויט,
און איך שטיי און פלאַטער
אויף א שמות־פלויט.

וויסטע אָסיען־שלאַקסן
קאַטעווען מיין ערד.
חרוב ליגט דער בוים־שטאַם —
פון אַ בליצן־שווערד.

וואָלט איך זיין דער חלף,
נישט דאָס רינד אַליין —
וואָלט איך זיך געשאָכטן
פאַר מיין שטום געוויין.

אַ שפּליטער זיוו

אויף אַ בלינדער וואַנט אַקעגן מײַן געלעגער,
אויפֿן הוילן טינק,
רוט אַ טײַכל שײַן, אַ שפּליטער זיוו.
איך פֿאַרוואַרף מײַן בענקשאַפֿט ווי אַ רינג
און די אויגן פֿרעגן:
אַנקערט דאָרטן מײַן געגאַרטע שיף?

זאָל די זון צעגיסן אירע בלענדן
אויפֿן כרך,
אויף די סקווערן זינד.
איך וועל שטיל זיך דראַפּען ווי אַ קינד
אויף צעוויגטע לייטערלעך ביז אונטער דאַך,
וואו דאָס טײַכל רוט און שײַנט־אַרײַן צו מיר אין פֿענצטער.
ווײַ, איך שטעל די טריט אויף קיזל־ברוקן,
און אויף האַרטן דיל, ווי פֿעלדז,
שטייען ווי פֿאַרקאָוועט מײַנע ווענט.
לאָמיך קענען אין געלײַטערטקייט זיך בוקן
צו אַ שפּליטער פֿון דער גוטסקייט פֿון גאָטס וועלט —
און ווי טויבן לאָזן פֿליען מײַנע הענט.

ווי אַ ליכטיק לעמל רוט די שײַן,
און סע מירמלען אַרום איר די שטיינער־ריסן.
ווי אַ כוואַליע ציט אַהין מײַן בעט — — —
שאַ, די נאַכט־קאָשמאַרן דרימלען אײַן,
אויף די פּײַן, וואָס פּרעסט מיך — וועפּט,
און מיך וויגן זוניקע זאַוויסעס...

אויפֿן הימל־ברעג — אַ גילדענע קאַרעטע,
און איר דישל גרייכט אַזש ביז צו מיר.
ווינטלעך פּראָשען היילונג אויף מײַן וואונד.
בלויז פֿאַרגעבונג קומט מיר אויף דער צונג.
אין געמיט די בראַנד פֿאַרטאַיעט זיך, פֿאַרקלערט זיך,
כאָטש זי האָט מיך שוין צו וואַנזין באַלד דערפֿירט.

טוליע מיך, דו לויטערקייט, דו אויסגעדאַכטע,
איידער איך נעם ווידער פֿאַלן אין שאול־תחתית.

בלחש

איך בין אַ פּאָעט, אַ שליח־ציבור,
כ׳בין דאָס מויל פון בידנע מענטשן, שטומע,
אַז דאָס האַרץ איז פול און גייט שוין איבער —
נעמען ווערטער שפּאַרן זיך און קומען.

ווערטער אָבער זענען מיר דערווידער,
סיידנס ווערטער שטילע, נישט־דעררעדטע.
סיידנס דאָס געוויין, וואָס קומט אין לידער
אַ פאַרשעמטס פון אונטער בליק פון שפּעטער.

פון דער ערד געזאַפּט מיט בלוט און טרערן,
פון מיין שטעטל זאָלט איר, ווערטער, קומען.
אַנדערש זאָל מיין ליד פאַרשאָלטן ווערן,
אַנדערש זאָלט איר, ווערטער מיינע, שטומען.

אַנדערש, ליד מיינס, וועל איך דיך פאַרלענדן,
אָט־ווי מ׳האָט פאַרטיליקט מיינע שטאַמען.
פּאָכע מיר נישט מיט קיין ווערטער־לענטעס
און מיט לייכטע, לעכעריקע גראַמען.

מער־נישט זיבן ווערטער, ווערטער זיבן,
קומען, מיר די ליפּן אויפצוצאַמען.
דאָס איז פון מיין גאַנצער שפּראַך געבליבן,
וואָס איך האָב געזויגן פון דער מאַמען.

און אַפילו מיינע ווערטער זיבן
ליגן שטיל, ווי גראָזן נאָך דער קאָסע.
אַלע בליצן האָבן זיך געקליבן
און זיך אויף די ווערטער אויסגעגאָסן.

זאָל מיין תפילה זיין געוויין בלחש
און אין מיינע פיינען זאָל זי שטומען.
צו די אָנגעווייטיקטע און שוואַכע
וויל איך מיט מיין שטילער תפילה קומען.

דער הימל איז אויסגעשטערנט

דער הימל איז אויסגעשטערנט,
די גראָזן טרינקען טוי.
דער דיכטער וויל דערהערן
ווי שטילקייט נידערט בלוי.

דער דיכעטר וויל דערפילן,
ווי שטילקייט — בלויער שניי —
וועט אים די בראַנדן קילן,
וואָס טוען אַזוי וויי.

ער גראָבט אין איר דעם שטערן,
ווי אין אַ ליבער האַנט —
ביז ערדן נעמען יערן
ביי אים אין לידער־לאַנד.

ער טוט זי ווי אַ העמד אָן,
מיט ציטער און דערפריי —
ביז טיף אין זיינע לענדן
גייט־אויף דער ליד־פּאַרזיי...

בין איך מיר אַ שניידערל

בין איך מיר אַ שניידערל
מיט גילדענע צען פינגער,
זינג איך מיר אַ לידעלע —
אַרבעט זיך מיר גרינגער.

זינג איך מיר אַ לידעלע
לעבעדיק און מונטער —
מאַכט די נאָדל: דין־דין־דין,
און די שער העלפט אונטער.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

גרייט צו טיש, נשמהניו,
דאָס האַרץ איז מיר פאַרחלשט.
איז נישטאָ קיין ברויט אין שטוב —
מעגסטו גרייטן חלות.

איז קיין חלה אויך נישטאָ,
מעגסטו גרייטן טאָרטן.
איין מאָל לעבט מען, נאַרעלע,
ווי סע זאָגט זיך דאָרטן:
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

לאָ'מיך זען אַ שמייכעלע,
צעפּיקעניש דעם דלות.
מיר זענען, לאָז זיך דאַכטן דיר,
אַ חתן מיט אַ כלה.

מיר זיצן אויף דער חתונה,
דער טיש איז אַ געדעקטער.
דער בדחן, אַ געזונט אין אים,
זעצט גראַמען, ווי די פּלעקער.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

כ'וואָלט, אסור, זיך געקווענקלט איצט
נאָך איין מאָל מיט דיר דורכגיין
די חתונה, דאָס קינדלען דיינס,
די הענטעלעך, די פּוכקע...

אין דרויסן גייט אַ רעגנדל
און ס'קאַפּעט פון די צווייגן.
כ'האָב מיינע יאָרן אָפּגעלעבט
ווי אַ פייגעלע אין אַ שטייגל.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

געדענקסט דאָך וואויל די חתונה,
דעם טיש מיט בגדי־מלכות,
די שערן מיטן ברוגז־טאַנץ,
די שטוב, די אויסגעקאַלכטע.

ס'איז היינט ביי נאַכט, לאָז דאַכטן דיר —
מיט פיש און מיט געבראָטנס,
און ס'איז דיר אַזוי קיין מאָל נאָך
ווי איצטער נישט געראָטן.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

נו, לאָז זיך דאַכטן, אָפּגעהאַט
וואָס ס'איז נאָר גוטס פּאַראַנען —
אי יאַיכעלעך מיט פּופּיקלעך,
אָי צימעס מיט מעדנים.

איז וואָס זשע קומט אַרויס דערפון?
בלי־נדר מירטשעם מאָרגן
איז ווידער צרות, קלאָפּעטן,
און עסעדיקע זאָרגן.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל דאָרט:
דער מאָגן איז נישט קיין לאַמטערן.
סע שטעקט אַ טיפער תוך דערין —
נישטאָ דאָ וואָס צו קלערן.

מע טראַכט דאָך נישט קיין ווערטלעך אויס
גלאַט סתם־אַזוי און פּטור,
און ווער סע גלייבט אין ווערטלעך נישט,
איז ערגער פון אַ טאַטער.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

דערלאַנג אַרויס דאָס פלעשעלע,
מיט שטיקעלעך „מזונות".
דו ווייסט דאָך, אויף אַ קאָפּיטשקע
בין איך אַ גוטער קונה.

סע טרעפט, דאָס האַרץ נעמט טריקענען —
איז דאַרף מען עפּעס שטעלן.
און אַז עמיצן געפעלט עס נישט,
טאָ מעג אים נישט געשוועלן.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

די משקה טוט מיר כישוף אָן,
דער לעצטער טראָפּן סאַמע.
אַ ניגון נעמט מיך הוידענען —
און איידער וואָס־ווען גראַם איך.

איך גראַם מיר מײַנע צרות אויס,
און כ'הייס דעם מאָגן וואַרטן.
עט, איין מאָל לעבט מען, נאַרעניו,
און בלויז נאָר איין מאָל שטאַרבט מ'ן.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

ווי זאָגט דאָרט יונה הנביא ערגעץ
טיף אין דער הגדה —
הכל הבל, פּימזנהאָלץ,
ולא העיקר פלאָדן.

נאָר כ'זע דאָך, אַז דו ברוגזסט זיך,
דו ווילסט נישט מײַן למדנות.
נו, דאַכט זיך, אַז דער לוח זאָגט,
אַז הײַנט איז גאָר אַ תענית...
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

איך ניי מיר מיטן נעדעלע
און פּרעס מיר מיטן פּרעסל.
און אַז איך זינג אַ לידעלע —
הערט דאָס גאַנצע געסל.

איך פּייקל מיטן פינגערהוט,
און קלאַפּ מיט די שטרומענטן.
מע שטייט שוין ביי די פענצטערלעך —
אַ גוטע זאַך דערקענט מ'ן.
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...

אין דרויסן גייט אַ רעגנדל,
אין שטיבל איז אַ רויעך.
לאָ'מיך זען אַ שמייכעלע,
כאָטש דו ביסט פאַרטרויערט.

איך בין מיר אַ שניידערל,
פּשוטלעך און פּראָסטלעך,
און זינג מיר צו אַ לידעלע —
אָט, כל־זמן סע לאָזט זיך...
אדם יסודו מעפר וסופו לעפר...


poco rit.

אַ קעמל טראָגט מיך דורך דער מידבר

אַ קעמל טראָגט מיך דורך דער מידבר,
זיין קאָפּ רירט באַלד דעם הימל אָן.
כ׳האָב אַרויפגעשטעקט אַ וייטן שטערן
אויף מיין צעפליקטער לידער־פאָן.

זיין ליכט וועט קלעקן צו דערגרייכן
דאָס מינדסטע אָרט, וואוהין מ׳האָט מיך
פאַרוואָרפן און געלאָזט מיך ליגן —
מיט לידער־זאָמען אין דער דיך.

איך וועל דאָ אויסגיין אָן אַ טרייסטונג,
און וואָס וועט נאָך מיר בלייבן בלויז? —
איך וועל נאָך אין דער גסיסה הערן
ווי לידער תפילהן אין מיין שויס.

אַ מאָל איז געווען אַזוי און אַזוי

אַ מאָל איז געווען אַזוי און אַזוי:
אַ מאַן האָט איבערגערעדט אַ פרוי.
נו, מילא, וואָס דאַרף מען דאָ מאריך זיין? —
ס׳אַריבער קאַרגע חדשים ניין —
האָט זי אים געהאַט, דורך אַ קייזערשניט,
אַ קינד, אַ טאָק — מע זעט עס ניט!
„ווער איז דאָס קינד?" — כאַטש האַק און בראָק.
זי איז שטום ווי די וואַנט און טויב ווי אַ גלאָק.

דאָס קינד איז געוואַקסן, געוואָרן אַ מויד —
בלוט און מילך, אַ גוט שטיקל ברויט.
און די מויד האָט געבליט אַזוי ווי אַ בוים,
מיט עפל און קאַרשן — מע זעט עס קוים!

און דער בוים האָט געטראַכט, ווייל סע טראַכט זיך אַליין:
„ווי גוט, ווען ס׳זאָל עמיצער קומען צו גיין,
פאַרבלאָנדזשען אַהער און בלייבן שטיין,
און מיר שטילערהייט זאָגן: בוים, דו ביסט שיין..."

אַזוי שטייט זי פאַרדומעט און טראַכט אַזוי —
און שייערט אַ טאָפּ מיט אַ וויכעק שטרוי.
זי וויגט איר שיינעם, פאַרטראַכטן קאָפּ —
און שייערט דער־עיקרשט דעם דנאָ פונעם טאָפּ.

און דער מענטש איז אַ בוים — ווער ווייסט עס נישט, ווער? —
פאַרבלאָנדזשעט אַ מאָל מיט דער סטעזשקע אַ בער,
און מאַכט צו דער מויד — אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך:
„נישטאָ אַזוינע ווי דו קיין סך...
נאָר איך בין אויך נישט אַבי ווער,
כאָטש מיינען מיינסטו: ווייסעך, אַ בער.
איך בין אַ גילגול, אַז ווי איז צו מיר,
פון אַ לאַנגסטיקן יידן, אַזש פון איזמיר.
ר'האָט געלעבט מיט אַ דריי־הונדערט יאָר צוריק,
און פלעגט טראַגעדיק מאַכן נאָר מיטן בליק.
ס'הייסט, נישט מיטן בליק אַליין און גאָר,
נאָר מיט באָרד און פּאות און גריוועס האָר,
וואָס האָבן גענידערט ביז צו דער דיך,
און געכוואַליעט שוואַרץ און געצונדן זיך.

און אַז שבתי צבי האָט געזאָגט: מע מעג —
פלעגט אומגיין דער „צדיק" גאַנצענע טעג,
און וואַרפן אויף שיינע נשים אַ שרעק,
און זיי מושך זיין צו זיך אין העק.
דער העק איז געווען אין מיטן אַ וואַלד—
אַ כאַטע פון סמאָלע, אַ שפּאַלט אויף אַ שפּאַלט.

וואָס טויג דאָ אַ סך צו ברייען, וואָס טויג?
דער ייד האָט יונג פאַרמאַכט אַן אויג,
נאָר אויף יענער וועלט זאָגט מען אים: ביסט אין געאייל?
אין עולם־התוהו צוריק אויף אַ ווייל.
די ווייל וועט געווערן דריי־הונדערט יאָר —
אין אַ בער ווער מגולגל, מיט פעכיקע האָר.
וועסט נישט פלאַדיען ממזרים, ווי ביז אַצינד,
נאָר סיידנס בערעלעך, וויי דיר און ווינד!
די וועלט איז נישט הפקר, אַ נעכטיקער טאָג!
דעם גילגול קום־אָפּ, און אַ צענטן פאַרזאָג.

און נאָך דריי־הונדערט יאָר וועסטו קומען צו גיין
צון אַ בתולה דאָרט און דאָרט — זי וועט שטיין
מיט אַ וויכעק שטרוי, ווי דו איצט־אָ,
און פוצן אַ טאָפּ און דער־עיקרשט דעם דנאָ.
זאָלסטו נעמען דעם וויכעק, הער וואָס מ׳ע הייסט,
און דער בתולה אַ וויש טון פון פנים דעם שווייס,
און דעם וויכעק פאַרוואַרפן הינטן־אַרום,
און בלייבן סטאַפּאַם, עלעהיי ווי שטום.
נאָר שטיי און זע, וואָס די בתולה טוט —
און וואָס זי טוט איז באַשערט און גוט.
די בתולה וועט ווערן דיין זיווג, דיין פּאָר,
ביים סוף פון די דריי־הונדערט גילגול־יאָר.״

און דער בער גיט אַ כאַפּ דעם וויכעק פון איר
און ווישט איר דאָס פנים, אַ שמיר נאָך אַ שמיר —
און די מויד שטייט אָן אָטעם: וואָס קומט דאָ פיר?
און דערלאַנגט אַ כליפּע: אַז ווי איז צו מיר...
נאָר, מילא, זי זעט, אַז אַזוי איז באַשערט —
האָט זי מער אוודאי קיין סך נישט געקלערט —
און געחלשט, — נאָר דווקא באַרעכנט זיך גיך,
און, איידער וואָס־ווען, געקומען צו זיך...
זי עפנט די אויגן אומגעריכט,
און דערזעט פאַר זיך אַ בחור — אַ ליכט!
ער שיינט ווי אין תמוז די זון אַליין,
און ער שמייכלט — יאָ, נאָר איידל־שיין.

דעם אייגענעם טאָג, פאַר נאַכט, פאַר דער קלויז,
איז שטעטל געקומען, פון קליין ביז גרויס,
צו דער חופּה, וואָס מ׳האָט דעם פּאָרל געשטעלט,
און געברענגט מתנות, אי סחורה, אי געלט.
און מ׳האָט געטאַנצט ווי די נאַכט איז גרויס,
און — איידער די מעשה לאָזט זיך אויס,
האָט מען חתן־כלה באַלייגן געפירט —
און דער דרויסן האָט וואַזשנע זיך אויסגעצירט, —
און מ׳האָט זיך געוואונטשן מזל־טוב,
וואָס די מעשה האָט אַזאַ שיינעם סוף...

דודיע בלעכער

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ בלעכער, דודיע,
מיט אויסגעדרייטע פיס און מיט אַ קרומער פּלייצע,
און מיט אַ קול, וואָס האָט געכריפּעט ווי אַ וואַלד-זעג —
איז ער געווען „אין פּלען״ ביי פּאַניען, ניינצן־פופצן.
אַז ר׳איז אַהיים געקומען, האָט ער מיטגעזוויגעט
פון דער „געפאַנגענשאַפט״ אַ פולן זאַק מיט גוזמות,
מיט מעשה־נוראס, נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן —
מכוח קלאַפּאָטן, וואָס ר׳האָט זיך אָנגעליטן,
און מיט וואונדירים, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן
מיט אים אַליין, עק וועלט, אַזש הינטערן „ארון־חושך״ —
אַ קלייניקייט: סיביריע! ווען אַ מענטש זאָל לעבן
אַפילו טויזנט יאָר — וועט דאָס נאָך אַלץ נישט קלעקן,
ער זאָל דערציילן, וואָס דאָס איז אַזוינס : סיביריע...

מיר, ייִנגלעך, פלעגן אים באַסטאַמפּעווען און הערן,
און גאָרנישט ווערן מיד צו שלינגען זיינע מעשות,
און פלעגן גלייבן, אַז ס׳איז אַלצדינג תורת־משה...
נאָר זי, די בלעכערקע, געהייסן האָט זי פּאַיע,
זי פלעגט אונדז האָניען: „טפו זאָל זיין צו מיינע שונאים!
מיין מאַן האָט היינט נאָך נישט פאַרדינט אויף מאַמעליגע —
און זיי שוין מיט די מעשהלעך! אַוועק פון דאַנען!
איך הייס, איר זאָלט זיך שוין צעגיין ווי זאַלץ אין וואַסער —
אַ־נישט וועט אויף אייך זיין אָט־באַלד אַ בעז־האַלאָוויע!
איך וועל אייך אונטערהאַקן הענט און פיס, ממזרים!״
און זי׳ז געלאָפן נאָך דער קאָטשערע אין אַלקער;
נאָר מיר — מיר האָבן מער שוין נישט געוואַרט אויף כבוד —
מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטער שטיינער, ביינער —
און ווי נאָר זי׳ז אַוועק צוריק צו זיך אין קעכל,
איז ווידער שוין געשטאַנען אַרום דודיען קליינוואַרג,
און האָט געשלונגען זיינע מעשות פון „סיביריע״ —
און נישט געטאָן צו־מאָל קיין פינטל מיט די אויגן,
און נישט אַראָפּגעשלונגען פּונעם מויל דאָס שפּייעכץ —
אַבי, חלילה, נישט די מעשה איבערשלאָגן...

דער־עיקרשט האָט ער, דודיע, ליב געהאָט דערציילן,
ווי קאַלט דאָרט איז... „געוויינטלעך, ווייסט מען, פאַלן פייגל

אין גרויסע פּרעסט; נאָר דאָרטן איז די לופט געווען
אזוי פאַרפרוירן און פאַרקאָוועט — ווי אַ דרעליע.
אוודאי נישט ווי דרעליעס שבת אינעם טשאָלנט,
נאָר עפּעס דאָרט, ווי זאָגט מען עס, אַזאַ געפרירעכץ,
וואָס ס׳איז גאָר שווער, עס מויצעפּויצע זיין מיט ווערטער.
אַ פראָסט איז דאָך געוויינטלעך קאַלט, דאָס ווייסן אַלע —
נאָר דאָרטן איז ער קאַלט — און ברענט און בראָט, ווי פייער,
און שניידט מיט מעסערס ביז אין די געדערים ממש.

די פייגל, נעבעך, פלעגן פאַלן פון דיביימער —
איז מילא, מ׳האָט אַזוינס געהערט און מ׳האָט געזען שוין.
זיי האָבן אָבער נישט געקענט די ערד דערגרייכן,
געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי אויף שטריקלעך —
אַזוי געדיכט איז דאָרט די לופט, אַזוי פאַרקאָוועט!...
אַ שרעק, אַ פּחד פלעגט מיך יעדן טאָג באַפאַלן,
אַז כ׳האָב געזען די פייגל הענגען אין דער לופטן.
איך פלעג אַרומגיין שעהן לאַנג, פון צאַרבלע־חיים,
און צופּן פון דער לופטן מיליאָסן פייגל,
און לייגן זיי אין קופּעס, וואו ס׳האָט זיך געלאָזן. —
אַז בידנע פייגל — דאַרפן זיי שוין אייביק הענגען?
מ׳איז נישט קיין ייד? דאָס האַרץ איז דען לעהיי אַ קרעמען?

און דאָס — דאָס מעגט איר הערן, שנעקעס, ס׳עט אייך ניצן:
אין דרויסן רעדן איז דאָרט סכנות מיט נפשות!
ווי מעג מען דאָרט די ליפּן עפענען אין דרויסן?!
נאָר איך האָב נישט געוואוסט, האָב איך זיי יאָ געעפנט,
מיר דאַכט, געוואָלט דעם שכן „אַ גוט־מאָרגן” זאָגן —
נו־נו, האָב איך דערפאַר געהאַט אויף זיך אַ פּעקל,
אַז וויפל איך וועל לעבן, וועל איך עס געדענקען.
איך מאַך עס אייך בקיצור, איידער מיינע ווייזט זיך:
דער פראָסט איז מיר אַריין אין מויל און מיר פאַרקאָוועט
די צונג, דעם גומען מיטן גאָרגל, ביז אַראָפּ־צו,
ביז העט אַראָפּ צום פּופּיק — איך האָב דריי מעת־לעתן
אַפילו נישט געקענט קיין קרעכץ טון, אָפּגערעדט פון רעדן —
און נאָר געשטאַנען אין אַ פאַס מיט זודיק וואַסער
ביז איבער מיינע ליפּן, — און געאָטעמט האָב איך
דורך דאַנען, דורך דער נאָז — און כ׳בין געווען זיכער:

איך וועל קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון דאַנען.
דער זאַט האָט אָפּגעקרילעט מיינע זיבן הויטן —
און ווי אַן אַדירקע האָב איך געהאַט אַ פּנים,
און איינגעשרומפּן — אין אַ קעשענע צו לייגן.
און אַז איך האָב באַקומען קריק דאָס ביסל לשון —
האָב איך אַליין אַזש נישט דערקענט דאָס כריפּלע קול מיינס,
און כ׳האָב געמיינט, סע רעדט־אַרויס פון מיר אַ דיבוק, —
נאָר ווי־ניט־איז האָט מען געקענט מיך הערן רעדן,
בפרט אַז כ׳האָב גענומען טרינקען זיסן אָקריפּ,
און פּאַטשן טאָג און נאַכט דעם האַלדז מיט הייסע קלייען —
האָט נישט גענומען לאַנג, און כ׳האָב געקענט פּאַרציען
אַ שטיקעלע חזנישס פון די גוטע יאָרן — — —
און דווקא האָט זיך דאָרטן נאָר געוואָלט זיך גאָרגלען.
נו־יאָ, אַז מ׳איז פאַרוואָרפן אין אַזאַ מין חושך,
וואָס איין גאָט ווייסט, צי מ׳עט אַמאָל אַרויס פון דאָרטן
און קענען אויסדערציילן אַלע לייד אין פריידן —
איז זינגט מען זיך דערווייל אַ שטיקעלע חזנישס,
ווערט וואָרעם אַרום האַרץ און ס׳ווערט אַ ביסל גרינגער...

און שנייען גייען דאָרטן — אוי־ווי, טאַטע־פּאַטער!
זיי גייען טאָג און נאַכט און גאַנצע צוועלף חדשים!
און אַז דער שניי הערט פּאָרט דאָרט אויף אַ טאָג צו פאַלן —
אַ ברונעם שעפּט זיך אויס און שניי מסתמא אויכעט —
בלייבט שטיין ביי יעדער שטוב אַ שניי־באַרג ביזן הימל —
און אַז דו ווילסט, און האָסט נאָר כוח זיך צו דראַפּען,
איז ביסטו אין אַ זיבן שעה ביים שפּיץ — און אויבן
איז שוין דער צווייטער הימל פון די זיבן הימלען...

כ׳האָב איין מאָל שיר־נישט אָנגעוואוירןביידע וועלטן
אויף אָט־אַזאַ מין באַרג מיט שניי — איר מעגט עס הערן:
אין אָט־אַזאַ מין טאָג — ס׳אַ זון, סע פאַלט קיין שניי נישט —
האָב איך דערפילט אין מיר אַ בענקשאַפט נאָך מישפּחה,
נאָך ווייב און קינד — ווער ווייסט, צי לעבן זיי נאָך ערגעץ —
און כ׳האָב גענומען גיין און דראַפּען זיך אַרויף־צו, —
איך גיי און דראַפּע מיך און פאַל און גיי אַלץ ווייטער —
געמיינט — איך ווייס ? מע זאָגט, מע שמועסט : סע טרעפן נסים — — —

איך קען אייך איצט נישט זאָגן, וויפל כ׳בין געגאַנגען :
צי צען, צי פופצן שעה, צי אפשר גאַנצע צוואַנציק —

איך ווייס נאָר: איך בין אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען —
און ס׳האָבן מיך די פיס געטראָגן ווי מיט כּישוף —
און אַז איך בין פאַרנאַכט־צו אָנגעקומען אויבן
און כ׳האָב מיך אויסגעדרייט אַ קוק אַראָפּ צו געבן —
האָב איך דערזען פאַר מיר — געוואַלד, איר מעגט עס הערן —
איך האָב געזען די גאַנצע וועלט, ווי אויף אַ טעלער...
אוודאי נישט אַזאַ מין טעלער ווי אויף צימעס,
נאָר ווי די גאַנצע וועלט די גרויס, ביז אַלע עקן.
איך האָב אַפילו אַיך אַליין דערזען פון ווייטנס
און מיט דער האַנט געמאַכט צו אייך און אייך גערופן —
נאָר ערשטנס האָט איר אויסגעזען פון ווייט ווי מילבן,
און צווייטנס האָט דאָס קול זיך עפּעס נישט געטראָגן,
נאָר איז געבליבן קוים אַ טראָט פון מיר, פאַרקאָוועט — — —
און כ׳האָב דערקענט מיין ווייב פון ווייטנס, אַ פאַרוויינטע,
און כ׳האָב געזען, ווי מיינע קינדער ליידן הונגער —
און ס׳האָט מיך אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ פון לויטער בענקשאַפט.

און ווי, וואָס נאָך איך האָב געזען — ס׳איז נישט צום גלייבן!
צו פוסנס פונעם באַרג, וואו כ׳בין פאַרגאַפט געשטאַנען, —
אַוועקגערוקט אַ ביסל אין אַ זייט — אַ בריקל,
און פירן פירט דאָס בריקל קיין ירושלים,
צום כותל־המערבי און צו רחלס קבר!
און נאָענט איז דאָס בריקל — מיט דער האַנט דערלאַנגען!
און ווען איך זאָל אַצינד אַראָפּ דעם באַרג בשלום —
בין איך אין צען מינוט ביים כותל־המערבי,
און גיי שוין צו צון אונדזער מוטער רחלס קבר
און בעט מיר דאָרטן אויס ביי איר אַ גוטע דאָליע
און אַלדאָס גוטס, פאַר ווייב און קינד און כל־ישראל.

און די געטראַכטסן טראָגן מיך, און כ׳לאָז מיר וואוילגיין — — —
נאָר ווי איך שטיי אַזוי און קוק און שלינג די טרערן —
אַז פּלוצעם הער איך לעבן מיר אַ זעץ, אַ דונער:
„וואָס קריכסטו, וואָס, אַהער — די ערד איז פאַר דיר ווינציק?!"
דער מאַמעס מילעך איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן.
ס׳האָט מיט מיר אָנגעהויבן וואַרפן אַ קדחת.
די צונג איז מיר געוואָרן שטום, ווי אָפּגענומען,
און כ׳האָב דערפילט: מיר הערן־אויף די פיס צו דינען...
איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, כ׳האָב געמוזט פאַרמאַכן —

נאָר דאָ האָט עמעץ מיר דערלאַנגט אַ נאַס אין אויער —
האָב איך מיך אויפגעכאַפּט — און כ׳האָב דערזען מיין אומגליק:
אַ מלאך שטייט פאַר מיר און רירט נישט מיט קיין אבר,
און האַלט אין האַנט אַ בלאַנקע שווערד, וואָס פון אַ קוק נאָר,
איין קוק נאָר, ווערט מען תיכף בלינד אויף ביידע אויגן —
ווייל זי פאַרמאָגט אין זיך די בלענד פון טויזנט שווערדן,
פון טויזנט שווערדן — און נישט ווינציקער קיין אײנע!

וואָס טוט מען דאָ? איך זע פאַר זיך די עלטער־באָבעס,
ביז העט צו אדמען, צי אפשר ביז נאָך פריער.
נאָר דודיע מאַכט זיך האַרץ און נעמט דערלאַנגען לשון:
„דו, זאָג איך, הער מיך אויס — און טו מיט מיר דערנאָכדעם,
וואָס דו פאַרשטייסט אַליין; — נאָר פריער לאָז מיך רעדן.
איך זע דאָך שוין פאַר־וואויל: איך בין אין דיינע הענט איצט, —
נאָר מיין נישט, אַז איך קריך אַהער פון ליטער שוואוילטאָג.
מלאכים, זאָג איך, ווייסן נישט, וואָס ס׳הייסט אַזוינס מישפּחה,
און וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ווייב מיט פיצלעך קינדער,
און בענקען נישט דערנאָך, אַז די כאָליערע נעמט אַזש — — —
מלאכים, זאָג איך, זענען אָבער גאָטס שליחים,
און דאַרפן זיך דערבאַרעמען אויף בידנע מענטשן,
אַזוינע ווי אָט־איך אַצינד, אַז ווי׳ און ווינד מיר...
אויף וועמען, זאָג איך, שרייסטו דאָ — אויף דודיע בלעכער?
געוואַלד, נאָך ווינציק קום איך אָפּ אין דעם סיביריע?!״
און איך האָב אָנגעהויבן וויינען, כליפּען ביטער,
לעהיי, ווי ווייבער וויינען ביים ונתנה תוקף,
און כ׳האָב גענומען בראָקן שטיקער פונעם סידור:
אַ פּסוק פונעם שיר-המעלות ממעמקים,
אַ פּסוק פונעם למנצח לבני קורח,
און נאָך אַזוינע פּסוקים, וואָס מע קען זיי וויינען,
און כ׳האָב זיך אויסגעוויינט — איז מיר געוואָרן גרינגער.
ס׳איז דאָך נישטאָ קיין בעסערס, ווי זיך אויסצואוויינען.
נו, כ׳ווייס נישט וויפל כ׳האָב געוויינט, נאָר נאָכן וויינען
בין איך געבליבן שטיין דערפרישט, ווי ניי־געבוירן.
איך האָב געפילט: כ׳האָב עפּעס דאָ געפּועלט מסתמא,
ווייל אויב, חלילה, נישט — איז ווי׳ צו מיינע יאָרן.

אַז כ׳האָב מיר אָבער גוט־גוט אויסגעווישט די אויגן,
און זיך צו־רעכט געמאַכט און אויסגעגלייכט דאָס בערדל,

און כ׳האָב אַ קוק געטאָן דעם מלאך גלייך אין פּנים —
האָב איך געזען, אַז ס׳איז געווען אומזיסט מיין טרחה:
דער מלאך שטייט סטאָפּאָם און רירט נישט מיט קיין אבר,
און גלאָצט אויף מיר מיט די מלאכישע אויגאַנעס,
און גיט צו מיר אַ מאַך בזה־הלשון, מאַכט ער:
„דיין מזל, זאָגט ער, איז, וואָס דו ביסט אַ באַווייבטער,
און וואָס דו ביסט אַ טאַטע פון אַ שטוב מיט קינדער —
ווען נישט דאָס־אָ, וואָלט איך מיט דיר געלערנט בלק.
איך וואָלט דיר דאָ אָט־אָ געמאַכט די זאַך — און פּאַרטיק,
און דיין געביין וואָלט קיינער נישט געגאַנגען זוכן, —
אַ צווייט מאָל זאָלסטו וויסן: קריך נישט, וואו מען דאַרף נישט...״

כ׳האָב אים געוואָלט באַדאַנקען שיין, נאָר זיך באַרעכנט:
ס׳איז גלייכער איבערשווייגן און נישט זיין קיין חכם.

„דער עונש, זאָגט ער, איז אַזוי — און טו וואָס מ׳הייסט דיר: —
איך ברענג דיר, זאָגט ער, באַלד צו טראָגן יעקבס לייטער,
און דו וועסט, זאָגט ער, מוחל זיין צוריק זיך דראַפּען
אַהין, פון וואַנען דו האָסט זיך אַרויפגעדראַפּעט.
די לייטער האַלט איך אין די הענט און זי וועט הענגען,
און גאַנצע זיבן שטאַפּלען פעלן שוין סך־הכל, —
און אַז דו וועסט אַראָפּ אַ גאַנצער, האָסטו מזל,
און מעגסט אַוועק צום ערשטן מנין גומל־בענטשן...״

און אין אַ פינטל מיטן אויג — נישטאָ דער פויגל!
און אין אַ צווייטן — שוין! ר׳איז דאָ! און מיט דער לייטער!
איך טו אַ קוק, און ס׳ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן:
די לייטער איז שוין אַלט, און נישט נאָר פעלן שטאַפּלען,
נאָר זי איז אויסגעקרימט און האַלט זיך ווי אויף נסים,
און וואו־נישט־וואו איז זי פאַרקניפּט מיט שטיקלעך שטריקלעך.
אַז ווי, וואָס פון אַזאַ מין לייטער קען עס ווערן!
אין חומש דאָ נישט לאַנג האָט זי פאַרבלענדט די אויגן,
און אויסגעמאָלן יעקבן אַ וואַזשנעם חלום —
און איצט איז באַלד שוין נישט אויף איר אַ פוס צו שטעלן,
אַכיבע עמיצן איז נימאס שוין דאָס לעבן...

נאָר איך האָב נישט קיין צייט געהאַט קיין סך צו קלערן —
דער מלאך האָט מיך אויפגעוועקט פון די רעיונות:
„יעמוד!״ — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט גרויס חזנות,

און אָנגעהויבן זיך צו גאָרגלען, זיך צו ציקלען —
לעהיי מע גיט אַ חתן־בחור אַן עליה,
וואָס ער באַדאַרף שוין צו דער חופּה גיין צו־מאָרגנס, —
און דאָס געציקלעניש האָט זיך גענומען קייקלען,
זיך קייטלען — עפּעס ווי אַ ליכטיקער געדונער,
און אַכצן ווידער־קולות האָבן אים געענטפערט:
„יעמוד, רב דוד ברב שרגא־פייוויש — מפטיר!
זייט מוחל, נעמט זיך שטעלן טריט און נעמט זיך קריכן!"
און איידער וואָס און ווען — איך שטיי שוין אויף דער לייטער —
און ס'גיט מיט מיר אַ וואָרף, און כ'הויב אָן נישט צו פאַלן,
נאָר קוליען זיך אויף אַלע שטאַפּלען פון דער לייטער — — —
איך פיל נאָך איצט דאָס קוליעניש, און ס'נעמט מיך דראָזשען...

וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך נישט. איך וויס נאָר,
אַז כ'האָב גענומען שרייען: ווי מיר, שמע ישראל!
געוואַלד! — האָב איך געשריגן נישט מיט מיינע קולות —
און שרייענדיק בין איך געפאַלן אין חלשות,
נאָר אין חלשות האָב איך ווייטער נאָך געשריגן; —
און אין חלשות, אַז מע שרייט, איז ביטער־פינצטער,
ווייל דעמאָלט ווערט מען אָן דאָס קול — און ס'איז פאַרפאַלן!
קיין טאַטער קען שוין דאָ נישט העלפן און קיין קאָטער.

אַז מ'האָט מיך אויפגעוועקט און מ'האָט מיך קוים דערמינטערט,
בין איך געווען ביי זיך אין בעט, נאָר אין די קליידער,
מער טויט ווי לעבעדיק און מיט אַ קול, ווי איצטער,
און מיט צעקרימטע פיס און מיט אַ קרומער פלייצע — — —"

אַזוינע מיני מעשות פלעגט דערציילן דודיע בלעכער
פון דער „געפאַנגענשאַפט" ביי פאָניען, ניינצן־פופצן —
עק־וועלט, אַזש אין סיביריע, הינטערן „ארון־חושך"...

כ'על איבערלאָזן אַלץ

וואָס איז די זון? אַ הימלדיקער וויזער
אין איינעם פון די זייגערס אויף דער וועלטן־וואַנט.
זי וויסט נאָר איינס
— און קען נישט גרייזן — :
צעגריזשען צייט אויף רגע־שטיקלעך.
אַ טאַטעדיקע האַנט

באַשערט מיר נאָך דערווייל אַ מאָל אַ פרײדעלע אַ קליינס,
נאָר אין קאַשמאַרנע חצותן איינגעוויקלט.
איך זע די שײנקײט נישט וואו ס׳זעען אַלע.
די פרייד אַנטפלעקט זיך מיר אין מאָדנע לבושן.
כ׳בין תמיד צוגעפאַלן קושן
אַט־דאָס, וואָס איז ביי זיך געשלאָגן און געפאַלן.

כ׳על איבערלאָזן אַלץ:
דעם זיסן טעם פון שוויסן-זאַלץ,
וואָס כ׳האָב דערינען מיין ברויט געטונקען.
דעם וואַסער־וויין, וואָס האָט צו מיר פון קוואַלן־מויל אַרויסגעזונגען.

דעם בלויען דימענט־שטיין פון די פאַרטאָגן,
וואָס ביי זיין שיין פלעגט דער בעל־שם־טוב מיט די ביימער תהילים זאָגן.

דעם ציטער פון אַ פאָדעם־גרעזלס שאָטן אויף אַ וואַסער־פלאַך.
דאָס ברעקל רעגן־בויגן,
וואָס האָט זיך אין אַ טראָפּן טוי פאַרצויגן —
און נאָך אַסך.

דעם שטויב אויף נישט־געלייענטע ספרים —
ווי קוים־באַרירטע סטרונעס
בענקען זיי ביי מיר אין ליד און ברומען.
די קברים,
וואָס איך קען צו זיי נישט קומען.
די דומעדיקע וועלט, כאָטש נישט די שענצטע,
וואָס ליגט ווי אויסגעשפּונען
און קוקט־אַריין צו מיר אין פענצטער...

אין וואַלד דעם פיליגראַן פון זילבער־גרינע שטערנדלעך
אויף קישעלעך פון מאָך,
וואו פיצינקעלעך ווידמענישן פאָרן זיך און מערן זיך —
און נאָך.

די לאָסקעס פונעם ווינטלס נאַקעט לייב;
דאָס בייגעלע פּאַפּיר, וואָס צאַפּלט און וואָס בעט זיך: שרייב...

די שדים־שריפט פון דער וואַראַנעס טריט אויף שניי, אויף ווייסן;
די טיולן, וואָס ס׳איז גוט זיי צו צערייסן...

דעם טאַנץ פון שטויבן אויף אַ פּאַדעם זון,
און אויך דעם מוסר־השכל פון דערפון:
צי טאַנצט נישט אַזאַ שטויבן־טאַנץ
אויך אונדזער זון־סיסטעם אין שכינה־גלאַנץ?

(אויף איינעם אַזאַ שטויבעלע־פּלאַנעט,
ווער בלאַנדזשעט־אום? ס'איז איך, אַ יידישער פּאָעט.
דאָס ליד אין האָרץ — אַן אומעטיקס, אַ שווערס,
מיט אָפּגעשטילטער בענקעניש די באַק באַטרערט.

אַ וואָרע מאַכט, איר שטויבעלעך,
פאַר מיינע לידעלעך און ליבעלעך...)

וואָס נעם איך מיט?
די קוימיקע מוזיק פון אַ פאַרקלערטן רעגן־טראָפּ,
בשעת ער פאַלט פון ווערבע־צווייג
אין שטייענדיקן טייך אַריין,
און גיט אַ קוש, אַ כליפּע און ווערט אויס...
אַזוי־אַ וועט אַ פאַל טון אויך מיין קאָפּ,
דער שיכורער מיט לידער-ווייַן,
מיט גראַמען־ברויז —
און עמעץ וועט מיר זאָגן: נו, גענוג שוין, שווייג.

דאָס איבעריקע וועל איך לאָזן שטיין
און גיין.

און איבער מיר, בלויז עטלעכענע איילן,
וועט פלאַטערן אַ פלעדערל פון בלום צו בלימל
און אייך דערציילן,
ווי איך האָב אויכעט דאָ אַ ביסעלע געהאַוועט —
און אָנגענומען אַלץ באהבה:
די שטיקער טומל אויף דער וואַך און איצט דעם דרימל...

כ'על איבערלאָזן אַלע זיבן זאַכן.
די זון וועט אונטערגיין, דער טאָג וועט זיך פאַרמאַכן.

ביי דער טיר

בעל־תאווהניקעס ציט צו פרעמדע ווייבער,
קמצנים ציט צו קופּעס געלט.
און איך האָב אָפּגעלעכצט די יאָרן —
אַליין זיין מיט דער תורה אין אַ שטיל געצעלט.

איך טראַכט פון איר ווי פון אַ ליבלעך נפש,
און צי אין בלענדעניש צון איר די הענט.
דער דאָרשט איז טיף אין האַרץ אַריינגעשניטן,
ווי אַ פאַרסמטע פייל — און ברענט.

איך זע איר גאָרטן מיניען זיך פון ווייטן,
באַגערן צינדן זיך אין מיר.
פאַרוואָס זשע אָבער זאָל ער פון מיר ווייכן,
אַז איך דערנען מיך צו זיין טיר?...

איך בין אין זיבן יאָכן איינגעפלאָנטערט,
איך גליוועך און איך שטאַר.
איך רייס די טריט ווי פון אַ זומפּ מיט סמאָלע —
אַהין, וואוהין איך גאַר.

און אַז איך גרייך דער תורהס עפּל־גאָרטן,
און נייג מיך צו דעם קוואַל, וואָס ביי זיין זוים —
גיט טיף אין מיר אַ שניט אין אַלע גלידער,
און כ'פאַל אַוועק — אַן אָפּגעהאַקטער בוים.

מיך יאָגן ווינטן אום

מיך יאָגן ווינטן אום
און דרעשן מיר דעם גוף.
מיין ליד איז דין און שאַרף
ווי אַ סכנה־רוף.

איך שטיי ביז האַלדז אין זומפּ.
די טומאה גיט דעם טאָן.
דער קאָפּ נאָר פלאַקערט נאָך,
ווי אַ צעפליקטע פאָן...

אַז וואו אַ רשעות־שווערד —
איז גאַרט זי מיין געביין.
נישט תמיד בייט דער נס
מיין קאַרק אויף קיזל־שטיין.

מיך רינגלט יאוש איין
ווי אין אַן ענגער רייף.
קום, האָפענונג, און קיל
מיר מיין פאַרשמאַכטע שלייף.

ווי ווינטלעך וויקל זיך
אַרום מיין הייסן קאָפּ,
און לעש די פייער־צונג
פון מיינע פיינען אָפּ.

און לאָז נישט אַזוי פרי
מיך אויסגיין אין מיין פּיין.
מיין ליפּן־בראַנד באַנעץ
מיט טראָפּנס אַלטן ווייַן...

באַשאַף

איך קוק צום קינד, וואָס איז אַרויס פון מיינע לענדן —
און טראַכט, ווי שיין ס׳האָט גאָט געטאָקט דורך מיר.
איך פרעג: וואו האָט זיך גאָטס באַשאַף ביים קינד געענדיקט,
און וואו האָב איך די דלאָטע בלינדערהייט געפירט?

צי דאַרף דען גאָט דעם מענטשנס הילף ביי זיין יצירה?
אַזוי וועט אויך אַמאָל מיין זון אים הילפיק זיין?
אַפילו אין דער חיה מוז זיך גאָט פאַרלירן,
און אין אַ מינדסטן ווערעמל מוז ער אַריין?

אַזוי באַשאַפט עס גאָט — אַ רגע ווערט מען געטלעך.
מע פאָלגט אים וואָס ער הייסט, נאָר שטום און בלינד.
אַלץ איינס — די קיניגן אויף הויכע חופה־בעטן,
און אויף דער גאַס ביינאַכט די קעץ, בייטאָג — די הינט.

די בענקשאַפט

איך קען די בענקשאַפט נישט פאַרטויבן
אַפילו מיטן שטאַרקסטן ווײַן.
זי ריזלט אין מײַן אָדערן־פּלאָנטער
און כוואַליעט מיר אין האַרץ אַרײַן.

ס'איז נישט קיין ריזלען, נאָר אַ פלעמלען.
די שריפה פאַלט־אַרײַן אין האַרץ —
און ס'נעמט דאָרט פלאַקערן די בענקשאַפט,
ווי ס'פלאַקערט צווײַגנוואַרג פאַרדאַרטס.

און דעמאָלט האָב איך אַלע וועלטן,
סע בענקט אין מיר און זינגט און שאַלט.
אַט־ווי אַ דאַך מיט יונגע שוואַלבן
און ווי אַ פרילינג אין אַ וואַלד.

אַ שריפה דאַרף מען טאַקע לעשן;
נאָר יענע וואַרעמקײַט אין בלוט,
וואָס שפּילט אין מיר אין שײַן פון שקיעות —
געבענטשט איז זי, מה טוב, ווי גוט!

זי רויבט דעם שלאָף פון מײַנע וויעס,
זי מאַכט מיך קראַנק און מאַכט מיך אַלט.
נאָר ווען די בענקשאַפט זאָל זיך לעשן,
וואָלט איך זיך אויך פאַרלאָשן באַלד...

וואָלקן־שפּיל

שלאַנקע וואָלקן־שיפן
אין אַ ים מיט בלוי —
ווען וועט איר דערשווימען,
ווען און ווי אַזוי?

האָט איר וואו אַ היימאָרט,
האָט איר וואו אַ ברעג?
זאָגט, צי עמעץ פירט אײַך,
צי אײַך יאָגט די שרעק?

וויי, פֿאַר מיינע בליקן
בייט אַיר די געשטאַלט —
פֿון די וואָלקן־שיפֿן
ווערן פֿייגל באַלד.

אויסגעשפּרייטע פֿליגל,
זוימען — זילבער־בלענד.
צו די ווייטע פֿייגל
איז מיין האַרץ געווענדט.

נאָר די אויגן מיינע
שרעקן, יאָגן אייך —
וואָלקן־לעמער שווימען
אינעם הימל־טייך.

בענק איך נאָך די סטאַדעס,
צי איך מיך צו זיי —
ווערן זיי פֿאַרשאָטן
צווישן בערג מיט שניי, —

און זיי בלייבן ליגן
פֿאַר מיין טריבן בליק,
ווי געקיילטע לעמער
אין אַ יאַטקע־ליק.

שווינדן נעמט דער שימער,
און דער בלענד פֿאַרבלייכט.
כ'האָב אייך אָנגעוואוירן,
שיפֿן פֿון דער הייך.

איך האָב אָנגעוואוירן
צווישן טאָג און נאַכט
אַלע וואָלקן־שיפֿן,
וואָס איך האָב פֿאַרטראַכט...

מיין חלום־אָדלער

מיין חלום־אָדלער שרייט אין מיר
און שלאָגט מיך מיט די פליגל.
מיין וואַרעם האַרץ איז נישט גענוג
צו נעסטן אים און וויגן.

אים ציט צון אונדזער חורבן־טאָל,
אין מיטן אומקום־שרעקן —
די לעצטע פונקען אינעם אַש
צעטליען און צעוועקן.

דאָס ערד־לייב טראָגט נישט מער קיין ברויט,
נאָר ליגט צעקיילט, צעשונדן.
דעם הימלס וייטע מאַרלע-בלוי
פאַרהיילט איר נישט די וואונדן.

זי שפיגלט נאָר איר וויטיק אָפּ
פאַרנאַכט און אין די פריען,
און שיקט אַ ווינטל — קילן איר
די בלאָטערס פיין, וואָס בריען.

און גלעטן איר מיט מאַמע־הענט
די שלייפן און דעם שטערן,
און ווישן פון די לעכער אויג
די בלוטן און די טרערן.

מיין חלום־אָדלער ציט צום טאָל
פון חורבן און געקלאָגן.
ער וויל דאָרט אַ שליח זיין,
אַ בשורה פון אַ טאָגן...

ער וויל נישט מער קיין אָדלער זיין,
נאָר ווי אַ שוועלבל טרעלן,
און וואָרקען ווי אַ טייבעלע
אויף די פאַרוויסטע שוועלן...

דאָס אייגענע ליד

כ׳זינג זומער און ווינטער דאָס אייגענע ליד.
מיין טאָג איז פאַרמשכונט דער שקלאַפישער מי.
אַז כ׳קום אים דערלייזן נאָך שקיעה־שפּיל,
באַפאַלן מיך בערן: דער אומעט, די מיד.

כ׳זינג זומער און ווינטער דאָס אייגענע ליד.
בלויז פעלדער מיט טויטע דערזעט די פרי...
פון ווייט, פון מיין שטעטל ,דערטראָגט זיך געשריי
אויף פליגל פון זון, פון ווינט און פון שניי .

כ׳זינג זומער און ווינטער דאָס אייגענע ליד.
דער ווייטיק־בליי רינט אין מיין איטלעכן גליד.
די בענקעניש וויינט אין מיין האַרץ ווי אַ קינד,
אַ פאַרלוירנס אין חושך, אין וואַלד און אין ווינט.

(1940)

היינט

כ׳האָב געשריבן דאָס ערשטע ליד
אויף אַ בלעטעלע צוויט,
אויף אַ לעפּעלע רויז,
און געטונקען די פּען אין קרישטאָל פון מיין יינגלישער טרער.
און דאָס ליד איז געפאַלן ווי שניי
אויפן ווייכן פריזבע־שויס.

היינט וויין איך נישט מער
אין מיין וויי.
מיין געוויין
איז פאַרגליווערט פון שרעק —
אויף מיין לידער־וואַלד הייבן זיך העק.
איך קריץ היינט מיין ליד מיט צעוואונדיקטע הענט
אויף אַ חורבהס פאַרסאַזשעטן שטיין,
אויף צעשאָסענע ווענט...

וואויל איז דעם

וואויל איז דעם, וואָס אין זיין טראַכט,
ווי אין שוואַרצע ערדן,
ליגט די זריעה פון זיין טרוים —
אויף געבוירן ווערן.

נישט אין אומעט ליגט זי דאָרט,
אייביק נאָר צו יערן,
נאָר די וואָר וועט גרין אַרויס
פונעם זריעה־קערן.

וואויל איז דעם, וואָס אין זיין וואָר
דאָ איז טרוים באַשיידטער,
און סע וויינען נאָך אין איר
זיינע דינע פלייטן...

וואויל איז דעם, וואָס אין זיין וואָר
נעפּלען טרוימען ווידער,
און די בענקשאַפט הערט נישט אויף
וויגן זיינע לידער...

שפּיל מיר עפּעס אומעטיקס
אויף דער שטילסטער סטרונע —
דאָס, וואָס כ׳האָב דערנאָך געבענקט,
האָב איך נישט געפונען.

כ׳האָב געפונען אַ ליד אַ פאַרשעמטס

כ׳האָב געפונען אַ ליד, אַ פאַרשעמטס,
מיט ווערטער פשוטע, פּראָסטע.
אַן ערלעכע טרער האָט גערוט
אין אויג פונם ליד, דעם פאַרלאָזטן.

דאָס ליד איז געווען פאַרבענקט —
ס׳איז קוים־וואָר צו גאַסט געקומען;
כאָטש דאָרט, וואו דאָס ליד האָט געוואוינט,
האָט געבליט אַ גאָרטן מיט בלומען.

דאָס ליד איז געווען פאַרליבט —
מ׳האָט דערקענט אין די רייד מיט געציטער:
„די בענקעניש וויגט מיך און וויגט —
ווייל עלנט צו לעבן איז ביטער״.

איך האָב זיך גענייגט צום ליד
און כ׳האָב עס אַרומגענומען:
„אין עלנטקייט וואוין איך, ווי דו —
זאָלסט צו מיר אין מיין עלנטקייט קומען.

מיין בענקעניש צאַפּלט דאָרט אום
און די העלישע בראַנד פון מיין ווייטיק:
כ׳וואָלט וועלן אַ ברעג פון מיין טיש
מיט לידער־ברויטן גרייטן.

נאָר וויל איך פאַרשפּרייטן דעם טיש
מיט ליד, ביים שיין פון אַ קניטל —
וואַרפט־איין אַ ווינט מיין געצעלט
אין מיטן דעם לידער־גרייטן.

דאָס קאַניצל קאָרטשעט זיך אין
פונעם פינצטערן ווינט־געפּאָכע —
און איך בלייב אין מיין חרוב געצעלט
פאַרשעמט און איינגעבראָכן.״

איז דאָס ליד מיר נאָכגעגאַן
צו מיר אין די שטילע פיר איילן.
„כ׳וועל אפשר די וואונד פון דיין האַרץ
דיר קענען אַ ביסל היילן.״

זינט דעמאָלט אַנטרין איך צום ליד,
געיאָגט פון אַ כמאַרע מיט פּלאָגן:
כאָטש — וואָס פאַרא טרייסט ס׳איז פאַראַן
אינעם ליד, איז מיר שווער צו זאָגן.

נאָר קום איך פון בערגעלעך ערד
פאַזע ווייטע, פאַרשניטענע וועגן —
וואַרט שטום דאָס ליד פאַר מיין טיר
און קומט מיר געטריי אַקעגן...

זאָג מיר, בוים

זאָג מיר, בוים, דוביימעלע,
ס׳איז מיר אַלץ אַ וואונדער —
שרעקסט זיך ניט אין פעלד אַליין,
ווייט און אָפּגעזונדערט?

איך בין גאָטס, נאָר זיינער בלויז,
דאַרף איך זיך ניט שרעקן —
נאָכן רעגן קומט אַ ווינט,
וואַרעם מיך פאַרדעקן.

זאָג מיר, שוועלבל, הערצעלע,
זאָג עס מיר מיט טרעלן —
ווענען לויבסטו אַזוי שיין
אין פרימאָרגן העלן?

לויבן לויב איך דעם, וואָס קומט
חסד מיר באַווייזן,
דעם, וואָס דורך די ימען בלוי
זעט ער מיך צו שפּייזן.

זאָג מיר, פּיצל ווערימל,
זאָג עס מיר, איך בעט דיך:
וואָס באַגערסטו, וואו-אַהין —
איידער מע צעטרעט דיך?

גאָט האָט מיך אַהער געבראַכט
אַזש ווער ווייסט פון וואַנען —
אויך פאַר מיר אַ טראָפּן גוטס
איז פאַרגרייט, פאַראַנען.

זאָג מיר, מענטש, ס׳איז דיר דאָך גוט,
האָסט די וועלט, די גאַנצע —
דאַרפסטו דאָך ווי־טאָג־ווי־נאַכט
פרייען זיך און טאַנצן?

עט, דער ווייטיק ליגט אין האַרץ,
ווי אַ קופּע שטיינער,
און איך ווער מיט יעדן טאָג
עלנטער, אַליינער...

וואָס גאָט האָט אין זיין גוטסקייט שיין געשפּונען

די וועלט איז פול מיט אָנגעגזלטער עשירות.
מיין אייגן ביסל גוטס איז ליב מיר און איז טייער.
נאָר כ׳וואָלט געוואָלט מיין קאָפּ מיט יענער קרוין באַצירן,
וואָס אייביק ליגט זי און זי לייטערט זיך אין פייער.

איך וואָלט געוואָלט די הענט נאָך איר אין פייער שטרעקן,
און אויב מע דאַרף — אין גאַנצן זיך אין פייער טונקען.
נאָר ווי, דאָס האַרץ מיינס הייבט־אָן פלאַטערן, זיך שרעקן;
מיין אידלע הויט פאַרטראָגט אפילו נישט קיין פונקען.

מיך ציען נישט דער וועלטס צעבלישטשעטע פאַרמעגנס
און אירע אידלשטיינער, גאָלדן — אָפּגעוואויגן.
איך האָב אַ מאָל געזען אַ בעטלער אונטערוועגנס —
האָט יענע קרוין אַרויסגעשטראַלט פון זיינע אויגן...

אַ חדווהדיקער און פון אימה דורכגעציטערט,
בין איך אים נאָכגעגאַן, און ס׳האָט אין מיר געזונגען, —
דער בוים אין פעלד האָט שטיל זיין צורה אומגעביטן,
דאָס טייכל האָט דעם גאַנצן הימל איינגעשלונגען — — —

איך בין אים נאָכגעגאַן און זיך געהילט אין שאָטן
פון זיין געמאַטערטער געשטאַלט אין שיין פון שקיעות;
אַ ים פון בלוט און פייער האָט נישט ווייט געזאָטן —
כ׳האָב אין זיין טיף געשפּיגלט מיין פאַרבענקטע וויע...

ס׳האָט אין מיר אָנגעהויבן יאָמערן און בענקען
נאָך ווייטענישן — אָט, ווי מיט דער האַנט דערלאַנגען, —
איך האָב געוואָלט מיין טרויער לייטערן און שווענקען,
וואָס ער איז ווי אַ סם אין בלוט צו מיר פאַרגאַנגען.

נאָר, כ׳בין צום בוים אין פעלד ,צום טייכעלע אַנטרונען,
און זייער דין געזאַנג געזאַפּט צו זיך אין אויער —
און אַלץ, וואָס גאָט האָט אין זיין גוטסקייט שיין געשפּונען,
האָט מיך פאַרוויגט, געטרייסט אַ רגע אין מיין טרויער...

זומער-ווינט

פאַזע סטעזשקע ליגט דאָס היי אין סטויגן.
אָפּגעדעקטע שטיינער
וואַרעמען דאָס לייב אין זומער־ווינט.

פון אַ שטילער באַן, וואָס פאַרט־פאַרביי און שווינדט,
פאָכעט צו מיר עמעץ מיט אַ טיכל.
כ׳בלייב אַליין און אַלץ אַליינער.
כ׳בלאָנקע־אום אין פעלד און לייען אַ ביכל.
עפּעס נעפּלען מיר די אויגן —
כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ קינד.

אינעם האַרץ גיט דין אַ שניט.
איך פאַרגיי מיט שטילע, הינטערווײַלעכצדיקע טריט...

ווער, ווער האַלט דאָ אין פאַרוואָגלען, אין פאַרפאָרן?
מיינע יאָרן.
בלויז אַ לופטיק טיכל
האַלט מיך אין איין גריסן.
וויפל איז נאָך, ביז מיין זומער וועט זיך שליסן?
לאָז מיר וויסן — הודיעני...
כ׳בלייב אַליין און אַלץ אליינער.
כ׳בלאָנקע־אום אין פעלד און לייען אַ ביכל.

פאַזע סטעזשקע ליגט דאָס היי אין סטויגן.
אָפּגעדעקטע שטיינער
וואַרעמען דאָס לייב אין זומער־ווינט.
עפּעס נעפּלען מיר די אויגן —
כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ קינד...

די זון

די זון טוט־אָן די גרעזעלעך
אין ליכטיק־ווייסע מענטעלעך,
און פירט די קלענצטע חיהלעך
ביי די פּיצעלעך הענטעלעך,

אַפילו די מינדסטע שטיינדעלעך
און שטויבעלעך און זעמדעלעך —
גלעט זי אויס די הערעלעך
און פּוצט זיי אין כלערליי העמדעלעך.

זי גיסט פון פולע עמערלעך
מיט זאַפטן אָן די עפּעלעך,
און אין בלעטער־וויגעלעך
פאַרוויגט זי זיי די קעפּעלעך.

און זי באַקט־אויס די ניסעלעך
אַזויווי פּוטער־פּלעצעלעך.
פאַר מענטשן — די טעמיקע ווײַנפּערלעך,
פאַר ציגן — די ווערבע־קעצעלעך.

זי קושט אַרויס פון קנאָספּעלעך
צאַרטע בלימעלעך־רייזעלעך —
זיי שטייען אַזויווי מיידעלעך
צווישן ייִנגעלעך־גרעזעלעך...

גאָט, נאָר דו אַליין

צו־מאָל איז דער הימל אַ חופּה,
באַפּליטערט מיט דימענט־שטיין.
ווער האַלט די חופּה־שטאַנגען?
גאָט, נאָר דו אַליין.

נאָר די ערד איז אַ בויד מיט ציגיינערס.
די גניבה איז ווייט פון שיין.
ווער פירט די וועלט ביים דישל?
גאָט, נאָר דו אַליין.

אין דער בויד איז אַ וויסטער פאַראַנדיק,
אַז ס'איז נישט אַריינצוגיין.
ווער הייסט אין פאַראַנדיק זיך ליובען?
גאָט, נאָר דו אַליין.

מע רייסט זיך דערנאָך ביי די העלדזער,
מע קיילט זיך מיט נעגל און ציין.
און ווער לייכט־צו צום געקיילעכץ?
גאָט, נאָר דו אַליין.

נאָענט ביי דער ערד

(ש. סימכאָוויטשן)

מיין דמיון־פּאַלאַץ טורעמט זיך
און דראַפּעט זיך פון הויך צו הויך.
די שפּיצן זיינע גייען־אויס
אין נעפּלען און אין וואָלקנס רויך...

נאָר איך — ליג נאָענט ביי דער ערד, —
אַ זייג־קינד ביי דער מאַמעס ברוסט.
(כאָטש שפּיזן־דערנער היטן ביין
דעם לעבנס שיינעם רויזן־קוסט).

איך אָטעם אין זיך טיף אַריין
די ריחות פונעם ערדן־קויט.
דאָס בלויע ווינטל שקיעה־צייט
פאַרשמעקט מיט טשערנישקע אויף ברויט.

און אויך די שטאָט פון שטיין און שטאָל
איז פול מיט קלונג און פול מיט קלאַנג.
די טראַמוויי־באַן, וואָס יאָגט־פאַרביי,
לאָזט הינטער זיך אַ סליד געזאַנג...

און אויך די קאַטאַקאָמבע שלאָף
איז פול מיט וואָרצלען ליד־קאָשמאַר — — —
און אין דער פרי — ווער איז מיר גלייך?
איך בין דער טרוימער און דער נאַר.

ליבשאַפט

(דעם חבר ל. צוקער — אַ מתנה)

די בבל׳דיקע שטאָט איז נאַריש אויפגעטורעמט
און אפשר הונדערט שפּראַכן פּלאַפּלט מען אין איר.
דאָס הויז, וואָס גאָט דאַרף דאָרטן וואוינען, שטייט פאַרכמורעט,
און טרעף צעמענט און שטאָל דערפירן צו זיין טיר...

די רשעות גייט פאַרפּוצט אין מיטן שליאַך שפּאַצירן,
און אַלע בוקן זיך צון איר פאַרריסנקייט.
נאָר מיך קען נאָר די ליבשאַפט ביז צו טרערן רירן
מיט איר פאַרציטערט לייב און אירע שטומע רייד.

די ליבשאַפט אינעם מענטש — דאָס איז פון גאָט אַ חלק;
פון דאָרטן קוואַלן טרערן, רייניקן זיין האַרץ,
און דאָס געוויין דעם מענטשנס איז פון תמיד הייליק,
ווייל דער, וואָס וויינט, איז אין דער ליבשאַפט שטיל פאַרגאַרט...

דעם רשעותדיקן שעם איך זיך אין ד׳אויגן קוקן —
אָט ווי די רשעות זיינע זאָל גאָר מיינע זיין.
איך ווייס, מע וועט מיך פאַר מיין ליבשאַפט ווילד פאַרהוקען,
נאָר נישט פאַרלעשן אין מיין האַרץ איר שטילע שיין...

לידער-פרוכט

כ׳וואָלט וועלן, אַז מע זאָל מיין ליד
באַוואונדערן אָן ווערטער —
אָט-ווי אַ מיידל וויל, מע זאָל
זיך שפיגלען אין איר בלי.
איך זוך מיר פאַר מיין לידער־שפיל
די סאַמע שטילסטע ערטער —
די מוזע בינדט נאָר דאָרט מיר אויף
די פליגל — און איך פלי.

און ווי אַ מיידל טראָגט איר קלייד
אין כלערליי קאָלירן,
און ווייזט דערין איר גלידער־פראַכט
מיט שעמעוודיקער דרייסט —
אַזוי האָט מיך מיין עלנטקייט
געלערנט ליריצירן — — —
ווייל טיף אין מיין געפאַלנקייט
איז נאָר דאָס ליד אַ טרייסט.

און ווי אַ פרוי טראָגט־אום אין זיך
דעם מוטערדיקן גורל,
און עפּעס כליפּעט אין איר טיף
און זינגט אין איר און בענקט —
אַזוי וויל אויך דאָס האַרץ אין מיר
די לידער־פרוכט געבוירן,
ווי גאָט האָט מיך אין זיין גענאָד
פאַרשאָלטן און געבענטשט.

מיין וואָרט

אַז איך זע אַרום זיך נאָר רויב און מאָרד,
באַהאַלט איך מיך ערגעץ מיט מיין וואָרט
אויף אַן אָרט, וואָס האָט ליכטיקע פענצטער צוויי,
און איך קוק־אַרויס צו דער וועלט דורך זיי.
די וועלט איז פול מיט שאַנד און שפּאָט —
אוי, שטראָף מיך פאַר די רייד נישט, גאָט.

איך ליג באַהאַלטן מיט מיין וואָרט
אין אַ זייט, אין אַ מקום־מיקלט־אָרט,
צווישן ווענט און צווישן פּלייט —
זאָל נישט הערן די גאַס מיינע לידער־רייד.
זאָל נישט הערן די גאַס און נישט לאַכן פון זיי
און נישט טראַמפּלען אויף מיין לידער־פּאַרזיי.

אַ געצעלט שטעל איך אויף פאַר מיין וואָגלדיק וואָרט,
דאָרט וואוינען מיר און מיר דומען דאָרט.
אויף יענער זייט לייוונט, בלויז אַ שפּאַן,
רוישט דאָס רישעות ווי אַן אָקעאַן,
און פאַר דער סאַמע ווינטיקער טיר
לויערט ווער נאָך מיין וואָרט און נאָך מיר.

איך שטרעק־אויס די הענט, פון מיין געצעלט,
צון אַלע פיר עקן פון דער וועלט,
און איך בעט מיך ביי די שטורעם־פערד,
וואָס קאָפּען און רייסן דאָס לייב פון דער ערד:
איך ציטער נישט פאַר מיין געביין —
נאָר לאָזט מיין לידער־מיקדש שטיין...

מלכות טרוים

(בונציען)

איך וואַרף מיך אַראָפּ פון אַ בראַנדיקן פעלדז,
פונעם טאָג, מיט זיין בלענדיקער וואַכקייט —
אין מלכות טרוים, אין אַן אָפּגרונט־וועלט,
און פאַרליר דאָרט די גלידער פאַרשמאַכטע.

אוי, סאַראַ מעשות דער טאָג דערציילט,
און ווי, סאַראַ לידער ער זינגט מיר!
איך לאָז מיך אַראָפּ ווי׳ן אַ ימיקער הייל,
אַהין, וואו דער חלום ווינקט נאָך...

דער טרויער וואָס היט מיין איטלעכן טראָט
און הילט מיין שליף ווי׳ן אַ כמאַרע,
טיקט זיך און לעשט זיך אין שטילן זאָט
פון די כוואַליעס חלום־מראה.

איך וואַרף מיך אַראָפּ פון אַ הויכער בריק,
ווי איינער, וואָס טוט זיך אַ טויט אָן,
טיף אינעם אָפּגרונט, איך גלייב נישט מיין בליק —
סאַראַ אוצרות אויסגעשפרייטע!

די מויער־קעפּלעך חלום־וואָר
פאַרמאָגן נבואה אַ פּערל,
און אַ שורה ליד פון פּאַר הונדערט יאָר
לאָזט די שטילקייט אַמאָל דערהערן.

און אַ ניגון, וואָס כ׳האָב געזונגען שוין לאַנג,
מיט אַ פּאָר גילגולים פריער,
גיט פון ווייטן אַ פּאָכע — בלויז מיט אַ קלאַנג,
און מיין בענקעניש נעמט נאָך אים ציען...

נאָר שטורעמס פאַרטראָגן די מויער־קעפּ
אין קוים־דערגרייכבאַרע טיפן.
איך לאָז מיך אַהין, דורך שוימיקע טרעפּ,
אויף מיינע צעשמעטערטע שיפן.

דער טאָג, די מידבר, איז נישטאָ —
בלויז אַן אונטער־ימיק זשומען.
טיף אין מלכות טרוים, אויפן דנאָ,
ליגט אַן אוצר — איך גאַר צו אים קומען.

ער מאַניעט אייביק און ער וואַרט
אין אָפּגרונט־טיפע הייכן.
צי וועט נאָך קלאַפּן אין מיר דאָס האַרץ,
ביז איך וועל אים דערגרייכן?...

פאַרן טאַטעס

דו ביסט געווען אין וואַלד די העכסטע סאַסנע, לויט דער מאָס.
די בליצן האָבן דיך געוויכט, די שלאַקסן און די שטורעמס.
האָט דיך דער מענטש אַוועקגעוואַליעט שווער אין טיפן גראָז,
און זיך אַריינגעטעסעט אין דיין לייב, און דיך געפורעמט.

ער האָט אין דיר אַריינגעשניצט די ביטער פון זיין מי.
איך קוק אין דיינע פנימער און כ׳זע אין זיי נאָר גליווער.
צי כ׳שטיי און לאַך פון דיר, צי גאָר איך פאַל אויף מיינע קני —
דו טורעמסט ווייט אין שטאַרער מאַכטיקייט און לאָזסט מיך איבער...

איך בין אַ קאַרליקל צו־פיסנס פון דיין ווילד געשטאַלט.
די ליפּן רירן זיך פון זיך אַליין צו פלוידער־תפילה.
איך הייב אַקעגן דיר די פויסטן — נאָר מיין האַפער פאַלט.
איך גרייך דאָך נישט צום שטויב פון אונטער דיינע טריט אַפילו.

מע טראָגט דיר תפילות אין די הייסע פאַנען פונעם האַרץ.
מע פילט דיר אָן מיט בשמים־ריחות דיינע נאָזן־לעכער.
נאָר דו — דו שטייסט אין אייביקער פאַרגליווערטקייט פאַרשטאַרט,
און דראָפּעסט זיך מיט די געשניצטע פנימער אַלץ העכער.

נאָך וואָס דיך אָבער לעסטערן? דו שטייסט דאָך און דו שטאַרסט —
און קענסט פון דיין פאַרשטאַרטער מאַכטיקייט נישט מער אַנטרינען,
און ווי כ׳האָב ליב דיין שיינע אויסגעטראַכטקייט, טאַטעס־האַר,
בין איך צו דיין געמיינטן כוח פול מיט שינאה.

ווייל אויב ס׳איז וואָר: ביסט מאַכטיק און געוועלטיקסט מיט פאַרשטאַנד —
וואָלט איך מיר גאָר געדאַרפט דעם שאַרבן שפּאַלטן דיר צו־פיסנס:
דאָס פנים איז דיר שטאַר און שטום, און לאָם איז דיר די האַנט —
און דיר אַרום איז גאָלע מערדעריי און רישעות וויסטע.

נאָך וואָס דיך אָבער לעסטערן? אַזוי האָט דיך פאַרטראַכט
דער מענטש, וואָס האָט דיך אויסגעשניצט, אַזוי דיך אויסגעשטאַלטיקט.
ער האָט אין דיר אַריינגעטאָן זיין מורא און זיין מאַכט,
זיי גליווערן־אַרויס פון אַלע דיינע אויגן־שפּאַלטן.

דו שווערסט אויף מיר מיט דיין אַלמאַכטיקייט און מיט דיין גרייס,
און ס׳שטייען אויפן העכסטן קאָפּ פון דיינע קעפּ וואָראָנעס,
און פאַכען נאָר מיט פּחד און פאַרגינען נישט קיין טרייסט: —
ווי קאָן איך לאַנג נאָך ציטערן פאַר דיר פאַטאַל, ווי קאָן איך?

דער פחד וועפּט אין מיר. איך נעם דיך גאָר אויף מיינע הענט.
דו ביסט אַליין דאָך אויך פאַרקאָוועט אין אַ נעץ פון מאַכטן.
מיר ליגן ביידע אין אַן אייביקדיקער וויג פאַרקלעמט,
און אונדזערע מזלות — אמתע, נישט אויסגעטראַכטע .

דו טאַטעם־געץ, אַ נאַקעטער אין רעגן און אין ווינט —
איך טראָג דיך קעגן נאַכט, אַז קיינער זאָל נישט זען, נישט וויסן,
אין פּוסטן גאָט־הויז גלאָציקן, וואָס שטייט פאַרשטיינט, פאַררים —
אָט־ווי מע טראָגט עס אין די אָרעמס, שלאָפנדיק, אַ קינד...

מאָנאָלאָג פון אַ מאַריאָנעט

שמאַלייכעם, רבותי, שאַטס אַ מינוט.
ס׳איז איצט אַנטראַקט, און איך זע, ס׳איז אייך גוט.
איך ווייס, צווישן אַקט און אַקט איז די צייט,
ווען מע גיט אַ פאַרגעס, וואָס די דראַמע באַטייט...
וואָס די דראַמע וויל, איז אַ זאַך פאַר זיך,
און בשעתן אַנטראַקט פאַרגעסט מען עס גיך.

איך וואָלט אויך פאַרגעסן — לאָזט מען נישט, ניין,
ווייל איך האַלט נישט די צונג צווישן די ציין.
כ׳האָב היינט געכאַפּט אַ פּאַטש מיט אַ קלונג
פון מיין סופליאָר, דעם גראָבן יונג —
ווייל כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אפילו ער
איז אויך אַ מאַריאָנעט, נישט מער,
און אַז אים אַליין סופלירט מען אויך —
נאָר סיידנס אפשר נישט אַזוי הויך...

נאָר נאָכן פּאַטש האָב איך ווייטער גערעדט —
פאַר וועמען האָט מורא אַ מאַריאָנעט?

דער מענטש, זאָג איך, זעט נישט דעם דראָט, וואָס ציט
פון עמעצן אָן ביז זיין איטלעכן גליד,
און ער זעט נישט די דראָטן, וואָס ציען זיך שטום
פון אים אַליין צו זיין גאַנצן אַרום.

בפרט אין אַזאַ געפּלאָנטער, ווי היינט —
ווער לעבט אָן דראָטן? ווער רעדט זיך עס אײַן?
פון מענטש צו מענטש, ווי די וועלט איז גרויס,
ציען זיך דראָטן אַריין און אַרויס.
אי דיך ציט עמעץ, אי דו ציסט אַליין —
כאָטש, אמת, ס'איז גרינגער דאָס נישט צו פאַרשטיין.

און שאטס, כ'על אייך זאָגן נאָך עפּעס וואָס:
אויף דער וועלט קומט דער מענטש מיט אַ בריל אויף דער נאָז,
מע זעט נישט די דראָטן, מע זעט נישט די בריל,
און דער נאַר זאָגט, ער זעט און ער טוט, וואָס ער וויל...

און סע טרעפט אַ מאָל, אוי־ווי, ווי סע טרעפט,
אַז פּלוצים בלייבט מען שטיין געפּלעפט:
האָב איך איצט געטאָן אַ צי מיט אַ דראָט,
צי ציט מיך אַ צווייטער, לויט זיין גענאָד?
די נפקא־מינה איז דאָ נישט גרויס —
מע שטעקט אין אַ קנויל און מע קען נישט אַרויס.

און דער מענטש איז אַ פיש, מע זעט עס גלייך,
נאָר ער קען נישט שווימען ווי פיש אין אַ טייך.
ער טרינקט זיך — און כאַפּט זיך אָן אַליין
ביי די אייגענע האָר — מיט די אייגענע ציין...

עפּעס נאָך: אַ טעאַטער איז גאָר די וועלט,
און דער מענטש, דער אַקטיאָר, איז צום שפּילן געשטעלט,
מע מאַכט האַוואַיעס, מע קוויטשעט רייד —
אַ סימן, מע ליגט אין געהאַקטע לייד.
דער גוטער אַקטיאָר ניצט שכל געשיקט,
און פאַרדעקט מיט לצנות די טרער, וואָס שטיקט.
דער פאַרטאַטש, אַקעגן, הייבט די פויסט:
אַט וואַרפט ער איין דאָס טעאַטער־הויז!
ער ווערט צעפּוזשעט, און — אָן אַ פאַרוואָס —
אַ זעץ מיט דער פויסט אין יענעמס נאָז,
צי מיט פינעף פינגער און מיט אַ קנאַק —
אַ פּאַטש יענעם גלייך אין דער באַק.

רבותימלעך־לעבן, מיר קלינגט אין די ציין.
ס'איז שווער צו דערזאָגן דאָס, וואָס איך מיין.
ווייל נישטאָ אויף דער וועלט נאָך אַ וויסטערע לייד,
ווי אַ פּאַטש, וואָס מע כאַפּט אומזיסטערהייט.
נאָך אַזאַ מין פּאַטש דאַרף מען האַלטן דאָס מויל,
און נאָך זאָגן: אַ דאַנק, מיר קומט עס וואויל...
נאָר דאָס האַרץ, לא־עליכם, נעמט הינקען אין גאַנג,
און מע קען נישט באַטראַכטן באַזאַכט אַ געדאַנק.
דערצו, ווי איר ווייסט, בין איך אויך אַ פּאָעט —
און איך קען נאָר רעדן אַזוי, ווי איך רעד:
נישט איטלעכער רעיון קומט גאַנץ צום וואָרט —
דער ריטעם איז שולדיק, ער מאָנט זיין אָרט.
און וואו איז טאַקע דער גראַם אַליין?
מע דאַרף זיין פון אייזן, צו קענען באַשטיין.
נישט דאָס ביז איך אָבער דאָך אויסן אַצינד.
איך ווייס, איך פּלאַפּל, ווי בלעטער אין ווינט...

און, אוי, ס'איז שוין נאָכן אַנטראַקט, כ'הער אַ קלונג.
זאָל נאָר קיינער פון אייך נישט געבן קיין וואונק
דעם סופליאָר, און דערציילן, וואָס כ'האָב דאָ צערעדט —
איך קען ווערן נאָך היינט ביי אים אויס מאַריאָנעט.
און אויס מאַריאָנעט איז ביטער צו זיין —
זיך שוין צוגעוואוינט רעדן אין זאַל אריין...

סע כליפּעט אין מיר

סע כליפּעט אין מיר דאָס געוויין
פון אַלע פאַרשטשעמעטע מיילער.
איך זוויגע אויף זיך
דעם ערדיקן קיילעך.

סע רעוועט אין מיר דאָס געשריי
פון אַלע שטומע.
די גאַסן אַרום מיר —
בלינדע און טויבע.
כ'האָב מורא די אויגן צום הימל צו הויבן...

פאַרוואָס זאָל איך זיין

פאַרוואָס זאָל איך זיין ווי אַ קלין
אין מיטן דער גאַס,
אינעם אויסגעמיש מענטש מיט מאַשין,
און דודען אַ ליד אויף מיין ווערבענער פלייט — ?
פאַרוואָס זאָל איך בעסער נישט שעפּן פון האַרצן
די פּשוטסטע, נאַרישסטע רייד,
אַז אַפילו דער כאָם זאָל פאַרשטיין,
און נישט ווען מיר פּלעטן דעם קאָפּ
מיט אַ שטיין — ?

וואָס שפּרייט איך די הענט ווי די פליגל ?
כ׳וועל סיי־ווי פון אָרט זיך נישט הייבן.

און, ווידער, די מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן
העט־ווייט, ערגעץ דאָרטן אויף יענער זייט ים —
וועט מיר קיינער נישט גלייבן,
נאָר סיידנס דאָס קינד און דער תם...

פאַרגיין

די זון פאַרגייט אין פייערן —
אַ פלאַמיקער אָקרענט.
באַלד כאַפּט זיך אָן פון זיין געפלאַם
דער גאַנצער ים — און ברענט.

די זון פאַרגייט אין פייער־פּראַכט,
איר פלאַקערניש איז שיין.
זי ווייסט, אַז ווידער וועט זי באַלד
אַן אויפגעריכטע שטיין...

די שקיעה־שריפה ברענט, דערברענט.
אַ דראָזש נעמט דורך די ערד —
פון הינטער וועלדער לויערט בייז
אַ קרום לבנה־שווערד.

די נאַכט פאַרוואָרפט שוין שלייערן
און הילט אַלץ און פאַרמעקט.
ווי אויף אַ לאָדקע וויג איך מיך —
פאַרוואָרפן ווייט פון ברעג.

נאָר ציטער נישט, דו נאַריש האַרץ.
צו־וואָס דער שטומער קרעכץ?
ס׳האָט קיינער דיר אַ גאַנצן טאָג
נישט אָנגעטאָן קיין שלעכטס.

כ׳בין אויך, קען זיין, אַ קליינע זון,
וואָס כליפּעט ביים פאַרגיין.
אַמאָל וועט ווער דערמאָנען מיך
און זאָגן: אַך, ווי שיין...

שיפל זיך, מיין שיפעלע

שיפל זיך, מיין שיפעלע,
צעטייל דעם טייך אין צווייען,
צעטייל אויך מיינע ווייען.

וואַרף אַ העלפט אין שטראָם אַריין,
גיב־אָפּ דעם ווינט אַ צווייטע,
און זאָל מיר מער נישט ווי טון.

פלאַטערלעך פאַרוויגן זיך
אין בלומען־בעכערס ווייכע.
אויך איך וועל רו דערגרייכן...

ברעזע־וועלדלעך חלומען
מיט וויס־אָנטבלויזטע בריסטלעך.
איך פאַנטאַזיר צו ביסלעך.

שיפל זיך, מיין שיפעלע —
כ׳על נאָך ווי לאַנג זיך שיפלען?
ביז וואַנען און ביז וויפלען?...

צון אַ שטערנדל

איבער מיין דאַך איז אַ שטערנדל מאָדנע צעפינקלט —
ווי ס׳זאָל זיין פינקלעניש וועלן מיר עפּעס אַנטפּלעקן.
„שטערנדל, דו זאָלסט אַזוי צו מיר גוטהאַרציק ווינקען,
ביזקל דער טויט וועט די מאַטערניש מיינע מיר עקן.

איך זאָל דיר קענען פֿאַרטרויען מיין טראַכטעניש נאַכט־צייט,
באַלד נאָך דער שקיעה, וואָס נידערט אַראָפּ פֿון די הויכן
און זי פֿאַרחלומט מיין האַרץ, און סע נעמט זיך מיר דאַכטן:
גאָט איז די נאַרישע רישעותן מיינע מיר מוחל.

גאָט איז אַ גוטער, איך דאַרף אים נאָר לויבן, און בעטן
וואָרעמקייט, היילונג, און פֿרייד זאָל פֿאַרבייטן די פּלאָגן, —
וואַרפֿן זיך פֿאַר אים אין בלאָטע, אַז ער זאָל מיר זעטן
מיינע פֿאַרלאַנגען, וואָס ס׳איז זיי נישט איבערצוטראָגן.

נאָך די געזעטיקטע דורשטן, וויל ווידער זיך זינדן —
וואַרף איך מיך ווידער פֿאַר גאָט — מיט אַ מעסער, אַ גרייטן,
שנייד איך דאָס האַרץ פֿונעם לייב מיר אַרויס און איך שינד מיך:
גיט ער מיר נישט — בין איך גרייט אין רציחה זיך טייטן.

שיקט ער אַראָפּ צו פֿאַרצוקן מיך זיבעצן בראָכן,
אָבער איך טרייסל די הימלישע לאָדנס: באַוויליק
ברעקלעך שפּייז אין מיין טאָרבע, כאָטש ברעקלעך, פּראָכן —
נאָר ווי אַ וואָרעם צעטרעט מיך נישט, נאָר נישט פֿאַרטיליק.

גיט ער מיר ברעקלעך — איך טונק זיי אין קליאָק פֿון מיין ווייטיק,
דאַנק מיט געטרער, נאָר די ציין מיינע מאָנען און קריצן.
וואָלט איך געקענט, וואָלט איך גאָט גאָר באַפֿאַלן, אים נייטן,
ער זאָל מיר דינעריש זיין, ווי אַ הונט ביי מיר זיצן.

און אַז איך קען מער נישט צאַפּלען און מער זיך נישט ראַנגלען —
בעט איך דעם טויט, אַז דערלייזן מיך זאָל ער שוין קומען.
כ׳האָב אין געוויין זיך געפֿרייט, און נאָך אַלע פֿאַרלאַנגען,
און נאָך דער מאַטערניש, וויל איך שוין רוען און שטומען.

דו אָבער, שטערנדל, גליווערסט אויף אייביק, אָן סופֿן.
אייביק האָט זיך אין דיין גליווערניש גאָרנישט געטראָפֿן.
איך וועל די בלוטיקסטע ווייטיקן מיינע נישט בייטן,
שטערנדל, אויף דיין געגליווער אויף אייביקע צייטן...״

איבער מיין דאַך איז אַ שטערנדל מאָדנע צעפינקלט...

די באַלאַדע פון דער פוסטער מיל

וואו סע לאָזט זיך אויס דער יישוב
און די לאַנקעס נעמען ציען —
שטייט אַ פוסטע מיל, וואָס פייגל
ווייכן־אויס אין זייער פליען.

סיידנס פלעדערמייז, נאָך שקיעה,
נאָך די שטראַלן סאַמע־לעצטע,
ציליען־דורך די פוסטע פענצטער
פון דער מיל, די אויסגעזעצטע.

זיי דערפליען ביז צום יישוב,
נאָר זיי מיידן אויס דעם עירוב.
מע פאַרשטאָפּט די אויער־לעכלעך,
מע זאָל זייער קוויטש נישט הערן.

איין מאָל האָט אַן אשה, נעבעך,
פאַר קיין ייִד געדאַכט, געמפּילט —
אין דער פלעדערמויזס געקוויטשע,
האָט זיך איר געדאַכט, מע פלאַפּלט...

זי׳ז אַרויס מיט די פּאַמאַיעס,
שבייסענאַכטס, וואָס זאָל זי וויסן?
פלוצעם הערט זי: „מזל־טעפל!
שיין צו קוקן, ווי זי גיסן..."

און די פלעדערמויז צעלאַכט זיך,
מיט אַ קוויטשיקל פון הינטן,
און די אשה, נעבעך, חלשט —
אַז מ׳האָט קוים זי אָפּגעמינטערט.

נאָר זי׳ז תיכף איינגעפאַלן
און געהאַט צו פרי די ווייען.
אַ מערכה, זי׳ז גענעזן
דורך אַ נסתרס אַ קמיע.

און פון דעמאָלט ווייסט אַן אשה,
נישט נאָר דווקא אַ מעוברת:
ס׳אַ סכנה דאָס געקוויטשע
פון אַ פלעדערמויז צו הערן.

ווייל די פלעדערמייז דערפליען
פון דער חורבה — ווייסן אַלע,
פון דער פּוסטער מיל, וואָס ליגט שוין
וויפל יאָרן איינגעפאַלן.

מ׳האָט זי שוין אַ פּאָר מאָל דווקא
אָפּגעבויט, געגרייט צום מאָלן,
אָבער שטענדיק, אַנהייב לייזעכץ,
פאַלט אויף איר אַראָפּ אַ קללה.

דאָרט ביים וואַלד איז שוואַרץ געוואָרן.
עפּעס כמאַרעס. ווען ער עס?
עט, אַבי די וואָלצן טרישטשען —
מעגן שוין די כמאַרעס וואַרטן.

פון די כמאַרעס גייט אַ רעגן,
אָבער דווקא אָן שום בייזן.
ס׳עט אַריבער, טראַכט דער מילנער,
און מ׳עט אָנהייבן צו לייזן.

נאָר מסתמא האָט דאָרט ערגעץ,
מיט אַ דריי־פּיר דערפּער העכער,
זיך אַ וואָלקן אָפּגעריסן
פון דער קייט, און פליקט דאָרט דעכער.

צו דער גרעבליע יאָגן כוואַליעס,
ווי אַ טייוול וואָלט זיי יאָגן —
אַ פאַרפלייצנדיק געוויסער
וויל די מיל פאַנאַנדערטראָגן.

אָט איז שוין די מיל פאַרגאָסן
ביז די פענצטער, ביז די סטריכעס,
אָט איז שוין דאָס ראָד צעריסן
און פאַרשווינדט אין פלייץ־געוויכער.

און די כוואַליעס טומלען מאָדנע —
ווי ס׳זאָל עמעץ דאָרטן פּלאָפּלען...
און דער מילנער — קוים באַוויזן
זיך צום בוידעם צו דערדראַפּען.

און ווי־באַלד דאָס ראָד פאַרשווינדט נאָר
און די וואַלצן ליגן שטומע —
הייבט באַלד אָן אַ ווינטל גלעטן,
און דער הימל — צו זיך קומען.

די פאַרפלייצעניש נעמט אָפּגיין —
שאַ, ווי גאָרנישט וואָלט געטראָפן,
נאָר די מיל בלייבט שטיין אַ פּוסטע —
ווענט און טיר און פענצטער אָפן.

מ'האָט זי שוין אַ פּאָר מאָל דווקא
אָפּגעבויט, געגרייט צום מאָלן,
אָבער שטענדיק, אָנהייב לייזעכץ,
פאַלט אויף איר אַראָפּ אַ קללה —

אָדער אַ פאַרפלייציק וואַסער
קומט און לאָזט זי אַ פאַרוויסטע,
אָדער פלוצעם נעמען טאַנצן
אין די פענצטער פלאַמען ביסטרע.

וואו, ווי קומט אַהער אַ פייער —
אַז שוין וואָכן, אַז סע רעגנט?!
ס'איז דאָך אָסיען, נישט קיין תמוז —
נאָר מע דאַרף קיין סך נישט פרעגן...

מע באַגאַפט נאָר פון דער ווייטנס
דאָס געמיש פון רויך מיט פונקען,
און — אָט ליגן שוין די מיל־ווענט
איינגעפאַלן, איינגעזונקען.

איצטער איז די מיל אַ חורבה —
פּוסטע ווענט און פענצטער בלינדע,
און מע מיידט זי קעגן־נאַכט־צו
און מע שרעקט מיט איר די קינדער.

און סע לייכט זיך אין די נעכט דאָרט,
נאָר פאַרקוקן זיך — חלילה!
אַ סכנה, פון דער ווייטנס
איינצוהערן זיך אַפילו.

דאַרף מען דאָרט ביי נאַכט פאַרבייגיין —
זאָל מען פּאָכען מיט אַ שטעקן,
אָדער גאָר ביים טלית־קטן
האַלטן זיך ביי בײדע עקן.
— — — — —

וואָס איז דאָרט אַזוינס פאַרלאָפן
אין דער מיל, וואָס זי׳ז פאַרשאָלטן,
און זי שטייט אַ האַלב-פאַרברענטע
און אַ האַלב מיט מאָך פאַרקאָלטנט?

ווער זאָל וויסן? מ׳האָט עס מורא
אויף די ליפּן גאָר צו ברענגען.
בלויז די עלטסטע לייט אין שטעטל
שושקען־נאָך וואָס זיי געדענקען...

ס׳איז אַ וואָרע מעשה־נורא,
וואָס איעדער מעג עס הערן: —
ס׳האָט אַ מילנערקע אַ מאָל דאָרט
נישט געקענט קיין מאַמע ווערן.

אויסגעוועוען ביי אַלע טאָטערס
און, להבדיל, גוטע־יידן —
נאָר איר טראַכט איז אַלץ פאַרשלאָסן —
און די רייד, דעם מילנערס, זידן.

אַנדערש־נישט — ער וויל זיך גטן
און זי פון דער מיל פאַריאָגן.
און זי בעט זיך: זי׳ט אַ דינסט זיין,
ווי וועט זי די חרפה טראָגן?

נאָר דעם מילנערס ווערטער זידן —
ניין, ער וויל דערפון נישט הערן.
פון דער מיל וועט ער זי טרייבן,
סיידנס זי׳ט אַ מאַמע ווערן.

און די מילנערקע, די בידנע,
וואַרגט אין זיך איר ווילד געיאָמער,
און די קישנס אין דער פינצטער
זאַפּן איר געוויין ווי שוואָמען.

און ער זידלט זי און שלאָגט זי,
און ער טרייבט אַרויס די שוואַכע —
און ער וואַרפֿט איר נאָך דאָס בינטל
מיט די ווייבערישע זאַכן.

האַלבע נאַכט האָט דאָס געטראָפֿן.
גייט זי מיט פֿאַרטרערטע אויגן — — —
— — — — — — — — — — — —

גאָר פֿאַר טאָג האָט זי אַ פֿישער
מיט די פֿיש פֿון טייך געצויגן...

איצטער איז די מיל אַ חורבה,
און דער מיל־טייך שטייט פֿאַראומערט.
ווערט נאָר פֿינצטער — ווערט דאָרט ליכטיק,
און מע הערט פֿון ווייט געטומל...

שדים טאַנצן דאָרט, מזיקים.
צאַפּעס בלעקערצן און מעקען.
דאַרף מען דאָרט ביי נאַכט פֿאַרבייגיין —
זאָל מען פּאַכען מיט אַ שטעקן...

שפּיל אַלץ שטילער, שטילער

שטעל־אָן די קלעזמער־כלים,
נאָר נישט די פּויק און מעשן.
איך זע נאָר בלויז קאַשמאַרן,
און קען זיי נישט פֿאַרלעשן —
איז שפּיל אַלץ שטילער, שטילער.

מעגסט רימפּלען אויפֿן פֿידל,
נאָר כ׳וויל דעם דראָט נישט הערן.
כ׳האָב זיך געלאָזט געגאַרן
פֿון טרייסטן און פֿון שטערן —
איז שפּיל אַלץ שטילער, שטילער.

קלאַרנעטל, מעגסט זיך ציקלען,
און כליפּע, פֿלייט פֿאַרטראַכטע.
באַלייט מיך, באַס, און כריפּע —
אין דרויסן נעמט פֿאַרנאַכטלען —
איז שפּיל אַלץ שטילער, שטילער.

שפּעטער און פריער

מיין טאַטע איז צו אַכצן יאָר געגאַנגען צו דער חופּה,
און איך — צו דרייסיק. אַך, ווי שפּעטער.
צו זיינע זעקס־און־דרייסיק יאָר
האָט ער פאַרמאָגט שוין קינדער אַכט,
צו האָדעווען און גלעטן.

און איך — מיר גרויען שוין די האָר,
און כ׳פיר ערשט מיינע ביידע קינדער ביי די הענטלעך.
(יערעלעך, וואו זענט איר?)

דער טאַטע איז אַוועק מיט יאָרן זאַט און אויך מיט צרות.
איך מוז אַלץ צווישן אים און מיר אַ ליניע ציען:
איך טראַכט, אַז אַלץ האָב איך באַוויזן שפּעטער,
נאָר שטאַרבן וועל איך שוין מסתמא פריער...

פיר קאַטאָווועסלעך

1. ריטעם, גראַם, פאַרשטייט מען דאָך,
דאַרף מען היטן אַקוראַט.
אָבער אָסור צי מע מעג
לייגן אין דער יראה שמד.

א כפרה ריטעם, גראַם —
יאָ, די שענטטע גראַמען־ציין —
פאַר דער שיינקייט פון מיין שפּראַך
אין איר מינדסטן פינטל חן.

2. גיב זיך נישט קיין קניפּ אין בעקל,
ווייל ס׳איז גאָרנישט אַזוי שיין —
ווייל מע קנייפּט זיך דאָך די באַקן,
נאָר כדי די פאַרב זאָל שטיין...

3. טרעפט, מע האַלט אין האַנט אַ ביכל,
און דאָס האַרץ ווערט באַלד צעריסן:
דאַרפן דאַרף עס זיין אַ חיבור,
נאָר ס׳איז, ווי מיר, גאָר אַ חיסור...

4. ביכער פרעסט ער — עלעהיי
ווי אַ פערד אין שטאַל — דאָס היי.
נאָר דער חילוק צווישן זיי:
פון דער שפּייז, וואָס ס׳עסט אַ פערד,
ווערט כאָטש מיסט, צו מיסטן ערד...

וואַלד און ווינט

וואַלד און ווינט

(שיינדלען אַ מתנה)

דער וואַלד איז ווי אַ פידל,
דער ווינט איז ווי אַ סמיק.
דער מינדסטער שטויב איז עלנט
און זוכט זיין טראָפן גליק.

דער וואַלד איז לויטער פּאָרן,
די פּאָרן — נאָך צעשיידט.
די בענקשאַפט איז אַ סטרונע,
וואָס בליפּעט און באַלייט.

אַ פויגל לאָזט זיך הערן,
דאָס ליד זיינס האָט געדאַנק —
די ווייטע פּאָר עק־וואַלד וואו
שיקט־אָפּ אַ ווידערקלאַנג.

דער ווינט צעטראָגט די קלאַנגען,
פאַרקניפּט זיי און פאַרבינדט.
דער וואַלד וואָלט אָפּגעשטאָרבן,
ווען נישט דער גוטער ווינט.

די בלום וואָלט אויסגעגאַנגען
פון בענקשאַפט נאָך דער בין.
דער עפּל־בוים מיט צוויטן
וואָלט דאַרן ווי אַ קין.

די קנאָספּ וואָלט איינגעגאַנגען,
אַ פולע מיט באַגער —
ווייל ווער זאָל זי אַ קוש טון,
און עפענען זי ווער?

פאַרוואָס זשע ליגט אין וואַלד־ליד
געבליפּ און דין געוויין?
דער מאָך צופוסנס ביימער
באַהאַלט דערפון דעם מיין...

ביי מיר אין גאָרטן

בײַ מיר אין גאָרטן וואַקסט אַ בוים,
מיט עפּל אויף די צווײַגן.
ווי מײדל-אָרעמס וויגן מיך
זײַן שאָטן און זײַן שווײַגן.

די עפּל־ריחות ווינטלען שטיל
אין מײַנע דלת אײלן.
כ׳וועל אין זיך זאַפּן זײער זיס
און קײנעם נישט דערצײלן...

דערפון וועט זאַפטיקן מײַן צונג,
די שפּראַך מײַנע וועט שמעקן.
דער טרויער־שראַם אין מײַן געמיט
וועט אפשר זיך פֿאַרמעקן .

דערפון וועט קלאָרן, ליכטיקן
בײַ מיר אין האַרץ, און בליִען —
און איך, ווי פון אַ גאָרטן־קוואַל,
וועל שטילע לידער ציִען...

באַלאַדע

האַלב־נאַכט קומט זי שטיל צו די וואַסערן שטילע
די גליאיקע גלידער אין שטראָמען צו קילן.

זי זעט אין די שטראָמען זיך וויגן, זיך מינען
די ווײַט, וואָס זי גאַרט און זי קען נישט געפינען...

אַ שלײער שוועבט־אָן פון די טיף־בלויע הייכן
און שווימט מיטן שטראָם — מיט דער האַנט צו דערגרייכן.

אַ פינגערל, דין — ווי פון ווינטלעך געשליפן,
ציטערט און בלענדט און פאַרשווינדט אין די טיפן.

אַ קילקייט קומט־אָן פון די שטערן צו פליִען
נאָר קען איר נישט לעשן די גלידער, וואָס גליִען.

דער הימל מיט שטערן איז ווייט און גענאַרט נאַר —
און דאָ אינעם שטראָם איז ער נאָענט און וואַרט נאַר...

און בלויז די לבנה, די בלייכע, באַלייט זי
און פירט אירע טריט פּאַזע שטילבלעכע פּלייצן.

איר לייב איז אַ בלויע, פאַרטרויערטע לירע,
אַסטראַלישע פינגער די סטרונעס באַרירן —

און טענער פאַרטראַכטע זיך וויקלען און ציען
אַרום די באַלויכטענע גלידער, וואָס גליען —

און ס'פירט זי אַ סטעזשקע צו שטראָמען, צו שטילע —
די גלידער זיך לעשן אין כוואַליעס, וואָס קילן...

דורך דער לאָנקע אַ טייכל גייט

דורך דער לאָנקע אַ טייכל גייט —
כ'האָב דיך ליב פון קליינערהייט.
גייט און גייט און בלייבט נישט שטיין —
כ'האָב דיך ליב, ווייל דו ביסט שיין.

וואַקסט ביים ברעג אַ באַרן־בוים —
אַזויזוי איך ביי דיר אין טרוים;
שפּיגלט זיך אין טייכלס בלוי —
פּונקט ווי איך אין דיר אַזוי...

און פאַרביי אַ פויגל פליט
און אַ זיסן טרעל פאַרציט —
דאָס נעמט ער מיט אַ גרוס פאַר דיר
פון מיין ליבשאַפט און פון מיר...

און אַ סטעזשקע נידערט שטיל
ביז צום טייכלס בלויער קיל,
און זי שלענגלט זיך אַוועק
פּאַזע טייכל, מיטן ברעג...

ביי דער קאַפּליצע

דאָס ווייסע לייוונט־העמד באַהאַלט
דעם צאַפּל פון איר טויבן־פּאָר.
אַ ווינטל גנבעט זיך פאַרביי
און שפּילט אויף אירע פּאַטלעס האָר.

דאָס ווינטל ברענגט דאָס אָטעמען
פון סטויגן פריש־געשניטן היי.
זיי צאַפּלען זיך ווי אין אַ שטייג —
די ווייסע טויבן אירע צוויי.

מע זעט שוין באַלד דעם צלם־וועג.
די קאַפּליצע איז אָט־אָט־אָט.
זי טראָגט מיט זיך אַ ליכטעלע,
צו צינדן פאַרן זון פון גאָט.

און אויך אַ פאַרטעך פול מיט צוויט
פון אוגערקעלעך און פון מאָן.
זי האָט אים אָפּגעצופּט פאַר־טאָג,
ביים ערשטן קרייען פונעם האָן.

די ראָסע האָט געקילט איר טראָט,
נאָר נישט דאָס פייער, וואָס אין איר.
דעם צוויט פאַרלירט זי אין איר גאַנג —
און מאַכט אַ סטעזשקע ביז דער טיר.

און מיט דער סטעזשקע, יעזוס, האַר,
זאָל קומען דער באַשערטער גיך.
איך זע אים נאָר אין שלאָף דערווייל,
וואָס שטילט מיך נישט, נאָר מאַטערט מיך.

די תבואה־פעלדער וויגן זיך,
אויף שפּיצן זאַנגען שפּילט דער ווינט.
ווען דער באַשערטער וויזט זיך מיר
אָט־דאָ, אין מיטן פעלד, אַצינד...

און אָט איז שוין די קאַפּליצע —
דו, זון פון גאָט, פאַרנעם מיך דו,
און מיין באַשערטן, וואו ער איז —
נישט לאָז אים צו קיין צווייטער צו.

זי קניט. די אויגן האַלט זי פרום
צום שיינעם זון פון גאָט געווענדט,
און אַ מתנה ברענגט זי אים —
צוויי ווייסע טויבן אין די הענט...

באַלאַדע פונעם גאַס-לאַמטערן

די נאַכט האָט זיך שוין צוגעשאַרט.
אַ גאַסן-מיידל שטייט און וואַרט.

זי שטייט אין שיין פון גאַס-לאַמטער,
און זוכט, צי גייט נישט ווער אַהער.

אין נעפּל שטייען ביידע גלייך —
דער גאַס-לאַמטערן וויינט און לייכט.

ער לייכט מיט וואַסערדיקער שיין,
און כליפּעט שטיל אין זיך אַריין.

אַ נאַנע, יעזוסעס אַ מויד,
פליט-אַן, דאָס קלייד אירס שורשעט: טויט.

זי שיפּעט: „ליגסט אין שאַנד און שפּאָט —
אַ, זיי איר מוחל, זון פון גאָט."

איר שנור מיט פּאַטשערעס איז לאַנג
און קלימפּערט אומעטיק אין גאַנג.

צוויי גאַסן ווייט — אַ קלויסטער שטייט
און יעזוס — מיט די הענט צעשפּרייט.

ער שטייט פאַרטראַכט און קוקט זיך איין,
סע פליטערט קוים זיין קרענצל-שיין.

אַ ווינט צעוויגט דעם גאַס־לאַמטער,
זיין שאָטן העפּעט ווי אַ בער.

דער ווינט טראָגט־אָן אַ נאַסן שניי,
דעם מיידל טוט איר אָומעט וויי.

זי שטייט אין לאָמפּן־שיין און טראַכט:
איך שטיי אומזיסט אַ גאַנצע נאַכט.

אין אירע מאַנטל־פּאָלבן שפּינט
אַ טרויעריקס דער פייכטער ווינט.

זי האַלט אין האַנט און טוליעט אַלץ
דאָס קרוציפיקסל אויף איר האַלדז.

זי שטייט צו יעזוסן פאַרקלערט —
געהערט זיין קול און נישט דערהערט:

„איך שטיי פאַרשטיינט און מוז דיך זען —
וואָס טוסטו, מאַריע מאַגדאַלען?״

דאָס יעזוס־שיינדל פון דער הייך
קומט אַנגעפלאַטערט דין און בלייך,

און לייגט זיך אויפן מיידלס קאָפּ,
אַרום איר ווינט־צעקעמטן צאָפּ.

און יעזוס קומט אַראָפּ אַליין
פון זיין געהייך פון טויטן שטיין,

און שושקעט איר: געמוטשעט קינד,
דו ביסט דאָך קרבן־ריין פון זינד.

ער פירט זי אַ פאַרציטערטער —
און ווישט איר פון דער באַק אַ טרער.

דער גאַס־לאַמטערן היפּעט מיט,
און הינט אין נעפּל ביידנס טריט...

צון אַ כלה

אוי, כלהניו, אוי, כלהניו,
ביי דיר איז היינט אַ פרייד.
ווי אַ בת־מלכה זעסטו אויס
אין ווייסן חופה-קלייד.

די פלעשער און די קעלישקעס —
זיי פינקלען רויט מיט וויין,
נאָר פון דיין פנים לייכט־אַראָפּ
אַ מלאכדיקע שיין.

דער טיש איז פול מיט האָניקוואָרג,
מיט מאַנדלען און מיט מאָן,
און דיין באַשערטער זיצט מיט דיר
העט־אויבן, אויבן־אָן.

די מחותנים — אין געטאַנץ,
ווער הערט די קלעזמער, ווער?
און איינס אין צווייטן קייטלען זיך
די האָפּקע מיט דער שער.

די פלעשער ליידיקן זיך אויס.
דער וויין ליגט אין די פיס.
דער בדחן האָט שוין אָפּגעזאָגט,
אי וואויל, אי שיין, אי זיס.

ווייל גראַמען מאַכט ער גילדענע
און רופט־אַרויס געוויין,
און רירט מיט זיין מאָראַליש קול
אַ קרעמען און אַ שטיין.

שוין אָפּגעזאָגט און אָפּגעטאַנצט,
מע הויבט זיך אָן צעגיין.
די קלעזמער שפּילן שלעפּעריק
און ווי פאַר זיך אַליין.

פאַרוואָס׳זשע ביסטו, כלהניו,
אַזוי פאַרטראַכט, פאַרקלעמט —
און זיצסט גאָר אויף דיין חתונה
ווי ערגעץ אין דער פרעמד?

פאַרוואָס׳זשע, זאָג, איז איינגעהילט
אין אומעטקייט דיין חן?
פאַרוואָס וואָלסטו געכליפּעט איצט,
ווען דו וואָלסט זיין אַליין?...

אין פּאַרק

א.

אין פּאַרק, אויף אַ באַנק, צוויי אירע.
פאַרטראַכטע צוויי. זשע ט׳אַדאָר.
זי גלעט אים די בלייכע באַקן,
און ער — אירע פּאַטלעס האָר.

ער טרינקט איר וואַרעמע דלאָניע
און איטלעכן פינגער־גליד.
דער אָוונט שטילט אין די ביימער,
די שקיעה שווייגט־אויס איר ליד.

אַ פליגל־געפּלאָטער נידערט —
אַ טויבן־פּאָר, ווייס ווי שניי,
פאַרשלייפט אַ ליכטיקע לענטע
אַרום די פאַרטראַכטע צוויי.

דער נאָענטער אַקאַציע־בוים פּלאָטערט
און חלשט נאָך רעגן־געזאַנג.
דאָס טויבן־פּאָר טוליעט זיך איידל
אין וואַרעמען זאַמד פאַר דער באַנק.

אַ רגע — און זיי פאַרפליען,
און קומען נישט מער צוריק —
סע קלימפּערט נאָר אין דער לופטן
מיט גלעקעלעך צוגעזאָגט גליק...

ב.

די לבנה — אַ דין־דינע לאָדקע —
בלאַנקעט־אום אין דער מיט פון אַ ים.
זי האָט אַנגעוואוירן די וועסלעס
ערגעץ טיף אין שקיעה־פלאַם.

אויף אַ באַנק אין פּאַרק צוויי פאַרטראַכטע —
זיי פאַרהייבן צו איר די קעפּ.
די נאַכט האָט זיי פאַרשלייערט
אין אַ דינעם, שאַרכיקן קרעפּ.

זיי פליען־אַרויף געהאַלדזטע —
און די לאָדקע נעמט זיי מיט
אין לאַנד פון אַלע פאַרטראַכטע,
אין בלויען ערגעץ־ניט...

אַ מיידל

גייט זיך אַ מיידל ביים וואַסער אין גראָז,
גיט אויף איר אידל אַ ווינטל אַ בלאָז.
טראַכט דאָס מיידל: ווינטעלע וואויל,
ברענג מיר צו פירן מיין ליבסטנס מויל.

קומט איר אַקעגן אַ בלום אין גיין,
טראַכט דאָס מיידל: אַ בלום איז נאָר שיין,
ווען דער ליבסטער קלאַפּט־אָן ביי מיר אין טיר,
פאַרנייגט זיך טיף און דערלאַנגט זי מיר.

שאָטנט אַ בוים ביים וועג, אין דער זייט,
טראַכט דאָס מיידל: ווען קומט פון ווייט
מיין ליבסטער און נעמט מיך מיט זיך אַוועק
צום אומבאַקאַנטן געגאַרטן ברעג?

דאָס מיידל גייט. דער טרוים גייט־מיט
און לייגט זיך ווייך צו אירע טריט
און רוט ווי אַ קרוין אויף אירע האָר
און היט די פאַרטראַכטע יונגע יאָר.

די ווייטע בריק

איך האָב איר איין־מאָל ייִנגלוויַיז
אַ קוש געטאָן אין שטערן.
ס׳דערמאָנט זיך מיר: אַ וועג ביים וואַלד
און ווייט — די דעמער־וויג — — —
אַ שטילער קוואַל האָט ווייטיקלעך
געגומען אין מיר יערן —
נאָר מיר דערמאָנט זיך אויך אַ טייך,
אַ טייך — און אויך אַ בריק...

איך האָב איר נאָר אַ קוש געטאָן,
ווי ס׳קושן זיך נאָר קינדער —
אַן אומעט האָט מיך איינגעהילט,
אַ ריינער, ווי קרישטאָל.
די טראַכטעניִשן קייטלען זיך,
די ווייטעניִשן שווינדן —
איך זע ווי דורך אַ חלום־שויב
נאָך איצט דעם טייך, דעם טאָל...

די בריק האָט זיך אַ דריי געטאָן
און האָט מיך איינגעקלאָמערט —
און מיך פאַרוואָרפן העט־העט־העט
אַריבער האַלבער וועלט.
דער אומעט האָט מיר נאָכגעיאָגט
דורך אַלע שבעה ימים,
און נעפּלט זיך ווי בענקעניש
אַרום מיין שטיל געצעלט.

איך האָב זי מער שוין נישט געזען,
ווי בלויז נאָר אין דער תפילה —
ווען כ׳האָב די אויגן צוגעמאַכט
און זיך צו גאָט געקערט — — —
נאָר כ׳זע נאָך איצטער יענע בריק,
די דעמער־וויג אַפילו,
און יענער שטילער אומעט־קוואַל —
ער שפּילט נאָך און ער יערט...

די פלאַגן קלעמען מיר די זעל
מיט זשאַווערדיקע קלעמען,
דער טרויער עסט מיר אויס דאָס האַרץ
ביז צו דער סאַמע מיט.
נאָר איך וועל יענע ווייטע בריק
מיט זיך אין קבר נעמען,
און יענעם יינגלערישן קוש,
וואָס שפּילט מיר אין געמיט...

איך פאַרשעלט מיר מיינע יאָרן

ערגעץ אין אַ ליכטיק געסל,
אין דער שטילסטער שטוב פון אַלע,
און מיט שוואַלבן אין דער סטריכע —
דאָרטן וואַרט אויף מיר מיין כלה.

ליכטיק איז אַרום דעם שטיבל,
שטילע לאַנקע־ווינטלעך ווייען —
דאָרטן, ווייס איך, וועט מיין כלה
מיר א טלית־זעקל נייען.

אָט־אָ זיצט זי אויף דער פּריזבע,
אין דער האַנט — אַ פאַדעם זיידנס, —
פלוצעם דאַכט איר, אַז אַ פויגל
קומט צו פליען פון דער ווייטנס.

וואָסער פויגל — זעט זי נאָך נישט.
נאָר איר דאַכט זיך, ס׳איז אַ שפּערל.
און אין פּיסקל טראָגט ער עפּעס —
דאַכט זיך, אַז אַ שנירל פּערל.

יאָ, ס׳איז פּערל, כלה מיינע,
און דער פויגל איז מיין בענקשאַפט,
און זי רייסט זיך פון די ווייטן,
פון דער פרעמד און פון דער ענגשאַפט.

אייביק ווייגט אין מיר דאָס האַרץ מיינס,
און כ׳פאַרשעלט מיר מיינע יאָרן —
וואָס האָב איך געדאַרפט, אַז וויי מיר,
פון דער היים אַוועקצופאָרן?

די באַלאַדע פון דער שרעק אין וואַלד

איך האָב מיך פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל אין אַ וואַלד,
צעווישןביימער — ריזן.
פאַרנאַכט — אין די צווייגן האָבן געשטעקט
די לעצטע שטראַלן־שפּיזן.

כ׳האָב זיך איינגעגנורעט צו פוסנס אַ דעמב,
אויף וואַלדיקע פּליושן — מאָכן.
די שרעק איז פּאַמעלעך פון הינטער אַ בוים
צו מיר אַרויסגעקראָכן.

זי האָט געהאַט צעלאָזענע האָר
און געווען מיט פּערל באַהאָנגען.
אין איר אויג האָט געשפּילט דאָס הייסע בלוט
פון דער זון, וואָס איז אויסגעגאַנגען.

געוואַלד, מע ווייסט נישט וואו איך בין —
כ׳האָב זיך נישט געזעגנט מיט קיינעם.
די שרעק האָט געצויגן אַ מעסער צו מיר —
כ׳האָב אַזש נישט באַוויזן צו וויינען.

כ׳האָב נאָר געשטאַמלט: ווײ איז מיר —
פאַר װעלכער זינדיקער סיבה?
און די שיינע וועלט, וואָס כ׳האָב אַזוי ליב —
אויף וועמען לאָז איך זי איבער?

נאָר די שרעק, די ציגיינערטע, שאַרט זיך צו מיר
מיטן מעסער, וואָס זי האָט געצויגן —
און גיט דערמיט אַ בליאַסק און אַ בלענד
פאַר מיינע פאַרגליווערטע אויגן.

און איידער איך האָב נאָך אַ טראַכט געטאָן
פונעם סוף, וואָס כ׳על באַלד דאָ האָבן —
האָט זי מיר דערלאַנגט מיטן מעסער אין האַרץ,
און מיך באַלד טאַקע דאָרט באַגראָבן.

כ׳בין דערנאָך ווי־ניט־איז אַרויס פונעם גרוב,
נאָר איך קען נאָך נישט קומען צום זינען.
איך גיי נאָך אַרום מיטן מעסער אין האַרץ
און איך קען מיר קיין רו נישט געפינען...

חידושט זיך נישט

חידושט זיך נישט, וואָס איך בין
אַזוי שיין געוואָרן.
די מאַמע זאָגט, אַ חתן קומט,
אויב נישט היינט, איז מאָרגן.

די מאַמע זאָגט, אַז פון קאַנדרען,
וואָס אַרט עס מיך פונוואַנען?
אַלע מיינע חברטעס
זענען מיך מקנא.

די זון איז היינט אַן אַנדערע
און אַנדערע די וועגן...
כ׳וואָלט געפרעגט די מאַמעשע —
שעם איך מיך צו פרעגן.

כ׳האָב אָנגעטאָן אַ ליכטיק קלייד,
אַ שנירל רויטע קרעלן —
עפּעס זאָגט מיר שוין דאָס האַרץ,
אַז כ׳על אים געפעלן...

איך וואָלט געוואָלט באַהאַלטן זיך
אונטער צווייגן גרינע —
דאָרטן זאָל מיין חתן מיך
צום ערשטן מאָל געפינען.

אָדער אין אַ קאָרנפעלד
צווישן פלויט און זאַנגען —
דאָרטן זאָלן מיר די הענט
ביידע זיך דערלאַנגען.

און געטראַכט וואָלט איך ביי זיך
איינע צוויי־דריי ווערטער:
אוי, ווי כ׳האָב געבענקט נאָך דיר,
חתן, מיין באַשערטער.

און וואָס נאָך וואָלט איך געטראַכט? —
גוט איז דיך פאַרמאָגן.
אָבער זאָגן מיטן מויל —
שעם איך מיך צו זאָגן.

אין פאָלקס-טאָן

א.

דער הימל איז אויסגעשטערנט.
אַ ווינטל גיט קוים זיך אַ ריר.
אין האַרץ נאָר האַלט אין איין יערן
די בענקעניש נאָך דיר.

דעם שטערן מקנא ווי בין איך.
ווי בין איך מקנא דעם ווינט.
דער שטערן קען איצט דיך געפינען,
דער ווינט קען דיך קושן אַצינד.

ווער האָט דאָס אַזוי מיך פאַרשאָלטן?
ווי קומט עס צו מיר אַזאַ פיינט?
נאָך איין מאָל דיך קושן און האַלדזן —
און אויסגיין, אַפילו נאָך היינט. . .

ב.

איך גיי מיט אַ מיידל,
דאָס האַרץ אין מיר קוועלט.
כ׳האָב היינט אין פיאַטע
די גאַנצענע וועלט.

די לופט איז געווירציק
און זיס אויף דער צונג.
דאָס ווינטל — אַ ליכטיקער
גלעקל-געקלונג.

דער דרויסן איז גוט
ווי דאָס היימישסטע הויז.
אוי, גיב מיר דאָס פיסקעניו —
כ׳האַלט עס נישט אויס.

פאַרשעמטע טעכטער

1

אין די שענסטע רגעס ליבשאַפֿט
לעב איך איבער אַלע צערן
פון מיין פאָלקס פאַרשעמטע טעכטער,
וואָס באַגערן און וואָס גאַרן
נאָך באַרירונג, נאָך באַהעפטונג.

אין די פולע גלידער־גארבן
ליגט די מוטערשאַפט פאַרזיגלט
און זי וויל געבוירן ווערן.
גוטע יאָכן זאָלן ליגן
ווי אַ צירונג אויפן שטערן...

ערדן גליווערן נאָך רעגן,
נאָך אַן אַקער, זערנעס זריעה.
עמעצער זאָל זיך געצעלטן
און אין שטילע מאָרגן־פריען
במחשבה בויען וועלטן...

עפל הענגען אויף די צווייגן,
נישט דער ווינט זאָל פון זיי לאַכן;
קומען זאָלן הענט צוויי גוטע,
איבער זיי אַ ברכה מאַכן:
זיי אַ ווייב און זיי אַ מוטער.

קיינער רוט נישט אינעם שאָטן
פון די זומערדיקע גערטנער.
טרויבן ווילן האָניק ריבען.
עמעץ כליפּעט נישט־געהערט דאָרט,
און סע טרויערט דאָרט די שכינה...

2

כ׳וואָלט אייך וועלן זען מיט ליבע אַרומגענומען
ווי מיט כישוף־רינגען.
כ׳וואָלט אייך וועלן הערן
וויגן־לידער זינגען.

כ׳וואָלט אייך וועלן זען
ביי וויגן שטיין געבויגן.
כ׳הער אַרויס פאַרקלעמט געוויין
פון אייערע פאַרשעמטע אויגן.

כ׳וויל, ס׳זאָל אייך באַשערט זיין
צער פון טראָגן,
וויקעלעך וואָלט איך אייך וועלן זען צעהענגען
פרי אין די בייטאָגן.

און איר פרעסט מיט הענט מיט זאָרג־געזאַלבטע,
שפעט אין אָוונט קליידלעך פאַר די קינדער.
און איר הויערט, ווי אין טאָלן־מולטערס
טראָגעדיקע רינדער...

דורות וויל איך זען אין אייך זיך נעסטן.
אין דער וויג, פון אייערע אָרעמס זאָלן פרוכטן דרימלען,
און אין אייערע אויגן
זאָלן שפיגלען זיך די הימלען...

אַן אויסגעבויטע שטוב

אַן אויסגעבויטע שטוב,
פאַרמאַכט אויף טיר און טויער —
און קיינער וואוינט נישט דאָרט,
נאָר פלעדערמייז פון טרויער.

נישטאָ קיין לאָמפּ ביים בעט,
אין אויוון נישט קיין פייער,
און אויף די הוילע ווענט
איז אַ געוויין פאַרטאַיעט.

אַן אויסגעבויטע שטוב,
מיט פענצטער און מיט טירן,
און קיינער וואוינט נישט דאָרט —
דאָס קען ביז טרערן רירן.

פאַרטאָג-באַלאַדע

דער גאַס-לאַמטערן דומעט שוין,
אַ מידקייט ליגט אים אויף דער קרוין.
און עמעץ וואַרפט אים פלאַכטעס שניי
אין פנים גלייך — אַז ס'טוט אַזש וויי.
ער ציטערט און ער כליפעט שווער,
די בלייכע באַקן פול געטרער.

קומט אָן אַ פּאָר, ווי אויפן וואונק —
אַ מיידל און אַ וואוילער-יונג.
זי — פלאַטערט אין איר דינעם קלייד,
און ער — איז שיכורלעך דערפרייט.
זיי נעמען שוועבן אין געדריי
אַרום דעם לאָמפּ אין ווירבל שניי,
און נאָר דער גאַסן-לאָמפּ אַליין
פאַרנעמט דאָ זייער שטום געוויין.

זיי האַלטן זיך די הייסע הענט,
די פּנימער צום ליכט געווענדט.
אים מאָלט זיך אויס אַן עפּל-בוים,
מיט צווייטן אינעם בלעטער-שוים.
און איר געשעפּטשע: היים — בעט — קינד
כאַפּט-אויף און טראָגט-אַוועק דער ווינט...

און ווי זיי נעמען זיך אַרום
און ווינען תפילהדיק און שטום —
פליט אָן אין ווירבלדיקן שניי
פון אין דער קרום אַ האָן-געקריי,
און דער לאַמטערן בייגט זיך איין
און שפּרייט אויף זיי זיין לעצטע שיין...

זאָל קומען פאַר גאָט דער צער

זאָל קומען פאַר גאָט דער צער
פון אַן עלנט מיידליש לייב,
וואָס אַ מאַן האָט נאָך קיין מאָל באַרירט,
צו פאַרבינדן מיט זיך אין אַ רינג,
וואָס פלאַטערט-אַרום די וועלט.

זאָל קומען פֿאַר גאָט דער צער
פֿון אַן עלנט מיידליש לייב,
וואָס סע פּאַלט אויף אים נאָר דאָס אַש
פֿון דער געטלעכער גלוסטעניש,
וואָס באַלעבט דעם שטערן־גאַנג.

זאָל קומען פֿאַר גאָט דער צער
פֿון אַן עלנט מיידליש לייב,
וואָס איז נאָר ווי אַ גרודע ערד,
וואָס דער אַקער גרייכט זי נישט,
און דער רעגן מיידט זי אויס.

זאָל זי ברענגען פֿאַר גאָט דעם צער
פֿון איר עלנט מיידליש לייב —
און אים וואַרפֿן פֿאַר אים אין שטויב:
האָסט געדאַרפֿט מיך באַשאַפֿן אַ שטיין
פֿאַר די הפֿקרע ווינטן אין פֿעלד...

אַ מיידל מיט אַ הויקער

כ'האָב אָנגעגעגנט היינט אַ מיידל מיט אַ הויקער.
זי האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרקלעמט — און נישט געוואָרן.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם בליק.
די ליפּ איז מיר געוואָרן שטאַר.
כ'האָב נישט געקענט קיין תּפֿילה פּלאַפּלען.

כ'בין אויך געבליבן שטיין פֿאַרהויקערט — — —
די באַק, די פּלאַמיקע — צום הימל בלויקייט.
כ'האָב נישט געוואוסט, אין וועמעס לאָדנס וואַרפֿן לעסטערישע שטיינער.

פֿאַרוואָס באַשאַפֿסטו נישט, באַשעפֿער, אַלע פֿרויען שיינע?

איך האָב דעם מיידל נאָכגעטראַכט:
וואָס טויג עס איר די טראַכט,
אַז זי וועט נישט געבוירן?
וואָס טויגן איר די בריסט,
זי וועט אַ קינד דען זייגן?
וואָס טויג עס איר אַ האַרץ, אַ מאַן צו גלוסטן?

דער הימל איבער מיר האָט אָנגעהויבן פֿוסטן.

די וואונד

איך פוץ מיך נישט אין ווערטערדיקע סטענגעס,
אַט־ווי די דינסט אין איר האַלב־נאַקעט קלייד.
סע טרעפט אַמאָל, איך בלייב אַ שטאַרער הענגען
ווי אין אַ פּעטליע פּלאַפּלדיקע רייד.

וואָס טוט אַ דינסט? די רונדע גלידער צירט זי —
(אין בוזעם זינגט דאָרט עפּעס ,זינגט און וויינט —)
אַז אויגן זאָלן וואַרעם זי באַרירן,
און זאָגן: קום, איך וויל דיך, דו ביסט שיין.

זי טוט אַריין אַ שמייכל אין די אויגן ,
און הילט מיט עפּל־ריחות זיך אַרום —
און ווי מיט פליגל וואָלט זי צוגעפלויגן
צו יעדערן, וואָס זאָל זי בעטן: קום.

נאָר זי איז הייליקער פון אַ מאַדאָנע,
און דאַרף קיין צלמל נישט אויפן האַרץ
און נישט קיין שטראַלן־קרענצל אַרום פּנים —
ווייל געטלעך איז דער פונק, וואוהין זי גאַרט.

צו וואָס זיך שעמען מיט די שיינע גלידער,
און מיט דער בענקעניש, וואָס שפּילט אין לייב?
נישטאָ קיין שענער ליד פון אַלע לידער,
ווי דער באַגער, וואָס צווישן מאַן און ווייב.

און איך — איך דאַרף די ברייטע ווערטער־לענטעס,
אַרומצובינדן מיר די רויע וואונד,
וואָס עסט מיך און וואָס האַלט מיך ביים פאַרלענדן,
און וואָס דער זינען רירט זיך מיר דערפון.

איך וויל די וואונד נישט טראָגן ווי אַ צירונג.
איך טראָג זי און באַהאַלט אין הורבעס רייד.
זי שרייט־אַרויס דורך מיינע אויגן־טירלעך
און פליקט פון זיך אַראָפּ דאָס פּראַזן־קלייד.

וואָס העלפן מיר דער ריטעם מיט די גראַמען?
זיי זענען שאָלעכצדיק און דין און הויל.
צי קענען זיי אין מיר דעם ווייטיק צאַמען,
וואָס שפּאַרט זיך מיט געפּלאַפּל דורך מיין מויל?

דער קוש, דער הייסער, פון דער מוזעס ליפּן
איז אַ פֿאַרגייאיקייט, אַן אויסגעדאַכץ,
די רויע וואונד אין מיר וועט אייביק כליפּען,
ביז זי צעלעכערט מיר דאָס קראַנקע האַרץ.

נישטאָ קיין טאָטער, וואָס ער זאָל זי היילן.
זי עסט מיר ווי אַ וואָרעם מיינע טעג.
איך וועל עס סיידנס נאָר דעם טויט דערציילן,
ביים אויסלאָז פון מיין צוגעטיילטן וועג.

פון אַ בוים דערטראָגט זיך

פון אַ בוים דערטראָגט זיך
שטילבלעך אַ ציף־ציף.
דאָס געפּליעסק אין טייכל
נידערט אין דער טיף.

און דעם ווינטלס זשורזשען
אינעם בוים־געצווייג
ווערט אַנטשטילט, אַנטדרימלט
אין אַ גרויס געשווייג.

איינער נאָר, מיין אומעט,
שטילט זיך גאָר־נישט איין,
שפּילט מיר אין די גלידער
ווי אַן אַלטער ווייִן.

ווייִן איז זיסע היילונג
צו מיין קראַנק געמיט.
נישט אַזוי דער אומעט —
ער פֿאַרסמט מיין ליד.

מערשוים־פידלען בענקען
דורך אַ ווייטער זיפֿ,
ציליען־דורך מיט טרויער
האַנט און לייב און ליפּ...

אַ באַנאַל ליד

נאָר גאָט אַליין האָט אויסגעמײנסטרעוועט דײן גוף:
— „אַ דוגמא פון אַ װײב — אַ מאַמע װיל איך קנעטן.״
נישט רוף מיך מיט דײן שײנעם קלײדערװאַרג, נישט רוף —
איך װעל צו דיר אָן זינדיקע מחשבות בעטן.

איך זע דאָך גאָט אין דיר, אין מענטשלעכער געשטאַלט.
איך שפּיגל זיך אין דיר, װי ער האָט זיך געשפּיגלט.
אַ תּפילה זכה נעמט זיך אין מיר װעקן באַלד
און פלאַטערן אויף שטילע, אויסגעשפּרײטע פליגל.

אַ שטומער גײער בלײב איך אין דײן עיגול שטײן,
זיך אָפּצורוען אין דײן שאָטן און צו גאַפן:
די תּפילה, װאָס דו רופסט אַרויס אין מיר, איז רײן —
װי שײן ס׳האָט דיך דער בורא אין זײן גענאָד באַשאַפן.

איבער אונדז

איבער אונדז — די שטערן־פּראַכט
פון אַ מיטן־זומער־נאַכט, —
װי אַ װאונדער־חופּה־קלײד
איבער אונדז געשפּרײט.

באַק צו באַק און שלײף צו שלײף,
און אַרום — אַ הײסע רײף.
אויג אין אויג, און דיך צו דיך,
װײטן טוליען זיך.

װערט פאַרחלומט און פאַרקלערט
אַלץ װאָס אויף דער שטילער ערד,
װערט אַ טײל פון אונדזער טרוים
אויך בײם פלויט דער בוים.

אויך דער שטערן אין דער הויך,
און בײם װעג דער ברונעם — אויך,
און אין בלוט — אַ זיסע קלאַג...
האַרץ, װאָס איז דיר? זאָג...

פינצטער-ליכט

אַ שטערן איז פֿאַרבייגעפֿלויגן
פֿאַר אונדזערע פֿאַרטראַכטע אויגן.

אַ דימענט האָט געטאָן אַ שײַן
און איז וואו אין דער נאַכט אַרײַן —

ווײַל עמעץ האָט אים אויסגעבלאָזן
און ווידער ביידן אונדז געלאָזן
אין פֿינצטער־ליכט פֿון די פֿאַרליבטע
מיט ווערטער קוים־אַרויסגעליפּטע.

מײַנע שטילסטע לידער

עפּעס האָט זיך מיר געחלומט — — — —
איך דערמאָן עס נאָר ברמיזא:
כ׳האָב פֿאַרכאַפּט דרײַ ווײַטע לענדער —
אָן כּלי־זיין, נאָר דרײַ שפּיזן.

ווי די לענדער הייסן? מילא,
בעסער זיי נישט אויסצומאָלן.
איינס נאָר ווייס איך: וואונדער־לענדער,
וואונדער־בערג און וואונדער־טאָלן.

איך האָב שטיל זיי איינגענומען,
נאָר מיט פֿייער אין די גלידער.
אויף די בערג און אין די טאָלן
בליען מײַנע שטילסטע לידער...

ווינדעלעך

ווינטעלעך פֿון מיזרח, מערב, דרום און פֿון צפֿון —
גיט אַ קוק די ווינדעלעך מײַן ייִנגעלעס, וואָס שלאָפֿט איצט.

קום־אַרויס פֿון חומשל אַ שטילער, רוח־קדים,
בלאָז אויף מײַנע ווינדעלעך און טריקן יעדן פֿאָדעם.

און דו, מערב־ווינטעלע, קיין רעגן זאָל נישט קאַפּען —
זאָל די ווינדעלעך מיין קינדס קיין שטויבעלע נישט כאַפּן.

ברענג נישט מער קיין וואָלקענעס, דו צפון־ווינט, קיין שלאַקסן.
אונדזערענע עופעלעך — זיי דאַרפן, מוזן וואַקסן.

קום נישט מיט קיין מאַטערדיקע היצן, ווינט פון דרום —
וויי, פון אונדזער גאָרטן קינדער איז אַ תל געוואָרן.

ווילדע חיות האָבן אונדזער שטאַם געשניטן און געשונדן.
אונדזערענע קינדערלעך — זיי היילן אונדז די וואונדן...

מיין יינגעלע

לעבן פענצטער, שפּעט פאַר נאַכט,
ליגט מיין יינגעלע און טראַכט.

רונד־אַרום איז שטיל און קיל —
רוט זיך אָפּ זיין פּיסקל־מיל.
ליגט מיין יינגעלע און טראַכט
און דאָס הערצל פרייט זיך, לאַכט.

די לבנה, שיין און פיין,
קוקט־אַראָפּ אין שטוב אַריין,
קוקט־אַראָפּ און שפּרייט און שפּרייט
ווייסע ציכלעך וואו זי גייט.

רונד־אַרום פאַלט צו די נאַכט
און דאָס קינד אין בלוי פאַרמאַכט,
און דאָס קינד אין בלוי פאַרהילט
און מיט חלום אים פאַרשפּילט.

ווינטלעך ווינטלען זיך פאַרביי,
פּעכערן מיט אָוונט־שפּריי —
און מיין יינגעלע, מיין שיין,
חלומט, חלומט, חלומט־איין...

ווער האָט מיין ווייטיק אויסגעטראַכט?

(דער דיכטערין רחל קאָרן — אַ מתנה)

דערלאַנג מיר גלעזלעך בראַנפן צוויי
און עפּעס צו פאַרבייסן.
אין דרויסן פאַלט אַ ווייסער שניי
און הילט די וועלט אין ווייסן.

וואָס קומט אַרויס, דער שניי איז שיין
און קומט דאָס אויג דערקוויקן —
ביי מיר אין האַרץ דער ווייטיק־שטיין
פאַרנעפּלט מיר די בליקן.

דער שניי ווערט בלוי אַקעגן נאַכט
און פאַלט ווי פון די שטערן —
ווער האָט מיין ווייטיק אויסגעטראַכט
און מיינע טרערן?...

זומער־פאַרטאָג אין וואַלד

אַ ווינטל גיט אַ שויבער —
אַ קיצל אין פּאַכווע דעם וואַלד.
דיביימער דערפילן אין דרימל,
אַז דער וואַלד־האָן קרייעט באַלד.

סע נעמט נישט קיין האַלבע רגע —
דערהערט זיך אַ פליגל־געפּאָך,
אַ געפּאָך־און־געקריי, וואָס מע הערט אים
פון בוים־שפּיץ ביז צום מאָך.

אַ רעגנדל נעמט טריפן,
ווי דינע רעגן־שניר.
זיי פּאַטשן די בלעטער די בייכלעך:
„שטייט־אויף, איר פּעפּערלעך, איר".

די בלעטער צאַפּלען פון וואוילטאָג,
ווי פישעלעך אין אַ טייך.
די פייגל רופן זיך איבער:
גוט־מאָרגן — גוט־יאָר צו אייך!

אין אַ קינדס אַלבום

אין שטוב פּליט־אום אַ גאָלדענע פליג.
געווען אין פינטשעוו, שוין דאָ צוריק.
נאָר טאָמער מע פרעגט זי: „וואָס הערט זיך דאָרט?"
ווערט זי אַנטשוויגן און רעדט נישט קיין וואָרט.
פון טרויערן ווערן די אויגן איר טריב —
און קינדער האָבן דעם טרויער נישט ליב.

„וואָס הערט זיך דאָרט — אין פינטשעוו טאָגט?"
זי ענטפערט נישט און בלייבט פאַרזאָגט.
„ענטפער, קרוינעלע, גאָלדענע פליג,
וואָס ברענגסטו פון פינטשעוו גוטס צוריק?"

זיי כאַפּן די פליג און זיי טוען זי אָן
אין סאַמע זייד, אין דער האַנט — אַ שפּאָן,
שיכעלעך רויטע, אַ היטעלע — ווייס,
און — האַידאַ, קיין פינטשעוו, נאָך גוטער נייס.

דער שרייבער

כ'האָב געוואָלט אין שטוב פאַרבלייבן,
כ'האָב געוואָלט אַ בריוול שרייבן,
איז מיר אויסגעגאַן די טינט,
ליגט דאָס בריוועלע ווי בלינד.

ליגט דאָס בריוועלע און יאָמערט:
לאָמיך פליען, פליען לאָמיך —
מע זאָל אין אַ וויַיטן אָרט
שטיל מיך לייענען וואָרט ביי וואָרט.

כ'האָב געוואָלט אַ בריוול טינטלען,
האָט די פען גענומען פינטלען
און אַ פוס זיך אויסגעלינקט.
וואָס־זשע טויג אַ פען, וואָס הינקט?

װעל איך װאַרטן ביזקל װינטער.
דעמאָלט — װאָס מיר פּען, װער טינטער?
דעמאָלט װײס איך אױפן אײז
װי מע שרײבט עס שורותװײז.

גוט אױך בריװלעך צו פֿאַרזײען
אױף אַ װײכן בױגן שנײען;
גוט אױך זומער אינעם זאַמד,
װאָס דער װינט האָט צוגעראַמט.

שרײבן ליגט מיר אין די בײנער.
שושקעט זיך נישט, לאַכט נישט קײנער.
כ׳װאַקס אַ שרײבער, און אַזאַ —
אַז די װעלט װעט זאָגן: אור־װאַ!!

געשטאָרבן מײן גאָלדן פֿישל

געשטאָרבן מײן גאָלדן פֿישל,
אין גלעזערנעם, רונדיקן טײך.
אַז דאָס פֿישל איז נישט מיט אַלעמען,
האָב איך נעכטן דערקענט שױן גלײך.

ס׳האָט אַ גאַנצן טאָג נישט גערודערט,
נישט געלעקט די גלעזערנע װאַנט,
נאָר געלעגן בײם דנאָ און געדומעט,
מיטן קעפּל אױף דער האַנט.

קעגן נאַכט איז אים ערגער געװאָרן,
די היץ איז אַרױף גאָר הױך.
און פּלוצעם — אױ, סע ליגט שױן
אַ געביטנס, אַרױף מיטן בױך.

איך װיל נישט מער קײן פֿישלעך!
אַ פֿישל דאַרף זײן אין אַ טײך,
אינאײנעם מיט טאַטע־מאַמע,
מיט אַלע פֿיש צוגלײך.

אַ הירש

איך ווייס נישט וואָס מע קויפט זיך, וואָס,
פאַרן סענט, וואָס כ׳האָב באַקומען:
אַ העלפאַנט, וואָס האָט ווי אַ דראָנג אַ נאָז,
און ער קען מיט איר פייפן און ברומען?

אַ העלפאַנטס פיס זענען גרויס און גראָב,
און ס׳איז אים שווער צו לויפן.
שוין בעסער אַ הירש מיט אַ שיינעם קאָפּ
און מיט גרינגע פיס זיך קויפן.

אַ הירש קען מיך נעמען וואוהין איך באַגער,
און ער פליט ווי אַ פייל אויסן בויגן.
ער רירט קוים אָן מיט די פיס די ערד
און איז ווייט פאַרקוקט מיט די אויגן...

און איך זיץ אויף אים, און אים געפעלט,
און איך האַלט זיינע הערנער ווי לייצן —
און ער ווייזט מיר די העכסטע בערג פון דער וועלט
און די ווילדסטע טייכן־פלייצן.

און פאַרנאַכט, אַז ער מאַטערט זיך אייך, זאָג איך: „שטיי!
פלי אַהיים, ווייל די מאַמע וועט מיינען,
אַז מיר בלאָנדזשען ערגעץ אין וועלדער מיט שניי,
און זי קען נאָך באַלד אָנהייבן וויינען...״

דרייט־אויס דער הירש דעם קאָפּ צו מיר —
ער פאַרשטייט מיין וואונק מסתמא,
און איידער איך צייל: איינס, צוויי, דריי, פיר —
בין איך ווידער ביי דער מאַמען...

שטאָט...

שטאָט

(איך פריי מיך דאָ ווי מיט אַ פרעמדער פרייד.
איך קוק מיך צו ווי פון אַ זייט,
ווי אַ געקומענער פון ווייט —
וואָס איז שוין ווידער וואָגלען גרייט.)

איך ווייס, ביסט פול מיט איידלעם רויב,
מיט שיינער פּוסטקייט ביסטו אָנגעבלאָזן, ווי פּאַכירן, —
נאָר כ'האָב ליב צו קוקן און צו גאַפּען,
ווי דו האַלטסט דיך אין איין דראַפּען
און דו שטעלסט אַריין אין פּוסטע רוימען פענצטער, טירן.

בבל,
דיינע שטיינערנע קאָלאָסן־טורעמס —
וועלכע הייכן
ווילן זיי דערגרייכן?

איינגעשנורעוועט איז דיר דאָס לייב
אין אַ קאָרסעט פון שטיין, אַספאַלט, צעמענט.
מע פּויזעט־אום אויף דיינע פיס און הענט
ווי ווערימלעך, ווי זשוקעלעך.
מע פּאָרקעט זיך, מע פלאָנטערט און מע קניפּט
די דראָטן־נערוון אין דיין לעקטרישן געהירן —
אַלץ זאָל ציטערן, וויברירן.
מע פאַרריכט
און שייערט דיר די אויגן אויס,
די לאָמפּן ליכט.

(אין בייכיקע וואַגאָנען־טונעל
פינצטערט אייליק־פּעט דיין בלוט,
אויף אָנצוטרינקען דיינע מאָנסטערדיקע גרילצנדיקע שפינען —
די מאַשינען.)

קיילעכיקע, מאַשינאַווע באַרשטן
שאָבן דיר אַראָפּ פון לייב די פרישטשעס ברוד.
מע שקראָבעט דיך, מע וואַשט דיך
מאַמעדיק
מיט שלויכן וואַסער־שפּריץ.
מע כאַפּט און מע פאַרקיטעוועט מיט הייסע פעכן
וואו אַ לעכל,
וואו אַ שפּאַרעלע אין דיין אַספאַלט נאַר,
וואו אַ שפּאַלט נאַר,
וואו נאַר אין דיין הויט אַ קריץ.

די מינדסטע וואונדן היילט מען דיר מיט סמאָלע־שמירעכץ,
וואָס מע ליאַפּעט־אָן פון קעסלען,
אויסגעליגענע פון גיהנום,
פון מכשפה־קיכן.
דיינע ביימער לויזט מען דיר,
מע צוואָגט זיי און מע שמירט זיי —
אַז קיין קריכוואַרג זאָל אויף זיי נישט קריכן,
זיך נישט ראָיען,
און — זיי זאָלן אויסזען יינגער,
צופּט מען ביי זיי אָפּ מיט שערן־פינגער
וואו אַ צווייגל, אַ פאַרדאַרטס — אַ האָר, אַ גרויע...

רעלסן־אָדערן קרעמפּעווען דיר אין דעם בויך
מיט שטייגן־צוואַנגען —
און מיט דראָטן, דראָטן, דראָטן
איז די מראה דיר פאַרשלייערט און פאַרהאַנגען.

טראַקן, באַנען און טראַמווייען
יאָגן זיך אויף דיר און טראַסקענען פאַרביי,
ווי צון אַ ווילדן ריטואַל־געפעכט.
זיי רעדערן די טעג מיט בלעכן ריטשעריי
און שטעכן־דורך די קוים־קוים איינגעשטילטע נעכט.
זיי ריטשענען ווי טויט־מטורפע,
וואָס רייסן מיט די ציין פון זיך די פענטעס.

דיינע באַנען
לאָזן הינטער זיך צעשפּרייטע, ווייסע פּאַנען,
דורכגעצויגענע מיט שוואַרצע לענטעס.
שווערע גייען־אויף די רויכן
העכער פון די דעכער —
צו די הויכן —
אין די באַזן־לעכער
פונעם גאָט אורבאַנוס.

קרעכצסטו —
לאָזט מען זיך אַראָפּ אין דיר,
מע ריייניקט דיר די אונטערערדישע געדערים,
אַז עצירות זאָל דיר נישט פאַרשטאָפּן
אין דיין אינגעווייד די רערן...

תחילת־אָוונט. ווינטלעך ווינטלען.
ערגעץ דאַרף אַצינד די זון אין פייער־ים פאַרזינקען.
ערגעץ דאַרף אַצינד אַן ערשטער שטערן זיך צעווינקען.
אויף דער פוסטער הימל־סטעליע
וואַרעמט זיך די וואָל אַ וואָלקנדל, אַ שאָפּנס,
און מיט אותיות רויעך שרייבט אַן עראָפּלאַנדל
וועגן דאָרט אַ נייער מעדיצין צום שלאָפן...

אַ זערנע מאַן...

איר שפּאַלטערישע מוחות, איר,
און פילאָזאָפן גאַנצע,
וואָס אַז איר גיט אַ דיריגיר,
קען זיך אַ באַרג צעטאַנצן.

אַן אינדזל קען אַריין אין ים,
איינס־צוויי, מיט וואַלד און ציגן.
איר טראַכט דאָך נישט קיין הוריות סתם —
אַט פליט אַ שיף מיט פליגל...

און היינט די וואָלקנקראַצער־שטעט,
די מאָנסטערס שטיין און אייזן!
איך פאַל אַריין אין הינער־פלעט:
וואָס נאָך קענט איר באַווייזן?...

איר מאַכט שוין צו די שטערן טרעפּ — — —
(מיין גאָט, ווי מיר איז פינצטער!) —
נאָר קענט איר מאַכן, גאונים־קעפּ,
אַ זערנע מאַן, אַ מינדסטע?...

אין געיעג

נאָך צאַנקט אין מיר אַ קאַניצל, אַ דינער קנויט —
אין יאָגעניש נאָך ביכער, גראַמען און נאָך ברויט.

די ביכער און דאָס ברויט — איך שלינג זיי אין געיעג,
ווייל בייטשן יאָגן מיך און קירצן מיר די טעג.

נאָר סיי־ווי דאַנק איך גאָט, וואָס גרייט און גיט מיר אַלץ —
אי ביכער לייטישע, אי פּיסנע ברויט מיט זאַלץ.

איך ווייס נאָר נישט, ווי שטילט מען אין דעם ים געשריי,
וואָס שטורעמט אויף דער גאַס און טוט מיר אַזוי וויי.

ווי גראַמט מען עס צונויף אַזאַ געגנאַרטע וועלט,
אַזוי צעפּליקט ווי אַ גזלניש וואַלד־געצעלט?

אַז שיר־נישט פּלאַצט אַמאָל דאָס קראַנקע האַרץ איר מיר —
ווי אַ קאָלירנדיקער, קינדערשער פּאַפּיר.

ראַי סטריט

פאַר טאָג, איך גיי פאַרביי
די גאַס פון עופות־קיילעריי.

שאַ־שטיל.
פון ערגעץ הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר,
בלויז ווען־נישט־ווען, אַ הייזעריק געביל.

צו פוסנס פון אַ גאַסער וואַנט —
מיט שטיקער אָפּגעליפּעט טינק, ווי פליאַמעס קרעץ —
צעשיידן זיך צוויי קעץ.

אַ בוים,
פאַרדאַרט און אויסגעקראָכן,
פינטלט מיט געציילטע לעצטע בלעטלעך קוים.

פאַר איטלעכענער יאַטקע שטייט שוין פון ווען אָן
אַ „טראָק" מיט אָנגעפּראָפּטע שטייגן עופות,
מיינסטנס הענער, הינער —
פאַר דער גילאָטינע.

אין די שטייגן
וויל אַ האָן דאָרט ערגעץ זיך צעפּאָכען מיט די פליגל,
ווי ער פּירט זיך שוין מסתם זינט וואָכן,
איידער ער דערלאַנגט אַ קרייע, —
לאָזט אים נישט די ענגשאַפט.
נאָר ער קען נישט שווייגן —
קרייעט ער שוין דאָס־מאָל אָן אַ פליגל־פּאָכע.

נעמט אַ רגע — ענטפערט אים אַ צווייטער,
און אַ דריטער.
אַלע הענער שפּאַרט איצט אָן צו קרייען.
איינער נאָר, אַ פּעטעך, קרעכצט: „ס'איז ביטער."

נאָך אַ רגע —
לאָזט אַ הון, אַ האָפּערדיקע, וויסן:
„קאָדקעדאָק!
געלייגט אָן איי!"

ס׳אַ ווילעוואַק —
און ליגט צעטראַסקעט אויפן ברוק ווי אַ געפּרעגלעכץ.

נאָך אַ רגע —
נעמט אַ צווייטער דאַכטן, אַז זי וויל זיך לייגן;
האָט זי נישט קיין שטיקל אָרט, קיין אייגנס —
מאַכט זי קולות: „קאָדקעדאַ!
וואָס קומט עס מיר אַ פּלאָגעניש אַזאַ?!
אַן איי! — איך וויל, מע זאָל פאַרשטיין!"
זי מיינט, די וועלט וועט נאָך, חלילה, אונטערגיין.

די שטייגן הייבן אָן זיך רירן...
אַך, אַזאַ מין גליק!
אַזאַ פּאַרמאַג!
סע ווערט דאָך ווידער טאָג!

נאָר קיינער ווייסט נישט, אַז אַהינטער איזן־טירן
גרייט מען שוין דעם כיק.

איבער די בריקן — די באַנען

איבער די בריקן — די באַנען
יאָגן, ווי ס׳וואָלטן טייוואָלים
וועלן זיי כאַפּן, צעדריוולען,
און מיט די ציינער צעמאָלן.

סאָפּען די אייזערנע לונגען,
און דאָס געדריי אויף די רעלסן
באָדט זיך אין קנוילן פון פּאַרע,
רודערט אין אַנגסטיקע קעלטן.

הו־הו־הו־הו! מאַכט אַ וואַרע!
טויזנטער שדים מיך יאָגן!
איך וועל די בריק באַלד אַ ריס טון —
מיט איר אין לופטן זיך טראָגן.

אויפן קאָלירלאָזן הימל
וויקלען זיך רויכיקע פאָנעו,
און — ווי אַ זכר בראשית —
ציטערט אַ פּעניץ לבנה...

אין טראַמוויי

אַ שעה אויף טאָג, סע בלייכט שוין אויס
דער שאַרפער סערעפּ זילבער.
מע הערט שוין קלעפּ פון מענטשנטריט,
דערווייל איז אָבער שטילבלעך.
באַלד יאָגן אויף דער גאַס אַרויס
די סטאַדעס מענטשן־מילבן.

איך זיץ אַליין אין אַ טראַמוואַי.
באַלד קומט־אַרויף אַ שיכור.
פון וואַנען קומט ער עס אַצינד?
ער שמייכלט און ער שיקלט.
קען זיין, ר׳האָט קינדער און אַ ווייב —
און אַלע זיבן גליקן.

ער זיצט און רעדט צו זיך אַליין,
נאָר כ׳קען קיין וואָרט נישט כאַפּן,
די צונג איז אַ געדראַלענע
פון צו פיל משקה זאַפּן.
כאָטש דריי מאָל מוז ער יעדן זאַץ
באַלעקן און באַטאַפּן.

וואו האָט ער פאָרט פאַרברענגט די נאַכט,
די ווינטערנאַכט, די גאַנצע?
און ווי וועט דאָס געגאַרטע ווייב
אים באַלד אַקעגנטאַנצן?
און ווער הייבט־אויף די ערשטע האַנט,
און הייבט־אָן קלעפּ צו פלאַנצן?

ער לאָזט זיך נישט... שוין אין טראַמוואַי
פאַרשטשעמעט ער די פויסטן,
און גיט מיט זיי צוויי פּאָכלעך —
ווי ס׳פּאַסט פאַר באָקסערס גרויסע.
די אָרעמס צוויי באַוועגן זיך
ווי אויף ספּרוזשינעס לויזע.

מ׳עט מאָרגן זען שוין שוואַרץ אויף ווייס
אין אַלע טאָג־גאַזעטן,
ווער וועמען ס׳האָט צעקיילט ביז בלוט,

צי גאָר דעם קאָפּ צעפּלעט אים,
און צי מ׳האָט אויך דערלאַנגט אין קאַרג
די קינדער אין די בעטן.

נישט לאַנג פאַרבלייבן מיר אַליין
אין דעם טראַמוואַי — דער בינע:
אַ פּאָליציסט קומט פלינק אַרויף,
מיט וואָנצעלעך צוויי דינע,
מיט אַ רעוואָלווער האַלב אין שייד —
מע זאָל אים גרינג געפינען.

אַ רגע — און סע קומט אַריין,
נישט לאַנג געדאַרפט צו וואַרטן —
געקליידט פון קאָפּ און ביז די פיס
אין שוואַרצן און אין האַרטן —
אַ גלח — און אים באַמבלט זיך
אַ צלם אויפן האַרצן.

סע נעמט נישט מער ווי צוויי מינוט —
טרעט־אויף אויף דער עסטראַדע
אַ חנעוודיקע גאָסנמויד,
מיט האַלב־אַנטבלויזטע דדים.
זי נעמט זיך באַלד צום פידעלע
מיט ווייבערשער פּאָמאַדע.

זי שרויפט זיך צו די אויער־רינג,
וואָס הענגען ביז די אַקסלען
ווי לעבעדיקע קאַרשעלעך —
צעזוניקט און צעוואַקסן.
זי וויל דער שענצטער שטערן זיין
אין גאַסיקער גאַלאַקסיע.

איך קוק מיך איין אין מיינע לייט,
אין איטלעכן באַזונדער,
און טראַכט ביי זיך: אַ מאָדנע זאַך,
אַ פּלא און אַ וואונדער —
אָט באַלד איז דאָ רעפּרעזענטירט
דער פּער פון מיין יאָרהונדערט...

אַ באַן

אַ באַן האָט אַ מטורפֿע פֿאַרבייגעיאָגט
מיט לישעדיקן הו־הו־הו —
און איז אַוועק אין אַלדי ווייטן.

רויעך-מארלעס האָבן שלעפֿעריק פֿאַרהייטלט
דאָס געשענקטע שטיקל טאָג —
און אויף דער הימל־פּאַשע אויך די וואָלקן־קו,
און אויך דאָס וואָלקן-קעלבל ביי איר אייטער.

אַ פֿינצטער ליד

אַ גליאיקער טאָפּ וועט פֿון ערגעץ אַ פֿאַל טון,
דער וועלט אין דער שלייף, אין איר שאַרבן
אַ זעץ טון,
דאָס האַרץ איר צעשפּאַלטן.
די זון וועט דערלאַנגען אַ כליפּע און ס׳וועלן זי אַנגסטן באַשלאָגן.
נישט זיין וועט אַפֿילו קיין טייל פֿון אַ רגע אויף קרעכצן, אויף לעצטע,
אויף שטאַרבן,
מע רעדט שוין נישט פֿון קיין באַוויינען, באַקלאָגן...

און עמעץ וועט געבן די שטיקער אַ כאַפּ און אַ צי און אַ שליידער
צוריק אין די תהומען
פֿון איידער־בראשית,
און אָפּגעמעקט ווערן וועט אַלצדינג וואָס פֿליישׁ איז,
און אויכעט דער דומם און אויכעט די קרייטער.
ס׳וועט זיין נאָר געוויין און געיאָמער
פֿון זודיקע ווינטן —
אַ חלל־געוואָי וועט מאַקאַבער
זיך טראָגן און זוכן אַ זכר כאָטש פֿונם מדבר,
נישט וויסן אַוואו זיך אַהינטון.

דערנאָך וועט אַ שטילקייט, אַ טויטע, זיך גליווערן בלייען —
ס׳וועט ווידער זיין אַין...

אַ פינצטערער פויגל

קומט צו פליען אַ פינצטערער פויגל
פון איבער ווייטע לענדער —
און וואָס ער דערזעט מיט די פינצטערע אויגן,
מוז ער באַלד פאַרלענדן.

פון איבער ווייטע לענדער קומט ער,
דער שטאָלענער, פינצטערער פויגל —
און ווער סע דערזעט זיינע פינצטערע פליגל,
פאַרגליווערן אים די אויגן.

ווער סע דערזעט זיינע פינצטערע פליגל,
קען אַזש פאַר שרעק נישט קלאָגן.
די חיה ציטערט, די ביימער, די גראָזן —
אַז ס׳איז נישט נאָכצוזאָגן.

נאָר שרעקט זיך נישט, מיינע פיצלעך קינדער,
און דו, מיין פרוי געטרייע —
דער טראָט, ווען מע שפּאַנט דעם טויט אַריבער,
געדויערט אַ כהרף-עין.

איך בין אַ צאַנקעדיק ליכטל

איך בין אַ צאַנקעדיק ליכטל
צוקאָפּנס דער קראַנקער וועלט.
ביי מיין שיין וועט מען פירן צו קבורה
די טויטע וועלט.

ס׳וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל רייסן קריעה
נאָכן טויט פון דער קראַנקער וועלט.
איך שפּינוועב קדיש-לידער
נאָך דער טויטער וועלט.

כ׳האָב געוואָלט צוויי עמערלעך זון-ליכט,
בלויז צוויי, פאַר מיין אומעטיק אויג.
איצט ליגן ווי טשערעפּלעך בראָכוואַרג
די טעג אויף מיין אויג...

(1942)

די בלייכע גראַפּיניע

אַ בלייכע גראַפּיניע אין שוואַרץ און אין גרויל,
און שטענדיק אַ לאַנגן ציגייער אין מויל.

די נעגל פֿאַרשפּיצטע, געפֿאַרבטע אויף בלוט,
ווי גרייטע צו וואַרגן אַ ליאַדע מינוט.

זי האָט שוין געוואָרגן, זי האָט שוין געסמט —
די שקיעה האָט בלוטיק אויסגעפֿלאַמט.

„וואָס טויגן מיר ווייען? וואָס טויג מיר אַ קינד?
איך דאַרף נאָר אַן אָגער צו רייטן אין ווינט.‟

אין מיטן געיאָג, אין מיטן געריט —
פֿאַרוואַרפֿט זי אַ בינטל אין כוואַליעס ווייט.

זי האָט שוין געוואָרגן, זי האָט שוין געסמט —
די כוואַליעס פֿאַרטראָגן דאָס בינטל אין ים.

אַ מאָל אין מיטן אַ ווילד געריט,
דערהערט זי אַן עופּעלע וויינען פֿון ווייט.
דאָס געוויין ציטערט דין און פּאַזע ברעג —
נעמט זי שינדן דאָס פֿערד און יאָגן די שרעק.
די שפּאָרן שניידן דעם פֿערד די הויט,
און די בייטש אין געפּאַכע ווערט פֿייערדיק־רויט.
דאָס געוויין ציטערט דין אין לבנה־שיין,
און וויל צוריק אין איר לייב אַריין.

דער פּאַלאַץ אין וואַלד איז באַלויכטן רויט,
אַ יאָר האָבן הונדערט הענט אים געבויט,
און אַ וועג געהאַקט, פֿאַרדרייט און קרום —
אַז ווער סע פֿאַרבלאָנדזשעט אַהין, קומט־אום.

די חתונה־נאַכט איז אַוועק ווי אַ ווינט.
אין דער פֿרי איז דער פּאַלאַץ פּוסט און בלינד.
דער גראַף איז אַוועק דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ שויב —
און דאָס גאַנצע צירונג צוגערויבט,
און אויף יענער זייט גרענעץ אַליץ צעשענקט
אַ באַנדע ציגיינערס אין פֿעלד אין אַ שענק.

די פּאַלאַץ־טויערן שטייען צעפּראַלט.
דער גראַף איז אַוועק — סע שוידערט דעם וואַלד.

„אַט־דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט און געגלוסט —
זאָל בלייבן דער פּאַלאַץ אויף אייביק פּוסט.
אַבי איך האָב אין שטאַל דאָס פערד,
מיט מיר זיך צו טראָגן איבער דער ערד.
אַבי כ'האָב הינט פּאַר מיין געיעג,
און אַ ביקס און אַ וואַלד און לײדיקע טעג.״

און ווי־נאָר אַ ווינט נעמט הוזשען אין וואַלד —
באַווייזט זיך דער אָגער און טראָגט איר געשטאַלט, —
איר קלייד — צעווינטיקט, צעכוואַליעט איר קאָפּ —
און רייסט די ערד אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

נאָר פּלוצים דאַכט איר: זי הערט אַ געוויין —
דער אָגער בלייבט אין געוויכער שטיין,
אַ רגע בלויז, ווי דאָס אויג גיט אַ פּלי —
נאָר די בייטש גיט אַ פּלאַקער, דער שפּאָר גיט אַ ברי —
די גראַפיניע פּאַרפּלעכט אין די לייצעס די הענט —
און אָט זענען ווידער די פּאַלאַץ־ווענט.

אין פּאַלאַץ איז פריילעך, מע זינגט און מע לאַכט, —
אַן אמתע גרעפישע חתונה־נאַכט.

מע טאַנצט און מע הענפעט, אַז ס'נעמט נישט קיין עק —
די בלייכע גראַפיניע מיט גראַפן ווי בעק.
און איטלעכער קושט די גראַפיניע: „ביסט זיס״ —
און טוליעט זי צו צו די ציגענע פיס.

דיביימער שוידערט אין חתונה־שיין,
זיי קוקן מיט שרעק אין די פענצטער אַריין.

די גראַפיניע טאַנצט, די הענט צעשפּרייט,
זי האָט אָנגעוואָרן איר גרעפיש קלייד.
די קליידער, צו פּוסנס, בערגלען זיך שוואַרץ
און נאָר אַ מעסער הענגט אויף איר האַרץ...

אָנהייב טאָג אין שטאָט

אָנהייב טאָג.
ווי מילעך־בלייכע וואָלן
ליגט דער נעפּל אי אויף רייכע דעכער,
אי אויף שטיבעלעך, פון שווינדזוכט דורכגעלעכערט.

ערגעץ איז דער חושך־פּאַלאַץ טאַקע איינגעפאַלן?
ווען טאַקע בלוי די האָריזאָנטן נעמען בליען?
ווייסע פייגל קומען אָן צו פליען,
גיבן קוים אַ פּאָכע מיט די פליגל
און פאַרנעסטן זיך אין הויכע שויבן־ציגל.

אָנהייב טאָג.
דער נעפּל הייבט זיך ווי פאַנטאַסטישע תכריכים.
פון די הייזער-לעכער נעמט דאָס מענטשוואָרג קריכן.

שטיינערענע מויערן

שטיינערענע מויערן,
אייזערענע בריקן.
ווי פייגעלעך געפאַנגענע
צאַפּלען מיינע בליקן.

איך ווייס נישט וואו די זון גייט־אויף
און וואו זי וועט זיך זעצן.
דער הימל הענגט אַ חרובער
אין פלאָנטערס דראָטן־נעצן.

ווי אַ פאַרבענקטע יונגע שוואַלב
צעעפן איך די פליגל —
נאָר איך צעבלוטיק מיר דאָס האַרץ
אין ווענט בעטאָן און ציגל.

כ׳בלייב ליגן אַ צעוואונדיקטער
צעווישן ברוק און שטיינער;
דער טרויער, ווי אַ קראַנקע האַרף,
קלאָגט אין מיינע ביינער...

אַ בלעטל אין זיכרון

איך זיץ און לייען אַ בוך אין פּאַרק.
מיך האַלט אין איין מבלבל־זיין דאָס ביימערוואַרג.
דער זומער־שפּעט וויל ווייזן, וואָס ער קאָן.
די לופט איז צוגעווירצט, האָט אַלע טעמים,
ווי דער מן.

אַ קלויסטער אין דער נאָענט נעמט באַמבלען מיט אַ גלאָק.
מיין היימשטאָט קומט מיר אויפן רעיון —
שאָץ און ספּינט־יעוואַן און יאַרמאַראָק.

אַ ווינטל קאַטשעט־צו צו מיינע פיס
אַ בלעטל, אַ פּאַרדאַרטס,
געטונקען אין אינדיאַנער פאַרבן.
„כ׳וויל נישט שטאַרבן״ —
זאָגט דאָס בלעטל.
„לאָז מיך ווייטער לעבן —
טו עס מיט אַ גראַם — ״
דאָס בלעטל קאָרטשעט זיך אין פאַרבן־פלאַם.
געקומען איז עס ווי אַ רעדעלע צו פאָרן
און האָט אויפגעמישט אַ בלעטל אין זיכרון —

כ׳פלי־אַוועק קיין סטראָזשינעץ, אַריבער ימים — — — —
כ׳בין אַ גימנאַזיסט.
איך בענק נאָך טאַטע־מאַמע.
ס׳איז מיר קאַלט און וויסט.

איך כאַפּ דאָס בלעטל, דאָס מטבעלע, דאָס וואוילע —
קויפן לויף איך האַלץ אַ ברעם,
און בעטן עטלעכענע לעבעדיקע קוילן
פאַר אַ צו.

די קרעמערקע: „גוט־יאָר דיר, יאָקטער, דו״.
זי האַלט די פינגער אין אַ פייער־טאָפּ.
זי קלאַפּט איין פוס אין צווייטן,
און פון אַלע שאַלן אירע
זעט מען קוים אַרויס דעם קאָפּ:

„דעם אייבערשטן אַליין קער אויך זיין קאַלט
אין אַט־אַזאַ מין קרירה״.

זאָג איך: „ניין!״ — די רוגזה שפּריצט.
„דער אייבערשטער ליגט איינגעבעט אין פּערענעס
און כראָפּעט איצט.
און די מלאכים גייען אום אין הוילע זאָקן,
אָדער ווי אויף גלאָז,
און קוקן האַלב קעסאָקע —
אַז מע זאָל דעם פּעפּער, גאָט באַהיט, נישט וועקן.
פונעם באַרג מיט קישנס קוקט אַרויס די נאָז —
אַ גאַלקע פון אַ שטעקן.
אָך, איז דאָס אַ טאַטע —
זיינע קינדער ליגן אים נישט אין דער לינקער פּיאַטע.
איך זאָל קענען,
וואָלט איך אים אַוועקגעשטעלט אַט־דאָ אין קראָם
ער זאָל אויף אייער אָרט פאַרקאָוועט ווערן.
און אויף זיין אָרט וואָלט איך אייך אַוועקגעשטעלט,
צו קירעווען די וועלט״ —
און ס'האָבן מיך גענומען וואַרגן טרערן...

קוים, מיט אירע לעצטע כוחות קריכט זי,
וועגט מיר אָפּ דאָס האַלץ, דאָס ביגטל,
און זי דרייט זיך אויס צו מיר —
און ס'עפנט זיך אין איר אַ לשון, אַ פאַרבאַרגנס:
„פאַר אַזאַ מין פּלאַפּלען, וואָס דו לערנסט פון די סריכלעך,
דאַרף מען נעמען אַ געפּגרט הינטל
און פאַרשטאָפּן דיר דעם גאַרגל.
לערנסט גאָר זיין ליבן־נאָמען, ווי די וועלט צו פירן?
ביסט געווירט אין די געהירן.״
— — — —
ווי אַ מיטליערעדיקע דאַמע
פּוצט זיך, פאַרבט זיך דער שפּעט־זומער.
כ'זע אים דורך אַ מאַרלע אומעט,
כ'בענק נאָך אַלץ נאָך טאַטע־מאַמע...

אַך־אַך־אַך...

איך רעד אַ שפּראַך פון ווערטער, ווערטער, ווערטער —
די ליפּן שטאַרן, גליווערן פון זיי —
ווײ־ווײ־ווײ!...

מיין אויער — טויב צו שטילערן געציטער,
די פינגער — טעמפּ צו דינערן באַריר —
ווײ איז מיר!...

דאָס ביסעלע לאַטיין האָב איך פאַרגעסן,
להבדיל, אויך דאָס ביסעלע תנ״ך —
אַך־אַך־אַך!...

איך האָב נאָך זיבעצן פאַלירטע ווערטער,
און זיבן פסוקים־שפּליטערס — מיין פאַרמאָג;
אוי, אַ קלאָג!...

איך ניץ זיי אין דער האַוועניש פון פּלאַפּלען,
נאָר זייער טייטש פאַרשטיי איך שוין נישט באַלד —
אוי, געוואַלד!...

און אויף מיין ווייטער חומש־רש״י־לאַנקע
איז אָנגעוואַקסן נאָר בוריאַן און מאָך —
אַך־אַך־אַך!...

די ווערטלעך, וואָס איך האָב געקושט, געצערטלט,
פאַרפליען פון די פאַלבן פון מיין שפּראַך —
אַך־אַך־אַך!...

איך ענטפער וואויל אויף יענעמס אַ גוט־מאָרגן,
ער בלייבט מיר אָבער אַלץ נאָך פרעמד אין תוך.
אוי, אַ בראָך!...

נישטאָ קיין צייט זיין גאַסט צו זיין, נאָר סיידנס
מע קומט מנחם־אָבל־זיין זיין פרוי.
אוי, אוי, אוי!...

אי גאָט, אי לייטן מיידן מיך. קיין חידוש;
מסתמא האָב איך מיר פאַרדינט אַזוי.
באָזשע מאָי!...

גרויס-שטאָט-אָנונג

אַמאָל וועל איך אַוועקגיין צו דער אַרבעט,
נאָר איך וועל שוין נישט קומען מער צוריק.
כ׳על בלייבן אונטער רעדער, ווי אַ טויטער שפּאַרבער,
צי גאָר צעפּלעטשעט ווי אַ פליג.

מיט איין אויג אָפן וועל איך גרויזאַם שמייכלען
און שטאַרן־קוקן צון אַן אַלט־באַקאַנטן בוים.
איך וועל באַווייזן זאָגן מער־ניט
נאָר „אוי, מ...״

געוואָלט האָב איך אַוועק מיט שפּראַך מסתמא,
נאָר נישט באַוויזן מאַכן כאָטש איין גראַם.
דאָ שטאַרבט מען גיך, און נישט „אוי, מאַמע״,
איך האָב אַפילו נישט געזאָגט „אוי, מאַמ...״

און אפשר, ווי מע לייענט אָפט אין די בלעטער,
וועל איך גאָר אויסגיין אויפן וועג צון אַ שפּיטאָל.
(באַנעמען היינט די וועגן פון די געטער
איז שווערער ווי אַמאָל־אַמאָל.)

ס׳עט ברענגען ווער מיין פרוי די שוואַרצע בשורה,
און זי וועט נעמען העשען: „אוי!״
ס׳עט זיין אַ פּחד קוקן אויף איר צורה,
וואָס איך האָב טייל־מאָל טוליען ליב געהאַט אַזוי.

און עמעץ: „ר׳האָט זיך נישט קיין סך געמוטשעט.״
און פּאָליציי וויל וויסן: „וואַט׳ס יור ניים, מאַדאַם?״
די קינדער שלאָפן שוין באַרוטע —
מיין יינגל־צאַפּיקל, מיין מיידל־לאַם.

מיר דוכט, מע לאָקערט אַלץ אויף מיר, מע לויערט —
ס׳איז עמעץ גרייט צום שפּרונג.
אַ מאָדנע שאָרכן הערט אַמאָל מיין אויער,
אַ מאָדנעם קלונג...

שטאָט פֿאַרטאָג

דער הימל בלויט זיך שוין איבער די דעכער.
די זון נעמט באַלד דראַפּען זיך העכער און העכער.
מע וועקט זיך שוין אין די הייזער־לעכער .

דער שלאָף האָט געווייכט פון מיינע אויגן — — —
דער טאַטע שטייט ביי מיין בעט געבויגן
און רעדט צו מיר דורך טרערן:

„ווער נישט דערטרונקען אין כרכיקן תהום —
זאָג איטלעכן טאָג כאָטש תהילים אַ יום,
מיטן נוסח, וואָס כ׳האָב דיך געלערנט...״

שטאָט-מאָטיוו

אינעם דראָטן־פּלאָנט,
אין דער גרויער הויך,
אין די קנוילן רויך —
וואָס איז דאָס, די זון?

פּראָסטיק שיינט זי מיר
און לבנהדיק
גלייך אַריין אין בליק —
און זי בלענדט מיך נישט.

און דער שטיין־קאָלאָס,
וואָס איז אָנגעגילדט
און פאַרריסן ווילד —
זאָל דאָרט וואוינען גאָט?

אַז דער מענטשן־טייך
פּלייצט און כוואַליעט־אום
און ער רעוועט שטום —
ווייס ער, וואָס ער זוכט?

##ביים קאַנאַל

אויף ווייטע מײלן ציט זיך אויס די וואַסער־לענטע,
ווי אַ ווירע גלײַך.
מ'האָט דאָ אַרײַנגעצאַרט דעם טײַך
ווי אין אַ בעט פֿון שטאָלן און צעמענטן —
גייט ער ווי אין שפּאַן,
דער כוואַליעדיק־צעשטורעמטער טיטאַן.

בלויז וואו־נישט־וואו אַ מאָנסטערדיקע בריק,
— די פּיס צו ביידע ברעגן צוגעפּענטעט —
ציט די אויסגעקרימטע גלידער,
רײַסט די הענט פֿאַרפֿלאָכטענע, געשמידטע,
צו די הימלען —
נאָר זי קען זיי נישט פֿאַנאַנדערנעמען —
פֿרענטעס,
שרויפֿן, ניטן
קאָוועז איר פֿאַרשטיקט געשריי אין קלעמען,
בייסן —
און פֿאַרהיטן,
דער פֿאַרפֿרעסטער כוח זאָל אַליין זיך נישט צערײַסן.

ווי אַ מאָנסטער, אַ באַצוואונגענער, זעט־אויס די בריק —
מ'האָט איר מיט לעקטרע־דרילערס אויסגעבויערט לעכער
אינעם פֿלייש און אין די קנעכל,
דורכגעצויגן אייזן־שטריק,
פֿאַרקרעמפּעוועט אויף אַלע פֿיר —
ס'זאָל שניידן ביי אַ מינדסטן ריר.

נאָר איין זאַך מעג זי יאָ:
אַז ס'דאַרף אַ שיף אַרויס פֿון לאַנד
און דאַרף זיך אין די ווייטן לאָזן גיין —
איז נעמט די שיף אַליין,
אין גאַנג מסתּם,
און שפּאַלט אַ לעקטרע־שטראַל
אין צווייען —
גיט די בריק אין מיטן בויך זיך אַ צעפּראַל —

(דאָ הייבט נישט אויף קיין שטעקן משהס האַנט
און שפּאַלט דאָ נישט קיין ים) —
און ביידע בריקן־העלפטן נעמען רוקן זיך און דרייען
שטיל, פּאַמעלעכדיק און קראַנק —
און לאָזן־דורך די שיף, די גראַציעזע שלאַנג...
זי רירט די ביידע העלפטן ווי געליימטע הענט;
אויף איינער שלעפּט זי מיט אַ באַן טראַמוואַיען,
אויף דער צווייטער — מענטשעלעך אַ קנויל...
איר עקלט און איר גרוילט.
ווען זי וואָלט איצט געקענט
דאָס קריכוואַרג אין די טיפענישן שפּייען!...

עד,
ווען זי וואָלט איצט געקענט די העלפטן שליסן
און די שיף פאַרשלינגען
און ביי זיך אין אינגעווייד פאַרוויסטן —
אין די אויערן זאָל קלינגען
ווי די שטאָלן אירע טרעשטשען,
און אין וואַנזין־קלעשטשעס
זאָל זיך קאָרטשענען איר בלעך....

די כוואַליעס גליטשן זיך און רינען
מיט אַ פּליעסקען, מיט אַ דינעם.
שטאָלץ גייט־דורך די שיף און שענקט נישט קיינעמען קיין בליק.
אַ קינאה ברענט די בריק —
זי איז געליימט אין אייביקדיקן גליווער,
און אַפילו אירע קרעכצן מוזן שטומען.

מיט פאַרקלעמטע גלידער
טוט זי תפילה צו דער נידער,
אַז אַ בראַך, אַן ערד־געציטערניש זאָל קומען...

2

דאָס טייכעלע ביי מיר אין דאָרף פלעגט אַנדערש גיין —
פלעגט שפּילן זיך אין כאַפּערלעך מיט מיר
ביז סאַמע פאַר מיין טיר.

דער ברעג האָט זיך אין גרינס געצירט
און אויך אין צוויט,
געשלענגלט זיך ביי מיינע טריט
און מיך אַהיים געפירט.

די קלאָטקע האָט זיך אונטער מיר געהוידעט
ווען אַ רעגן, דין און לויטער,
האָט אויף איר געקלעפּלט.

נאָך אַ רעגן האָט די לופט געקלימפּערט,
ווי מיט גלעקלעך גלעזערנע אויף העלדז פון אומגעזעענע קיען,
און געשמעקט מיט צייטיקדיקע עפּל.

און אין רעגן־בויגן — מיט דער האַנט דערלאַנגען —
איז אַ ליפּע אין מיר אויפגעגאַנגען
און האָט אָנגעהויבן בליען...

איך בלאָנקע־אַרום

איך בלאָנקע־אַרום אין פאַרטומלטע גאַסן,
אַליין מיט מיין בענקשאַפט.
די טריט מעסטן אויס מיין אַליינקייט.
די שקיעה באַווייזט דאָ נישט קיינעם איר שיינקייט
אין פייער־פאַרגאָסענע פאַסן.
מע זעט נאָר אין הויכע, פאַרריסענע פענצטער רעפלעקסן זיך מעקן.

דער אָוונט קומט־אָן ווי אויף רעדער צו רייטן
פון אַלע פיר שטאָטישע עקן.
איך הער נישט, ווי צווישן טאָפּאָלן און ליפּעס
אַ בענקעניש זאָל זיך פאַרציען און בליפּען.
איך הער נישט קיין סטרונעס פון לופטיקע האַרפן,
וואָס ס׳ציטערט אויף זיי דער פאַרנאַכט־ווינט אַ לויב
צו די וויטן.

נישטאָ דאָ ווער ס׳זאָל דאָס געציטערטע ליד מיינס באַדאַרפן.
אַ באַרד איז פאַראַנען:
דער סטויב —
טעלעגראַפישער דראָט
ברומט אָן אייביק געברום צו אורבאַנען,
דעם גאָט פון דער שטאָט.

מאַנטרעאלער הינטער־גאַסן ערב־זונטיק

די וויגן־שטולן פאַר די טירן הוידען זיך און סקריפּען.
די ווייבער — בייכיקע, פון צו פּיל קינדלען.
די זקנים פּיפּקען ליולקעס מיט די ציינערלאָזע ליפּן.

די קרעטשמעס זענען פול. אין נעפּלען הייסער פּאַרע,
אין ווירבלען רויך און קולות שווימען לייבער
מיט אָפּגעמעקטע מראהס.

די גאַס־לאַמטערנס יאָטערן ווי טראַכאָמעדיקע אויגן,
און טריפן קראַנק עלעקטרע־ליכט אויף ברוק און שטיינער —
סע לייגט זיך אויפן האַרץ ווי עסעדיקע לויגן.

אין שכנות טראַסקעט די מוזיק־מאַשין צום טאַנצן.
דאָס גרימפּלעניש איז הייזעריק און איז צעוואַליעט.
(ווער לייענט ביי זיי ראָלאַנען, פּראַנסן ?)

דער גאַס־לאַמטערן צינדט זיך אָן

דער גאַס־לאַמטערן צינדט זיך אָן
אין־איינעם מיטן אָרעאָל,
וואָס קרענצלט יעזוסן דעם קאָפּ;
אין־איינעם מיטן לעמפּל רויט,
וואָס פּאַרן שאַנד־הויז אויפן פּלויט.

און אַלע לעשן זיי זיך גלייך.
און צווישן אָנצונד און פאַרלעש —
גנבימלעך, אָט־ערשט פון איי,
פאַרלאָזן טאַטע־מאַמעס הויז
און פּרוואון זיך די כוחות אויס...

היט, גאָט, דאָס יונגע בלוט, אַז דער,
וואָס לאָזט זיך אויף גניבה גיין,
זאָל איבערקומען בלויז מיט שרעק —
זאָל אים נישט כאַפּן יענע האַנט,
וואָס טיילט גערעכטיקייט אין לאַנד.

ווייל די גערעכטיקייט איז בלינד —
זי מאַכט פון די גנבימלעך
גנבים גוטע, אמתע,
דערנאָכדעם פירט זיי שוין דער גאַנג
ביז צו דער וויסטער תליה־שטאַנג...

אַ רעסטאָראַן, פאַר טאָג, דאַן טאַן

פון ערגעץ הילכט די אויטאָמאַטישע מוזיק
מיט עפּעס ווי אַ חיה־רעהס גרעפּסן,
אויסגעמישט מיט מעקעניש פון שעפּסן.

אַ גראָבע נעגערטע, פאַרטאַיעט אין אַ סאָלאָ־טאַנץ,
וואַרפט־אום מיט איר געזעס
און דרייט מיט אירע אויגן־ווייסלעך,
ווי מיט טעצלעך ווייסע.

אַ מיידל, אָקסידירטע האָר,
די פיס פאַרוואָרפן איינער אויפן צווייטן,
מיט אַ ציגאַרעטל צווישן אַנגעברוינטע פינגער,
קייעט גומע,
זופט מיט גליענדיקע ליפּן פון אַ טעפּל קאַווע,
קוקט אין שפּיגעלע —
און מאַכט צו־רעכט די לאָקן.
די מוזיק איז ראַפּטום שטיל געוואָרן —
זיך פאַר זיך אַליין דערשראָקן.

אין נעפּלען שווייסעדיקע ריחות און אין רויכן —
קלימפּערן די גלעזער דין.
די פנימער און קאַרקן פּרעגלען זיך אין כוואַליעס היץ,
ווי אין אַ פּאַן.
אַ הויכער, דאַרער גאַס־לאַמטערן וויגט זיך לעבן רעסטאָראַן.

דאָס מיידל לאָזט זיך גיין אַהיים
און פאַלט אַ פאַליקע שוין ביי דער שוועל.
סע זעט זי קיינער נישט.
דער רעסטאָראַטער שטייט אַן־פּאַס
און צאַפּט די קופּליעס ביר פון אַ באַהאַלטן פאַס.

זי קאָנוואָלסירט אַ ליגנדיקן טאַנץ
צו טראַסקעדיקע טאַקטן פון אַ מידער פּיאַנאָ,
ביז זי דרימלט איין פאַרמאַטערט
מיט אַנטבלויזטע, טרויעריקע קני
און פּערלדיקער פּינע אויפן ליפּן־גלי.

אַ ייִנגעלע פֿון צוויי מאָל צוויי

אַ ייִנגעלע פֿון צוויי מאָל צוויי
האָט אויסגעקלעפּט אַ מענטש פֿון שניי.
אַ מענטשעלע, די גרויס ווי ער.
איך האָב זיך צוגעקוקט פֿאַרקלערט.
געווען איז פֿרײַטיק און פֿאַר נאַכט —
איך האָב זיך צוגעקוקט פֿאַרטראַכט.

אַזוי האָט גאָט אין אַ פֿאַרנאַכט
אין אײַלעניש דעם מענטש געמאַכט.
ער איז שוין מיד געווען, גאָט —
און דאָ איז שבת אָט־אָט־אָט.
„ווי הייסטו, ייִנגעלע?" — „כ'הייס מאָטל."
(און איך וואָלט אים גערופֿן גאָטל.)
„איך מאַך מיר מענטשעלעך פֿון שניי
און הײַזער — און צעקאָפּע זיי."

ס'איז פֿרײַטיק און פֿאַר נאַכט געווען.
איך האָב אין קינד דעם מענטש געזען.
דעם מענטש — און אויכעט גאָט אַליין —
די גאָט־געשטאַלט אין פֿלייש און ביין;
אַז וואָס מע בויט, איז באַלד צעקנאַקט.
מע בויט־צעשטערט ווי אין אַ טאַקט.
דאָס שענצטע ווערק צעגייט ווי שניי,
און מ'האָט דערפֿון נאָר פֿודן ווײ.
די בבלדיקע שטעט, פּאַלאַצן —
זיי טורעמען זיך, ביז זיי פּלאַצן.
און אַז די צײַט לאָזט לענגער שטיין —
צעפּלאַצן מיר זיי גאַנץ אַליין.

מ'איז בורא־עולמות — און אָט
איז מען זיי מחריב, מענטש ווי גאָט.

מײַנע פיר װענט

אין גאַס איז שטיל. ס׳איז נאַכט.
די פענצטער לײַכטן־אויף בײַ מיר אין הויף.
װענעציש לײגן זיך די װענט צונויף.

איך נעם אַלץ הערן, נעם אַלץ זען.
װי אַן אַנטענע כאַפּט אַלץ אויף מײַן שטוב —
סע פליסט אַרײַן אין איר, װי אין אַ גרוב.

פון װאַנען קומען זײ, די קולות און די רייד?
איך הער זיך צו, איך װענד זיך אום:
מיר דאַכט זיך, אַז פון אומעטום.

אַ שכן רעדט צו הויך,
און אפשר איז די װאַנט צו דין:
„איך האָב דיך פײַנט, נאָך אַרגער פון אַ שפּין.״

און עמעץ שרײַט: געװאַלד!,
און כליפּעט הייס.
דערנאָך װערט װידער שאַ, װי גאָר קיין בײַז.

אַ קינד־האַנט פידלט, זוכט דעם אָנהייב פון אַ ליד,
און אַרבעט מיטן סמיק —
װי ס׳זאָל די סטרונע זײַן פון שטריק.

אַ שכן כראָפּעט, רײַסט די װענט.
אַן אַלטיטשקער מיט אַסטמע הוסט זיך אויס די לונג.
פון ערגעץ קומט מיט גראַװיטעט אַ זייגער־קלונג.

אַ ראַדיאָ רעװעט אומפאַרשעמט
מיט קולות פון אַ מאַסטאַדאָן.
נישט כ׳הער קיין לשון, נישט קיין טאָן.

אַ שכנה נעמט אַראָפּ די װעש.
דער װעש־שטריק שרײַט — אַ פויגל פּרעהיסטאָרישער,
װאָס האָט פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַהער.

אַ יונגע מאַמע שטײט פאַרתּפילהט און זי פּרעסט
דעם טעכטערל אַ קליידל. זײַד. צי קרעפּדעשין.
אַ מיידל נעמט אַ לעפל מעדיצין.

אַ באַסאָ טיפט: „ענד לעט אַס סי דע לאַיט עגען...״
אַ דרימל פאַלט אויף מיינע וויעס, מלויצעט זיך...
די מיד פאַרטוליעט מיך ווי אין אַ ציך.

איך פאַל אַוועק אין בעט — אַן אָפּגעהאַקטער בוים.
אַ חלום נעם איך צירעווען, אַ לעכעריקע נעץ —
נאָר ס׳וועקט מיך אויף אַ רייסעניש פון קעץ...

דער שטאָט-גע׳רעש

דער שטאָט-גע׳רעש צעטומלט מיך,
איך ווייס נישט וואו איך בין.
איך צאַפּל ווי אַ פלאַטערל
אין ד׳אָרעמס פון אַ שפּין.

צעווישן טויבע מויערן,
צעווישן ברוק און שטיין,
דאָרט וואַקסט אַרויס אַ גרעזעלע —
און דאָס בין איך אַליין.

סע זעט נישט קיינער, ווי איך בלייך;
און ווי, די שווערע טריט
פון אומגעיאָגטע גאַסן-לייט —
זיי שאַנעווען מיך ניט.

דער מענטשן-שטראָם איז ווי אַ טייך,
וואָס רייסט זיך פונעם ברעג.
ווי אַ מימאָזע שרומפּ איך איין,
אין ציטערניש און שרעק.

איך וויל אין טומל זיין אַ בוים —
די צווייגיקע צוויי הענט
אין תפילה, אין געשעפּטשעטער,
צו גאָט אַליין געווענדט.

נאָר אַלע ווערטער באָמבלען זיך
ווי שוים ביי מיר אין זין.
דער שטאָט-גע׳רעש צעטומלט מיך —
איך ווייס נישט וואו איך בין...

ביי דער אַרבעט

ווער פּישטשעט דאָרט, ווי פייגעלעך?
ווער פּייפּט, אַזוי ווי קינדער?
דאָס פּייפּט און לויפט אַהער־אַהין
דאָס שיפל פון מיין ניי־מאַשין.

אין פענצטער שטייט אַ שטילער בוים,
מיט אויסגעדרייטע צווייגן.
די יאָרן דרייען זיך אַזוי
און פאַרבן מיר די האָר אויף גרוי.

דער קרעפּדעשין איז פול געציש,
און ס'לאַכט פון מיר דאָס זיידנס.
נאָר אַלע זינגען — זינג איך מיט,
כאָטש קיינער זעט און הערט מיך ניט...

שאַפּ-בילדל

די מיידלעך רויכערן איינס נאָך איינס, ווי מאַנספאַרשוינען,
און זינגען אַלץ די אייגענע גענאַרטע לידער
פון יענעמס, פון אַן אויסגעטראַכטן גליק:
מאַי דאַרלאַנג, איי'ם אין העוון, דענסינג טשיק טו טשיק...

פון איטלעכער אַקטריצע ווייסט מען קלאָר די וואָג, די מאָסן,
מיט וויפל מענער זי איז שוין געלעגן,
מיט וועמענען זי טיילט נאָך איצט דאָס בעט,
און וויפל ס'איז שוין זינט איר לעצטן גט.

און איינע מיט אַ נאַריש־אָנגעקרייזלט קעפּל,
אַ צלם אויפן האַלדז און אַן אַ מינדסטן סימן בריסטן —
זי פירט אַ וואוילערישע דעם פּערעט:
אָ, לאָוו איז לאַיק עי סיגאַרעט...

שקיעה

דער מערבֿ־הימל בלוטיקט,
ער צעבינדט זיך וואונד נאָך וואונד — — —
אַ פייער־שלאַנג אין גערעֲנגל
אין די ציין פון אַ פלאַמען־הונט.

זיי צעקיילן זיך איינס דאָס צווייטע
און פאַרשלינגען זיך, הונט און שלאַנג,
און לאָזן נאָך זיך איבער
אַ בלוט־טייך, ברייט און לאַנג...

דאָס ערד־לייב ציטערט, גליווערט,
אַן אימה וואַרגט מיין ברעם.
פאַר וועמען זאָל איך וויינען,
פאַר וועמענען, פאַר וועם?

ווער דרייט די וועלט? אַ געטשקע,
געקלעפּט פון גאָלד און בלוט.
צו וועמען טו איך תּפֿילה? —
כ׳בין תּפֿילהדיק און גוט...

גרויס־שטאָט־נאַכט

די נאַכט איז אָן אַ שטערן
און אָן אַ הימלבויגן.
זי האָט נאָר בלויז לאַמטערנס —
טראַכאָמעדיקע אויגן.

זי האָט נישט קיין לבֿנה,
נאָר גאַסן־לאָמפּן בלייכע.
פון גלאָז איז זייער פּנים,
און מיט דער האַנט דערגרייכן.

זיי וועקן נישט קיין טרוימען,
נאָר יאָגן־אָן אַ גליווער.
זיי שוועבן נישט אין רוימען,
נאָר הענגען ווי אין גריבער.

די שטערן — אויסגעלאָשן,
בלויז לעקטרישע רעקלאַמעס.
זיי רייצן און זיי פּלאָשען
ווי צירקן־פּאַנאָראַמעס.

אָן דינע שטראַלן־טיכער,
די ווייטן אויסצומעסטן,
און אָן אַ שטילער סטריכע —
וואו זאָל אַ שוואַלב זיך נעסטן?...

וואָס טויג אַ נאַכט אַזאַ־מין,
אָן שום לבנה־פּליטער?
וואו זאָלן זיך פאַרזאַמען
צוויי הערצער אין געציטער?...

שטאָט ביי נאַכט

דו פאַרלעשסט אין הימל דער לבנהס דין געפּליטער
און אין מילעך־וועג די נעפּל־טראַכטן, פול מיט שטערן.

דיינע נעאָן־ליכט־רעקלאַמעס — דיינע צען געבאָטן —
הייזעריקע רעוועו זיי אַראָפּ פון אַלע הייכן.

דיינע שנירן לאָמפּן הענגען ווי אַ פּערל־בליאַסק
אויף דיינע נאַקעטע, פאַרשייט־אַנטבלויזטע גאַסן־גלידער.

ווינקסט מיט טויזנט פיל־קאָלירנדיקע שדים־אויגן
און מיט ביליק צירונג — ריגעוודיק ווי'ן דאַליס בילדער.

שטייסט אַנטבלויזט, ווי אויף אַ נאַכט־יאַריד. דאָס לייב — טאַטוען,
אויף דאָס פּנים איז באַמאַליעוועט, ווי ביי אַ טאַטעם.

אייביק שטייסטו אויף דער בינע. די פּראָזשעקטערס בליצן
גלייך אין ד'אויגן, און מוזיק פאַרלישעט — טויב צו ווערן.

שטייסט און וואַרפסט די גלידער און די פאַטשערקעס פאַרבלענדן,
און די קרעלן־אויגן גלעזערסטו אין אַלע זייטן.

איבער טעלערדיקע גלאַנץ־בולוואַרן ליגט צעשריגן,
אַז מע זאָל נישט הערן דיין געוויין — דיין גרויסער ליגן...

שטאָט-אידיל

אַ מאָל צעקרייעט זיך מיט טענער צוגעדינצטע
אַ קאַטערינקע אויף אַ שטיינערענער גאַס.
אַ טשוטשע דרייט דאָס קאַרבעלע, דער הילוך — פּינצטער,
נישט אַנדערש, ר׳האָט פאַרבלאָנדזשעט דאָ אַהער אין גאַס.

לעהיי אַ הונט, געכאַפּט אין ווימלעניש פון סקווערן,
און ווייסט נישט מער דעם וועג צוריק צו זיך אַהיים.
אָט־אָט, וועט ער אין יאָגעניש צעשניטן ווערן,
אַפילו אָן אַ לעצטן טראַכט: אוי־ווי, די היים...

ער איז אַהער אַוועק מיט פריער אַ יאָרהונדערט.
די קאַטערינקע סאָפּעט־אויס די מאַרסעליעז.
צי קען נאָך היינט אַ ליד באַוויזן שיינע וואונדער
און הערצער צינדן, ווי אַ מאָל די מאַרסעליעז?

ער איז אַהער אַוועק מיט אַ יאָרהונדערט פריער.
סע גלייבט זיך נישט, ער שפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל.
„ווי קומט די קאַרבע פון דיין קערניצע צו ציען,
מעסיע, די מאַרסעליעז, דעם אינטערנאַציאָנאַל?״

„איך בין פון ווייט, מיין גוטער פריינט, אַהער געקומען,
נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, פון ליאָן, פון דער בעל־פראַנס.
אַ גאַסן־שלאַכט האָט מיר מיין מיידל צוגענומען,
מיט זעכציק יאָר צוריק, אין ליאָן, אין דער בעל־פראַנס.

און איידער זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם,
האָט זי מיר שטאַרבנדיק די אויגן אויסגעקושט.
אַ ליד, מאָן פרער, דאַרף זיין אין גאָט אַליין געראָטן,
און ווי אַ מיידל וואָלט עס, שטאַרבנדיק, געקושט...״

דער קאַטערינטשיק דרייט און דרייט די אַלטע קאַרבע.
די קלאַנגען בעטן זיך: אַ, נעם צעטראָג אונדז, ווינט.
אַ גרין קאַנאַריקל באַוויינט דעם לידער־חורבן,
און וואַרעמט זיך דאָס מידע קעפּעלע אין ווינט.

דער אַלטער קאַטערינטשיק שטייט אין גאַס־געטומל.
די קאַטערינקע שפּילט נאָך אַלץ דאָס אַלטע ליד.
ער זעט פאַר זיך זיין מיידל, וואָס איז אומגעקומען,
און פילט די שטאַרבנדיקע קושן אינעם ליד...

קלויסטער-נאַכט

די קלויסטער־מויער גליווערט ווי אַ פעסטונג.
די נאַכט איז קאַלט און טיף און פול מיט סוד.
וואָס טוען יונגע נאָנעס, איינגעפּרעסטע
אין אָט־דער קאַלטער טונקלעניש, אָ, גאָט?

וואָס טוען זיי אַצינד, נאָך אַלע תּפילות?
די בענקשאַפט הילט דאָס הייסע לייב זיי איין,
און זינדיקע מחשבות נעמען שפּילן
אין בלוט ביי זיי, ווי ביטער־זיסער ווייַן.

זיי וואַלגערן זיך שטיל אויף ווייסע בעטן,
און אַנגסטן פּלאָגן, לאָזן נישט צו רו.
פאַר וועמען קלאָגן זיך, צו וועמען בעטן?
אָ, גאָט, קום דו און ברענג זיי שלאָף, קום דו.

זיי שלאָגן זיך מיט דער נישט־ריינער טראַכטונג,
וואָס ס׳ברענגט דער שלאָף אין עלנטע פיר ווענט.
זיי יאָגן זי מיט פרעפּלעניש פאַרשמאַכטער
און מיט פאַרקלעמטע בעטנדיקע הענט.

נאָר וואָס אַלץ מער זיי שרעקן זיך צו טראַכטן,
אַלץ מער קאָשמאַרן ברענגט די שרעק מיט זיך.
אין האַלבן דרימל קומט דער קוים־געגאַרטער
און זעצט זיך לעבן זיי אויף ווייסער ציך.

אין פענצטער לייכט־אַריין דער גאַס־לאַמטערן,
דער קוים־באַגערטער נייגט זיך צו צו זיי.
אַ גוטע בלייכקייט נעמט־אַרום זיין שטערן —
די שרעק נעמט וועפּן ווי דער דינסטער שניי.

זיי שטרעקן קוים די הענט, כדי אים טוליען —
ווי דינסטער שניי האָט אויסגעוועפּט די שרעק.
נאָר אָט פאַרשווינדט ער אין דער נאַכט דער דולער,
און פירט מיט זיך דעם האַלבן שלאָף אַוועק.

ער שווינדט און קומט צוריק און לאָזט זיך האַלדזן —
מע גייט אַ תּהום אַריבער אויף אַ שטריק — — —

זיי שעמען זיך ביי טאָג די אויגן ווייזן,
און דאַווענען, אַראָפּגעלאָזט דעם בליק...

מאַריע רעדט צון איר יויזל

וואָס טראַכסטו, יויזעלע, מיין קינד?
מע קומט אונדז באַמבאַרדירן.
טו־אָן אַ קאַמופלאַזש געשווינד —
וואוהין זאָל איך דיך פירן? —

פון הורדוסן אַנטלויפט מען נאָך,
נאָר אָבער נישט פון באָמבעס.
אַט בלייבט פון דיר אַ פוסטער לאָך,
אַ וויסטע קאַטאַקאָמבע.

באַהאַלט דיך, יויזעלע, מיין קרוין,
און האַמער־צו די פענצטער.
אַט צילעוועט מען זיך דאָך שוין
אין דיין אָרעאָלן־קרענצל.

וואָס איז דער שיעור אַזוי צו שטיין
אויף אַלע קלויסטער־שפּיצן?
מיין קינד, מיין מאַנעקען פון שטיין —
אַט צלמען זיך בליצן,
וואָס וועלן דיר דאָס וויעך־האַרץ
צעמאָלן און צעשטויבן.
ווי לאַנג וועסטו עס שטיין פאַרטראַכט
און שלינגען ווירעך־לויבן?

דיין שיינעם נאָמען שרייען שוין
פּלאַקאַטן אויף טראַמוואַיען.
וואו נאָך וועט מען, מיין שיינע קרוין,
דיך לויבן און צעשרייען?

נאָר יעזוס שטייט און קוקט פון וויט,
און קען זיך נישט באַהאַלטן —
ער זעט, ווי ס׳גייען קריגער־לייט —
די ערד אויף שטיקער שפּאַלטן.

ער רירט נישט די פארשטיינטע האַנט
און דעקט נישט צו דאָס פּנים —
ער זעט די סאַמע גרעסטע שאַנד
צעוויקלען אירע פאַנען.

שקיעה-מאָטיוו

די שקיעה איז אַרײַן אין וואַלד
און האָט אים אָנגעצונדן.
ער שטייט אין שלײַפן פלאַמיקע
געפּענטעט און געבונדן.

ניטאָ שוין קיין אָנטרינעניש —
פון ביימער און פון קרײַטער
ווערט ווערן אַש אין פײַער־גזר,
אין שקיעהדיקן שײַטער.

די שריפה־צינגער ציען זיך
ווי פלאַמעדיקע שווערדן,
און אַלץ וואָס לעבט, ציט-אויס דעם האַלדז —
אויף באַלד פאַרטיליקט ווערן.

איך פלאָטער דורך דער ווײַטעניש
אויף שווערע פליגל אימה.
אין פײַער־פּחד קאַרטשען זיך
די שטאַמען פון די ביימער.

דער אָוונט-טויער ליגט פאַרוויסט.
דער וואַלד איז אײַנגעפאַלן.
איך געגן־אָן אַקעגן נאַכט
אַן אויסגעטראַכטן פּאַלאַץ.

איך פאַל צו זיינע שטיינער צו,
ווי פון אַ האַנט געשליידערט,
און קלאַמער מיך צו זייער מאַך —
מיין אויסגיין צו פאַרמיידן.

די שטיינער טוען מילדקייט אָן —
און ווערן מיך באַהאַלטן,
מיט אַלע מיינע ליכטיקע
פאַרגאַנגענע געשטאַלטן...

שקיעה אין שטאָט

די שקיעה, אַ לופטיק־צעפּליקטער באַנדאַזש,
קילט דער שטאָט אירע בראַנדיקע גלידער,
איר שטערן, דעם פיבער־צעגליטן.

אַ ווינט נישטערט־אום אינעם מיסט פונעם טאָג,
און די נאַכט שלייכט זיך צו, אין דער פאַכווע
אַ קראַנקע לבנה — ווער דאַרף זי?

אַ צווייג האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שטיינערנעם כרך.
אין אַ רגע, דורך מיסטישע סטרונעס,
האָט באַלד שוין אַ הונט זי געפונען.

אַ בעטלער טראָגט־אָפּ צו זיין ווייב זיין פאַרדינסט.
אין דער האַנט, מיט נדבות באַשפּיגן,
ליגט גרייט אויך אַ שמייכל, אַ ליגן...

פאַרלאָשענע שטערן

איך גיי אַרום אין אַ חלום־וואַלד.
אויף דיביימער — זאַפט־בורשטינען.
אין איינעם אַ בוים ליגט דער חכמה־קוואַל —
מע דאַרף אים נאָר קענען געפינען.

דער זאַפט איז געגליווערט און האַרטעוועט זיך
אויף דער קאָרע, ווי צייטיקע קאַרשן.
איך בלאָנדזשע־אַרום אין לבנה־ליכט
און אין מויל איז מיר זיס דאָס דאַרשטן...

איך זוך אַרום דעם חכמה־בוים —
אוי, העלף מיר אים, גאָט, דערקענען,
כ׳האָב פון אַלע ביימער געגעסן שוין,
נאָר דער דורשט וויל מיך אַלץ נאָך פאַרברענען.

די ביימער זיינען זיס און שיין...
איך פיל נישט די דערנער, וואָס שטעכן
און לאָזן מיך נישט ווייטער גיין,
און איך הער נישט דעם חושכ׳ס געלעכטער...

אַלץ טונקעלער ווערט די לבנה־שיין.
מיך באַניוכען פינצטערניש־בערן
און נעמען מיך אין אַ שפּיל אַריין
אונטער צוועלף פאַרלאָשענע שטערן.

די שטערן גייען אַ קאַראַהאָד —
און איך, איך בין אין דער מיטן.
רייס מיך אַרויס פונעם חלום, גאָט,
איך פיל, אַז איך ווער פאַרשניטן.

געווען איז דער האָניק מיט סם געמישט
און איז זיס אין די ביינער גערונען.
איצט גייט מען אויף מיר פון דער חושכניש
פונעם וואַלד און — מ׳האָט מיך געפונען.

שלאַנגען מיט מיידל־קעפּ רינגלען מיך איין
און צישען פאַרשייט און בלינצלען.
טונקעלער ווערט די לבנה־שיין —
אוי, כאַלט איך אַצינדערט בלינד זיין!

סע פלאַטערן מחנות פלעדער־קעץ,
די פייגלישע שנאָבלען אין גאַווער.
מע טאַנצט אַרום מיר ווי אַרום אַ געץ,
און מע סאָפּעט און העפּעט און האַוועט.

און אָדלערס מיט הערנער און ציגענע פיס
און מיט שטשיריקע ציינער־שפּיצן;
און שדעכעס מיט דריי פּאָר בריסט
שטרעקן־אויס צו מיר די ציצן.

איך בין געוואָרן גאָרנישט־נישט
אינעם וויסטן שדים־געטומל.
איך בין אין דער שוואַרצער שמחהניש
אַ בלינדער אומגעקומען.

פון דער ווייטנס

פון דער ווייטנס ציקלט־אַן אַ מינחה־דאַוונען,
ביז אין מיטן שטאָט פון טומל און געהאַווע.

שוואַלבן־רייען הער איך פון דער ווייטנס טרעלן,
זייער תמימות לייגט זיך שטיל ביי מיינע שוועלן.

פון דער ווייטנס פּאַכען ווייסע הענט — זכרונות,
ביז דער הפקרדיקער, ווייטער שטאָט, וואו כ׳וואוין איצט.

דאָ פאַרבלייכט די מינחה אינעם גרילץ פון טראַמען —
און סע לייגט זיך נישט די האַנט צו שרייבן גראַמען...

אַ ווינטל

אַ ווינטל קלאַפּט אין פענצטער שטיל,
ווי ס׳זאָל מיך פרעגן, וואָס איך וויל.
אוי, ווינטל, אָט אין דער מינוט
איז אַזש פון בענקשאַפט קראַנק מיין בלוט.

איך טראַכט אַצינד פון אַ געשטאַלט,
און פיל — סע פלאַצט דאָס האַרץ מיר באַלד.
וואו איז זי, די געשטאַלט? עק וועלט.
און איך בין דאָ צו שפּאָט געשטעלט.

מיך שטעכט די בענקשאַפט ווי אַ בין.
פלי, ווינטעלע, כאָטש דו אַהין
און קוש די קאַרש, די ליפּן אירע —
און ברענג מיר זייער טעם צו פירן.

די עפּל קוש, וואָס פאַר איר הויז,
און ברענג מיר כאָטש דעם ריח בלויז.
אַ קוש גיב אויכעט אירע אויגן —
זיי האָבן מיר די קני געבויגן.

נו, פלי — און זאָל זשע דיר געראָטן,
אַז דו זאָלסט ברענגען כאָטש איר שאָטן...

אַ גרוס פון איר

ברענגט פון ווייט אַ גרוס פון איר דער ווינטל־האָרן —
גיט אַ טיפּן ברי אין לייב אַן אַלטער דאָרן.

מיינע בליקן נעמען נידערן ביי איר נאָמען,
און דאָס האַרץ פאַרגייט זיך אין אַ שטיל געיאָמער.

וואָס די צייט פאַרשווענקט און וואָס זי לאָזט מיר איבער,
נאָר דאָס טראַכטעניש פון איר ווערט אַלץ מער ליבער.

ווען דער קאָפּ פאַרזינקט ביי מיר אין שווערן אומעט,
דעמאָלט שרייב איך איר געטרייע בריוון, שטומע...

ווינטל, נעם אויך איצט צון איר אַ בריוול, נעם עס,
זאָג איר, אַז איך האָב זי אַלץ נאָך ליב אַן־אמת.

זאָג איר, ווינטל, וואָרט נישט, ביז זי וועט דיך פרעגן —
זי וועט מיר פאַרחלומען מיין לעצטע רגע.

זאָג איר, זי וועט זיין מיין גאָר־לעצט וואָרט מסתמא,
סיידנס נאָר, אַז איך וועל דעמאָלט שעפּטשען: מאַמע...

טאָמער זעסטו שרהלען

טאָמער זעסטו שרהלען —
זאָג איר — כ׳על זי אייביק ליבן,
כאָטש איך האָב איר ביזקל היינט
נאָך קיין איין מאָל נישט געשריבן.

זאָג, איך שרייב איר האַלבע נאַכט,
אַז סע וויל דער שלאָף נישט קומען,
ווען די בענקעניש הייבט־אָן
וואָרקען אין מיין האַרץ און ברומען.

דעמאָלט שיק איך איר אַ בריוו, —
דורך אַ ווייטן־ווייטן עיגול
פלאַטערט־פליט די בענקעניש,
און זי ברענגט אים אויף די פליגל.

דורך די ווייטן האַלדז איך זי,
נישט מיט הענט און נישט מיט ליפּן —
נאָר דער טרויער אין געמיט
ציקעט דורך פאַרטרערטע זיפּן.

וואַלגער איך מיך ווי אַ שלאַנג
און איך טראַכט פון לאַסקעס שיינע,
ביז דער אינדערפרי ווישט־אָפּ
פון דער שויב דאָס שטומע וויינען...

ייִנגעלע, ייִנגעלע

ייִנגעלע, ייִנגעלע איינגעשפּאַרטס,
לאָ׳מיך דיך צודריקן צו מיין האַרץ.
לאָ׳מיך דיר גראַמען ייִדישע ווערטער
און זינגען ייִדישע לידער פאַרקלערטע.

זיין ליבן נאָמען קומט אַ לויב —
סע הענגט שוין אַ שטערן אין דער שויב.
כ׳האָב אַנגעוואוירן — נישט איבערצוציילן.
קען אַן איינציקער שטערן מיין אומגליק היילן?

העלף מיר זינגען, שלאָף נישט איין —
דער טאַטע וועט ברענגען אַ פּעסעלע וויין.
און נאָך וועט ער ברענגען, און נאָך וועט ער ברענגען
קימפּעט־בריוולעך, די שטוב צו באַהענגען.

קימפּעט־בריוולעך, ווייס ווי שניי —
ליכטיק וועט ווערן די שטוב פון זיי.
זיי וועלן וואַרקען ווי טויבן־פּאָרן —
און זיין אַ טרייסט נאָך פאַרשניטענע יאָרן.

גלאָסאַר

צו דער „באָבע רויזע״ (זייטל 64)

מאַלאַי — געבעקס פון קוקורוזע־מעל

לאַדין — לאַדיש

דולטשעץ — אַזאַ איינגעמאַכטס

פאַרילע — געווירצטער בראָנפן

זויגען — טראָגן אַ שווערע משא

פאַפשויע־מעל — קוקורוזע־מעל

טאַווע — באַק־בעקן

צעטעכען — צעטיילן

צו „דודיע בלעכער״ (זייטל 108)

האָניען — טרייבן

פאַטשן (נישט פאַטשן) — לייגן קאָמפּרעסן

ארון־חושך — פאַרגרייזט פון הרי־חושך

צו „זומער־ווינט״ (זייטל 127)

הודיעני — לאָז מיר וויסן (פון הודיעני ד׳ קצי, תהלים לט׳ ה׳)

עטלעכע ווערטער:

איך דאַנק האַרצעדיק מיין טייערן חבר, דעם מדרש־פאַרשער שמשון דונסקי, וואָס ער האָט גערנוויליק געלייענט די קאָרעקטורן פון די לידער און מיך אויסגעהיט פון אַ סך גרייזן — נישט דווקא טיפּאָגראַפישע. ער האָט מיך, למשל, נישט געלאָזט שרייבן זיכר (זייכער), נאָר זכר; נישט חרב, נאָר חרוב; נישט שימות (שיימעס), נאָר שמות; נישט חייה, נאָר חיה — וכדומה. — אַ האַרציקן דאַנק אויך מיין פריינט, דעם מוזיקער דוד באָטווינניק, וואָס ער האָט מיר געהאָלפן פאַרשרייבן אויף נאָטן די צוויי מעלאָדיעס, וואָס גייען אריין אין בוך. ס׳איז, אגב, איצט נאָך־נישט צו שפּעט צו דאַנקען דער ענגליש־יידישער דיכטערין ווערא בלעק, וואָס האָט מיר געטאָן די אייגענע טובה מיט די צוויי מעלאָדיעס, וואָס זענען אַריין אין מיין ערשטער זאַמלונג לידער, 1940. — און אַ דאַנק קומט, פאַרשטייט זיך, דעם יוסף ווינעצקי־פאָנד ביים יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק, וואָס האָט מיר באַוויליקט אַ סובסידיע אַרויסצוגעבן דאָס איצטיקע בוך. — און אחרון אחרון חביב — אַ האַרצעדיקן דאַנק דעם ח׳ מלך ראַוויטש פאַר דער הקדמה צום בוך, וואָס ער האָט זי מיר אָנגעבאָטן נאָך מיט צען יאָר צוריק. דאָס האָט ער טאַקע מיך צוגערעדט, ער און נאָך עטלעכע פריינט, צווישן זיי די מאַמעדיק־געטרייע אידע מאַזע ע״ה — אַרויסצוגעבן די איצטיקע זאַמלונג לידער. — פון מיין ערשטער זאַמלונג זענען אין מיין איצטיקער אַריין בלויז דריי לידער: „די זון״; „חידושט זיך נישט״ און „אין דער לאַנקע אַ טייכל גייט״.

די מוזיק פון „בין איך מיר אַ שניידערל״ איז נישט פאַרן גאַנצן ליד, נאָר גיכער פאַר די ערשטע זעכצן און לעצטע זעכצן שורות. דאָס אייגענע איז מיט „חידושט זיך נישט״ — בלויז די ערשטע העלפט „זינגט זיך״. —

היפּש עטלעכע שורות אין מיין ערשטער זאַמלונג לידער בעטן זיך, מע זאָל זיי צופאַרריכטן. ס׳איז פאַלג מיך אַ גאַנג. נאָר איכ׳ל עס אפשר פאַרטון אין אַ דריטער לידער־זאַמלונג — בקרוב.

מ. מ. ש.

תוכן

זייטל

הקדמה 3

איך קום אַהיים

אַט בין איך ווידער דאָ 7
ביים טאָל מיט אַש 7
פּאַרוויסט 8
כ׳האָב נישט געזען 9
איך קום אַהיים... 10
פייגעלע, פלי מיר 13
אַן ענן 14
צו מיין אויסגעהרגעט שטעטל . . 15
אַ, פויערל... 15
ווערט זיין 16
בריוו 16
אַ קינד אַזוינס 17
יחזקאלע 18
אַ פּאָר שורות פון אַ בריוו צו קיינעם־נישט 19
כ׳קען מיך מער אין תפילה נישט פאַרדיבקהן 20
אַ ליד צו אַ פייגעלע אין 1942 . 20
גאַרונג 26
האַלב נאַכט אין אַן אויסגעהרגעט שטעטל 27
אַ דייטש 30
דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע . . . 31
האַרבסט 1942 32
אין אַ נידער, ערגעץ ווייט . . . 33
שטעטל מיינס, דערוואָרגנס און צעלאָמעטס 34
יחזקאל 35
צי ווערט 36
זאָג מיר, דיכטער 37
איז דאָ באַשייד 40

זייטל

שוויתי...

שוויתי... 41
דורך ווינטן 42
די שקיעה־שייטערס 43
איך בין אַ פעלדז 44
אַ בוים 45
איך וואָלט נישט געקענט דער־טראָגן 47
אַ קאַשמאָר 47
אליהו הנביא 48
די שטערן 49
כ׳בין נאָר אַ ברעקל אות 50
חצות... 51
תפילה־שירה 51
טרייסט 52
משיח 54
די תפילה פון אַ זעלנער 56

אַ כמאַרע טרויער

אַ כמאַרע טרויער 57
שטילע לויב 57
מיין הֵיים־שטאָט שאָץ 58
צום יידישן פאָלקסליד 59
אַ, נעם נישט צו 60
אַ באַדעקנס 60
(מוזיק דערצו) 62
איינגעשטילטע שורות 63
די באָבע רויזע 64
אין אַ יאַגנדיקער באַן 70
חלום־לעמפּ 71
פון אַ געסל לעבן מיסט 71
כ׳בין פאַטאָל פאַרליבט 72
דערפאַר 73
בלויע תכריכים 74

זייטל

אַז וואָס איך זינג

אומעט און פרייד 75
אַז וואָס איך זינג 76
אין לאַנד פון מײַנע אויסגע־
דאַכטסן 76
אין וואַנדער אַ בוים 78
איך קוק אַרויף צו די שטערן . . 78
איך קלייב די לידער־שורות . 79
אין פלאַם 80
איך ווייס 81
אין דער שענק פון שיינקייט . . 82
גוטער, מוטנער רעגן 84
דו, מיין ליד אין אומעט . . . 85
אַ ביטער ליד 85
באַגעגעניש אויפן טראָטעוואַר . 87
איך זינג נישט ווי דאָס פייגעלע . 90
אַ טייכעלע 91
די שלעכטקייט איז אַן אַלטע . 91
אַ פידל אַן סטרונעס 92
איך היפּע נישט פון ליד צו ליד . 92
אין די קאַרפּאַטן 93
אַ גלעזעלע, אַ בלויס 94
אַ שורהלע בלימעלעך וואו . . 95
אינדיאַנער זומער 96
האַרץ, וואָס דאַרף איך דיך ? . 97
אַ שפּליטער זיוו 98
בלחש 99
דער הימל איז אויסגעשטערנט . 100
בין איך מיר אַ שניידערל . . . 100
(מוזיק דערצו) 104
אַ קעמל טראָגט מיך דורך דער
מידבר 105
אַ מאָל איז געווען אַזוי און אַזוי . 105
דודיע בלעכער 108
כ׳על איבערלאָזן אַלץ 114
ביי דער טיר 117
מיך יאָגן ווינטן אום 117
באַשאַף 118

זייטל

די בענקשאַפט 119
וואָלקן־שפּיל 119
מיין חלום־אָדלער 121
דאָס אייגענע ליד 122
היינט 122
וואויל איז דעם 123
כ׳האָב געפונען אַ ליד, אַ פּאָר־
שעמטס 123
זאָג מיר, בוים 125
וואָס גאָט האָט אין זיין גוטסקייט
שיין געשפּונען 126
זומער־ווינט 127
די זון 127
גאָט, נאָר דו אַליין 128
נאָענט ביי דער ערד 129
ליבשאַפט 129
לידער־פּרוכט 130
מיין וואָרט 131
מלכות טרוים 131
פאַרן טאַטעם 133
מאָנאָלאָג פון אַ מאַריאָנעט . . 134
סע כליפּעט אין מיר 136
פאַרוואָס זאָל איך זיין 137
פאַרגיין 137
שיפל זיך, מיין שיפעלע . . . 138
צון אַ שטערנדל 139
די באַלאַדע פון דער פּוסטער מיל . 140
שפּיל אַלץ שטילער, שטילער . 144
שפּעטער און פריער 145
פיר קאַטאָוועסלעך 145

וואַלד און ווינט

וואַלד און ווינט 146
ביי מיר אין גאָרטן 147
באַלאַדע 147
דורך דער לאַנקע אַ טייכל גייט . 148
ביי דער קאַפּליצע 149
באַלאַדע פונעם גאָס־לאַמטערן . 150
צון אַ בלה 152

זייטל

אין פּאַרק א. 153
אין פּאַרק ב. 154
אַ מיידל 154
די ווייטע בריק 155
איך פאַרשעלט מיר מיינע יאָרן . 156
די באַלאַדע פון דער שרעק אין וואַלד 157
חידוש זיך נישט 158
אין פאָלקס־טאָן 159
פאַרשעמטע טעכטער 160
אַן אויסגעבויטע שטוב 161
פּאַרטאָג־באַלאַדע 162
זאָל קומען פאַר גאָט דער צער . 162
אַ מיידל מיט אַ הויקער 163
די וואונד 164
פון אַ בוים דערטראָגט זיך . . . 165
אַ באַנאַל ליד 166
איבער אונדז 166
פינצטער־ליכט 167
ווינדעלעך 167
מיין ייִנגעלע 168
ווער האָט מיין ווייטיק אויסגע־טראַכט? 169
זומער־פּאַרטאָג אין וואַלד 169
אין אַ קינדס אַלבום 170
דער שרייבער 170
געשטאָרבן מיין גאָלדן פישל . . 171
אַ הירש 172

שטאָט

שטאָט 173
אַ זערנע מאָן 176
אין געיעג 176
ראָי סטריט 177
איבער די גאַסן — די באַנען . 178
אין טראַמוויי 179
אַ באַן 181
אַ פינצטער ליד 181
אַ פינצטערער פויגל 182
איך בין אַ צאַנקעדיק ליכטל . 182
די בלייכע גראַפיניע 183
אָנהייב טאָג אין שטאָט 185
שטיינערנע מויערן 185
אַ בלעטל אין זיכרון 186
אַך־אַך־אַך 188
גרויס־שטאָט־אָנונג 189
שטאָט פּאַרטאָג 190
שטאָט־מאָטיוו 190
ביים קאַנאַל 191
איך בלאָנקע אַרום 193
מאָנטרעאַלער הינטער־גאַסן ערב־זונטיק 194
דער גאַס־לאַמטערן צינדט זיך אָן 194
אַ רעסטאָראַן, פאַר טאָג, דאַן טאַן 195
אַ ייִנגעלע פון צוויי מאָל צוויי . 196
מיינע פיר ווענט 197
דער שטאָט־געֿרעש 198
ביי דער אַרבעט 199
שאַפּ־בילדל 199
שקיעה 200
גרויס־שטאָט־נאַכט 200
שטאָט ביי נאַכט 201
שטאָט־אידיל 202
קלויסטער־נאַכט 203
מאַריע רעדט צון איר יויזל . . 204
שקיעה־מאָטיוו 205
שקיעה אין שטאָט 206
פאַרלאָשענע שטערן 206
פון דער ווייטנס 208
אַ ווינטל 208
אַ גרוס פון איר 209
טאָמער זעסטו שרהלען 209
ייִנגעלע, ייִנגעלע 210